STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10006

KUNST UN KINSTLER

Jacob Rodack

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב ראָדאַק

קונסט און קינסטלער

אָפּהאַנדלונגען איבער אונדזערע קלאַסיקער

אין באַטראַכטונגען וועגן דעם עצם פון ליטעראַטור אויך מיניאַטור קריטיקן איבער ביכער און זייערע שרייבער. (באַשטייענדיק פון אַרום קאַרגע הונדערט שרייבער) — כמעט אַ לעקסיקאָן אין מיניאַטור.

ניו יאָרק — 1955.

KUNST UND KINSTLER

By JACOB RODACK

Published by his children

Title and Drawing by His Son
ABRAHAM RODAK

Copyright, 1955
by
MARTIN AND SHIRLEY RODACK
172 Rodney Street
Rrooklyn 11, N. Y.

Printed in U. S. A., by

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

166

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY
MAY 4 1956 D

יעקב ראַדאַק

יעקב ראדאק

(ביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן מיין בן־עיר און יוגנטפריינט יעקב ראָדאַק)

מיר ווילן דאָ אויף אונדזער באַשיידענעם אופן, אין איינקלאַנג מיט אונדזער יידישער טראַדיציע ווי מ׳דאַרף אַ נפטר צוטיילן זיין לעצטן חסד של אמת, דערציילן פון זיינע מעלות און מידות טובות פון זיינע ממשותדיקע אויפטואונגען אויף דער זינדיקער וועלט, פּרובירן אויפשטעלן אַ ביאָגראַפישע פּאָרטרעט פונעם נפטר יעקב ראָדאַק ע״ה, אויספורעמען זיין פּערזאָן ווי מיר האָבן אים געקענט פון זיין פריסטער יוגנט אָן אין זיין געבורטס שטעטל אין מלאַווע ביז זיין לעצטן אָטעם צוג אין ניו־יאָרק.

יעקב ראָדאַק איז געבוירן געוואָרן אין דער אַמאָליקער יידן־שטאָט מלאַווע, אין פוילן, ביי דער פּרייסישער גרענעץ אין יאָר 1894 ביי בעל־הביתשע פרומע עלטערן, וועלכע האָבן אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלער יידישע דערציאונג. זיין פּאָטער, ר׳ יוסף ראָדאַק, האָט געהאַט אַ זייגערמאַכער געשעפט אין מאַרק (אין הויפּט האַנדלס פּונקט פון שטאָט) און איז געווען פון די חשיבה העיר. אַחוץ וואָס ער איז געווען אַ דאָזער אין שטאָט און גבאי ראשון אין דער גרויסער שטאָט שול, האָט ער זיך אויך געעוסקט מיט אַנדערע שטאָטישע ענינים כל יומו. זיין מוטער, אַן איידעלע, צאַרטע יידישע פרוי, איז געווען די טאָכטער פונעם באַוואוסטן חסיד און למדן ר׳ בנימין כהן פון פלינסק (דאָס שטעטל אין פוילן וואו דוד בן־גוריון איז דערצויגן געוואָרן) האָט געהאַט אַ קורץ לעבן, נאָך יונג אין יאָרן איז זי אַוועק פון דער וועלט. איז זיין פּאָטער געבליבן אַן אלמן (רחמנא לצלן) מיט 5 קליינע יתומימלעך. שפּעטער איז ער באַוואויגן געוואָרן חתונה צו האָבן מיט אַ צווייטע פרוי. און זיינע קינדער, יעקב בתוכם, זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַ שטיפמוטערישער אַטמאָספערע אַזוי צו זאָגן וואָס האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף דעם יונגן יעקבן זיין גאַנצן לעבן.

יעקב ראָדאַק איז געוואָקסן, געוואָרן אַנטוויקלט, געוואָרן אַ יש אַזוי צו זאָגן. האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און טיפער צו באַנעמען דאָס אַלגעמיינע ווי דאָס

יידישע לעבן. ער איז דורכגענומען געוואָרן מיט אַ באַגער נאָך אַ יידישער מסיבה.

אין די יאָרן פון 1909—10 האָט מלאווע שוין פאַרמאָגט צוויי אָנגעזעענע יידישע קולטור אינסטיטוציעס. דער הזמיר, וואו עס האָבן פאַרקערט גאָר גבירישע קינדער, וואו עס האָט געהערשט די בורזשואזנע אַטמאָספערע, אַזוי צו זאָגן און אַן אַרבעטער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען ביי דעם פּאַפּי־לערן מענדל ווישינסקי אין הויז, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט און גייסטיקוו אויסגעלעבט די קינדער פון האַנטווערקער, בעלי־מלאכות, האָרע־פּאַשנע פאָלקס־מענטשן וכדומה.

פאַר יעקב ראַדאַק, אַ זון פון אַ חזאָר און כלל־טוער פון שטאָט, וואָלטן אָן ספק די טירן און טויערן פונעם רייכן אַריסטאָקראַטישן הזמיר זיכער געווען ווייט און ברייט אָפן אַהין אריינצוקומען אַלס אַ מיטגליד. געצויגן האָט אים אָבער צו די אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, באַטראַכטנדיק זיך אַלס איינער פון זיי. מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג האָט ער באַזוכט די פאָלקסטימלעכע אַרבעטער ביבליאָטעק. פון מאָל צו מאָל איז געוואָקסן זיין אינטערעס צו הערן אַ ניי וואָרט, די אַזוי־גערופענע דברי־תורה פון די גרויס שטאָטישע רעפערענטן און לעקטאָרן.

אינצווישן איז ער געוואָרן דרייסטער, אָנטייל גענומען אין עפנטלעכע דיסקוסיעס. זיך באַקענט מיט די יידישע קלאַסיקער, מיט דעם פּיאָנערן דור פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דער ביבליאָטעק אויך אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צום שרייבן. און בכלל זיך אָנגעהויבן מער צו פאַראינטערעסירן מיט דעם קולטורעלן און סאָציאַלן לעבן פון די יידישע מאַסן.

יאָרן לויפן! יעקב ראַדאַק האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן תכלית. עס האָט אים געלאָקט דאָס נייע, פרייע ממש לעגענדאַרע לאַנד אַמעריקע. זיין פאָטער האָט אים געגעבן געלט אויף הוצאות און ענדע יאָר פון 1911 אַלס 17 יאָריק בחורל האָט ער פאַרלאָזט מלאווע (פאַקטיש שוין אויף אייביק, מחמת מער האָט איינער דעם צווייטן זיך שוין נישט געזען) און אימיגרירט קיין אַמעריקע צו זיינס אַ פעטער, אברהם ראַדאַק (זיין פאָטערס אַ ברודער) וועלכער האָט אין ניו־יאָרק, ווי זיין ברודער אין מלאווע אויך געהאַט אַ זייגערמאַכער און צירונגס געשעפט.

יעקב ראַדאַק האָט אָבער ביי זיין אָנקל לאַנג נישט געווילט. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ גראַמאָפאָן פאַבריק וואָס איז אין יענער צייט געווען שטאַרק אין מאָדע. אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן שווערע געדריקטע צייטן. געלעבט אונטער שווערע באַדינגונגען, געליטן און געחלומט פון אַ שענערע, בעסערע און מער יושרדיקער וועלט.

זומער פון יאָר 1912 באַגעגענען מיר זיך ביי אים אין זיין חדר מיוחד אין 35 פייק סטריט. זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן צו לערנען, צו שטודירן,

געווען אַריינגעטאָן אין שרייבן סיי פּאָעזיע און סיי פּראָזע. געהאָפט צו ווערן אַ יידישער שרייבער (און נישט קיין פאַבריק אַרבעטער) ווייל שרייבן איז געוואָרן זיין הויפּט טרוים, זיין הויפּט אַמביציע. צו דעם האָט ער געצילט פון די יונגסטע יאָרן אָן און נאָך דעם האָט ער געבענקט זיין גאַנץ לעבן.

אָבער בעת ער האָט פון קיין שום אַנדערע זאַכן ווי שרייבן, נישט גע־וואָלט אפילו טראַכטן. גראָד דעמאָלט באַגעגנט ער אַ מיידל מיטן נאָמען גאָסי (גיטל) אַ יונגע, אַ שיינע שלאַנקע פיגור און דערזעענדיק איר, זיך אין איר פאַרליבט און אינגיכן (ענדע יאָר 1916) מיט איר חתונה געהאַט.

זיינען אַוועק אַ צאָל יאָרן: יעקב איז געוואָרן באַלאַדן מיט 5 קינדער וואָס זיין גאָסי האָט אים געבוירן. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן האָט די מוטער זיי אַריינגעגעבן אין דער שכנישער וויליאַמסבורגער פאָלקס שולע פון א. ב. א. פ. צו געבן די קינדער אַ פּאַסיקע יידישע דערציאונג כדי זיי אויפצובברענגען אַלס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיניקע יידן. אגב ווערט יעקב איי־נער פון די הויפּט פאַרוואַלטער און טוער אין דער שולע און אין אַרום דער שולע, וואו ער איז דאָס פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער איז אויך געווען אַ טעטיקער און חשובער מיטגליד אין דעם מלאַווער־בענדינער אָ. ר. ברענטש 639.

יעקב ראַדאַקס לעבנס־וועג איז ווייט נישט געווען באַצירט מיט בלומען. אים איז אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך מיט פּראָבלעמען וואָס דאָס האַרטע רעאַלע לעבן האָט אים צוגעטיילט און באַשערט. אַלערליי מניעות, קאָמפּלי־קאַציעס און שטרויכלונגען האָבן פאַרביטערט זיין געמיט. נישט געקוקט אויף די אויסערגעוויינלעכע שווערע באַדינגונגען וואָס אים איז אויסגעקומען צו לעבן און שאַפן. מאַכט ער אין אָנהויב פון יאָר 1925 אַ פאַרמעסט מיט נאָך אַ גרופּע שרייבער אַרויסצוגעבן אַ חודש זשורנאַל אונטערן נאָמען „דער באַגינען", וואו יונגע שרייבער זאָלן קענען ברענגען זייערע שאַפונגען צום אויסדרוק און צו די לייענער. קיין גרויס הצלחה האָט ער אין דער דאָ־זיקער אונטערנעמונג נישט געהאַט. דער „באַגינען" האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך אַ 3 יאָר. דאָך קאָן דער דאָזיקער אויפטו אָן ספק באַצייכנט ווערן אַלס אַ באַדייטענדע מאָראַלע באַפרידיקונג. באַזונדערס פאַר יעקב ראַדאַקן, מחמת אַ דאַנק דעם „באַגינען" איז פאַר אים דערמעגלעכט געוואָרן אָפּצודרוקן דאָרטן עטלעכע צענדליק פון זיינע וויכטיקסטע בעלעטריסטישע שאַפונגען. זאַכן וואָס האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען מיט זייער אייגנאַרטיקייט און אַנדערשקייט. אויסער דעם האָבן זיך זיינע זאַכן אָנגעהויבן דרוקן אין אַ צאָל צייטונגען און אין פאַרשיידענע צייט אויסגאַבעס איבערן לאַנד. צווישן זיי: „האָדסאָן", „אידישע נייעס", „מאָרגן־שטערן", פּאַסייק אידישער רעקאָרד", „אידישער מאָרגן־שטערן", קענעדער אידישער אָדלער", קליוולאַנד „אידישע צייטונג", וכדומה. אין די אַלע אויסגערעכנטע צייטשריפטן האָט ער פאַרנומען אַ גאַר

חשובן פלאַץ, און ביי די לייענער האָבן זיינע אַרבעטן אַרויסגערופן אינטערעס און אויך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און לויב מצד דער קריטיק.

אין זומער פון יאָר 1934 האָט אים אַ שווערער אומגליק געטראָפן: זיין געליבטע און שטענדיק שמייכלדיקע פרוי, גאָסי, איז אין איר סאַמע בליענדע יאָרן אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזנדיק אים, יעקבן, מיט 5 קליינע קינדערלעך. משמעות, אים איז געווען באַשערט צו טיילן דעם פינסטערן גורל פון זיין פאָטער. און אַז זיינע קינדער זאָלן אויך, ווי ער, מוזן דערצויגן ווערן אין אַן ענלעכער שטיפמוטערישער אַטמאָספערע, פון וועלכן עס האָט אים, יעקבן, מיט יאָרן פריער געטריבן צו אַנטלויפן אין דער פרעמדער וועלט אַריין.

איבעריק צו זאָגן וואָס דער דאָזיקער פאַרלוסט פון זיין פרוי האָט אים געטראָפן, ווי עס האָט צעטרייסלט זיין לעבן. טראָץ דעם, וואָס אַלץ איז געווען קעגן אים, האָט ער דאָך דעם חשק צו לעבן און שאַפן ניט פאַרלוירן, און איז ווייטער געגאַנגען אויף זיין, פון פריער, באַשטימטן וועג. מיט אויסערגעווינלעכער עקשנות און גייסטיקן ווידערשטאַנד האָט ער פון זיך אַוועקגעטריבן דעם טרויער, און געזוכט צו געפינען טרייסט אין זיינע באַנייטע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס האָט אים פאַרשאַפט גרויסע מאָראַלע באַפרידיקונג. זיין האַרץ האָט ממש אַנגעקוואָלן ווען ער האָט פאַרענדיקט אַ געלונגענע דיכטערישע אַרבעט, אין וועלכער ער האָט געזאָגט אַ ניי וואָרט, אַרויסגעבראַכט אַ נייעם געדאַנק.

אַרום 1935 ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער פילאַדעלפיער יידישע טאָג צייטונג „די אידישע וועלט", וואו ער האָט רעגלמעסיק געדרוקט זיינע אָריגינעלע קינסטלערישע אָפּהאַנדלונגען איבער די יידישע קלאַסיקער און איבער ליטעראַטור און אַלגעמיין וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גלענצענדיקן סטיל אין יידיש.

אַ צייט שפּעטער באַטייליקט ער זיך אויך אין „אונזער עכאָ", אַ צייטונג וואָס איז דערשינען אין מלאַווע, וואו ער האָט געדרוקט אַ צאָל שטימונגספּולע רעפלעקסן, ווי: ניו יאָרק, צו דיר„ די נאַכט, א. אַ. וו. און אַ צאָל אָפּהאַנדלונגען איבער יידישע קינסטלער א. אַ. וו.

יעקב איז פון נאַטור געווען אַ ראָמאַנטיקער, אַ טרוימער, אַ שטימונגספולער מענטש. אויף דעם קאָנען עדות זאָגן זיינע צאָלרייכע שאַפונגען. אַ פרעמדן האָט זיך געדאַכט אַז ער געניסט און לעבט. שפילט זיך אין ליבענישן. אין דער אמתן איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט זיין אייביקע ליבשאַפט צו דער מלכתא יידיש.

יעקב איז געווען ראשו ורובו אַריינגעטאָן אין זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, ווייל ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע וואָרט, דאָס יידישע בוך, די יידישע ליטעראַטור א. אַ. וו. דאָס האָט אים כמעט אינגאַנצן אַוועקגענומען פון כלל טועריי און ער האָט פאַרנאַכלעסיקט געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. צוליב דעם

זיינען זיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען געוואָרן באַגרענעצט צו אַ געוויסן באַגענטן קרייז מענטשן. דערפאַר אָבער איז ער געווען זייער לייכט אויף דער פעדער. געפירט אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ סיי מיט אַ צאָל חברים, פריינט און באַקאַנטע, סיי מיט אַ צאָל שריפטשטעלער. אין דער הינזיכט איז געווען זיין טבע וואָס ער האָט נישט געוואָרט אויף כבוד... ער האָט צו ערשט יענעם געשריבן. זיינע בריוו זיינען שטענדיק געווען אינטערעסאַנט ביז גאָר, און מיט אַ גייסטרייכן אינהאַלט.

יעקב ראַדאַק איז אויך געווען אַן איינדרוקספולער רעדנער. פון זיינע פריע יאָרן אָן האָט ער שוין אַרויסגעוויזן אַ באַגאַבקייט אַלס רעדנער. אַ קלאָרער אַרויסברענגער פון זיינע געדאַנקען. זיינע רעדעס זיינען געווען ספּאָנטאַן און האָבן געשטראָמט פריי, נישט געווען געפּעטעט.

כאָטש ער איז געווען אַן ערנסטער מענטש, אַ מענטש וואָס האָט געלעבט אין אַ שטענדיקן שטורעם אַזוי צו זאָגן און כסדר געווען פאַרטאָן מיט זיין פערזענלעכער שווערער מערכה, האָט ער דאָך פאַרמאָגט אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר. זיינע פאָלקס מעשהלעך, משלים, גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטן א. אַ. וו. זיינען געווען דורכגעוועבט מיט יידישן חן, און האָבן געשפּראָצט מיט פיינעם הומאָר און האָבן שטאַרק פאַרוויילט זיינע צוהערער אַרייננברענגענדיק יום־טובדיקייט אין זיין סביבה אין דעם צייטנוויז אַזוי שווערן וואָכעדיק לעבן. אויסער דעם האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט צו שרייבן הומאָר און סאַטירע מיט לאָגיק און אויסגעהאַלטנקייט. אויב נויטיק געווען האָט ער געשריבן מיט אַ בייסנדיקן סאַרקאַזם, אויך אויף דעם געביט האָט ער זיך אויסגעצייכנט.

דעם ברייטן יידישן עולם, דער עולם וואָס לייענט די טעגלעכע יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק איז דער נאָמען יעקב ראַדאַק ווייניק באַקאַנט. לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג זיינען די הויפּט־סיבות פאַר דעם מסתמא געווען, וואָס ער האָט סתם נישט באַזעסן קיין שפּיציקע שאַרפע עלענבויגנס צו שטופּן זיך צום אויבן אָן. ער איז געווען איינער פון דער מחנה, אַ באַשיידענער האָרעפּאַשנער עמך מענטש. וואָס ס׳איז געווען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. מיט דעם דערקלערט זיך אויך פאַר וואָס ער האָט ביים לעבן נישט געהאַט דעם נחת־רוח צו זען אַלע זיינע שאַפונגען צוזאַמענגענומען און זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין בוך פאָרם. צוזאַמען וואָלט דאָס פאַקטיש געווען איין גרויס ווערק, זיין לעבנס ווערק.

טראָץ דעם אַלעם האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייבן. מענטשן מיט טאַלאַנט, מיט אייגנאַרטיקייט און מיט כאַראַקטער הערן נישט אויף צו שאַפן אפילו ווען זיי האָבן טענות קעגן וועמען. פאַרקערט אַ מענטש וואָס איז באַ־רופן צו שרייבן פאַרקוקט אַלערליי עוולות, הויבט זיך אויף נאָך העכער איבער אַלע דערמיט וואָס ער שרייבט נאָך מער און נאָך בעסער. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן און איבערגעלאָזט האָט ער אַ גאָר גרויס גייסטיק־ליטעראַריש עשירות.

און זיין שכר קומט טאַקע איצט. ווען דער שר של ממונה איבער ליטעראַטור און פּרעסע האָט זיך אָנגענומען די קריוודע זיינע אַזוי צו זאָגן, און באַלוינט אים מיט דעם וואָס זיינע "קינדער", וועמען ער האָט געשיקט אין די יידישע פאָלקסשולן און זיי געגעבן אַ יידישע דערציאונג, ווייזן איצט אַ שטאַרקן אינטערעס אין זיינע שאַפונגען און גיבן אַרויס זיינע געבליבענע שריפטן אין בוכפאָרם.

יעקב ראַדאַק איז אויך געווען אַ איבערגעגעבענער פאַמיליע מאַן. ער האָט שטענדיק אין זינען געהאַט די קינדער. געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זיי. ליב און טייער זיינען זיי אים געווען ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. אין יאָר 1942 ס'איז געווען אין פּולן גאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. זיינע 4 זין האָט מען דאַן אַוועקגעשיקט צו די שלאַכט פראָנטן מעבר לים. ווי שטאַרק באַזאָרגט און באַאומרואיקט ער איז געווען וועגן זייער שיקזאַל. דאָס האָט זיך אַרויפּ־געלייגט ווי בליי אויף זיין שווערן געמיט. וויפיל שלאָפלאָזע נעכט דאָס האָט אים פאַרשאַפט. געזוכט פאַרגעסעניש, צעשטרייאונג און נישט געקענט גע־פינען. זיין שטימונג איז געוואָרן אויפגעהייטערטער ווען די קינדער זיינען בשלום צוריק אַהיים געקומען. אָבער דערווייל האָט די דאָזיקע שווערע זאָרג, דער עגמת נפש אונטערגעמינעוועט זיין געזונט און דאָס האָט בפירוש געהאָלפן צו פאַרקירצן זיין לעבן.

יעקב ראַדאַק איז געווען אַ האָרעפּאַשניק כל ימיו, און אַ מיטגליד אין דער מילינערי יוניאָן לאָקאַל 24, האָט אין די אָפּטע שמועסן וואָס מיר פלעגן האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן, נישט איין מאָל זיך באַקלאָגט אויף זיין ביטערן מזל, וואָס ער איז געצוואונגען צו זיין אַ שאָפּ־אַרבעטער.

ס'איז אָבער נישט געווען פאַר אים קיין "וועקטריט", ניט אַכטנדיק די געפאַר סיגנאַלן פונעם מלאך המות, האָט ער ווייטער געטראָגן דעם עול פרנסה, פאַר זיין בני־בית. מיטאַמאָל אין יענער נאַכט, אין דער הייליקסטער שעה ווען מיר יידן אין די שולן, זיינען פאַרזאַמלט און זאָגן אונדזער הייליקסטע תפילה "כל נדרי", געקומען דער טויט און ס'האָט אויף אייביק זיך אָפּגע־שטעלט דער לעצטער האַרץ־קלאַפּ פון דעם דיכטער און ליטעראַטור קריטי־קער יעקב ראַדאַק.

בערל קאהן (מישניק)

מענדעלע מוכר ספרים

מיט דעם אויפשוואונג פון דער נייער מאָדערניסטישער אידעאָ־לאָגיע אין דער ליטעראַטור, האָט זיך אויך געשאַפן אַ מין פלוגתא דרבנן, אַ פּאָלעמיק וועגן דעם קינסטלערישן ווערט פון מענדעלעס שאַפונגען.

זיינע שאַפונגען זיינען סיי אין עצם און סיי אין תוך אָפּהענגיג פון צייט און סביבה, און זייער ווערט אלס סאָציאַל־קינסטלעריש ווערק איז דעריבער עבר־זמנדיג.

איז עס אפשר אמת, אַז מען קאָן צו מענדעלען ניט צוטרעטן מיט אַ ריין־קינסטלערישער השקפה; אפשר איז אויך אמת, אַז דער ניי־דערצויגענער דור לייענער קאָן שווין מענדעלען ניט פאַרשטיין אָן פּירושים און קאָמענטאַרן, אָבער דוקא דערין, דוכט זיך, ליגט דער ווערט. אַ שלימותדיק ווערק מוז מען דערגרונטעווען, דורכבויערן די האַרטע שאָלעכץ און ערשט דעמאָלט צוקומען צום תוך. דער עסטעטי־שער פאַרגעניגן איז דעמאָלט אַן עכטער, אַ דערגרייכטער און דער־וואָרבענער.

אויך דער צייט־און־סביבה־עלעמענט איז דאָ אַ גרויסע מעלה. אַ קינסטלעריש ווערק קאָן בשום אופן ניט זיין קיין תולה על בלימה, און די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור און זייערע עקספּאָנענטן דאַרפן אודאי וועגן דעם ניט מרעיש עולם זיין. וואָס, אַ שטייגער, איז דען זייער גאַנצע בעלעטריסטיק אויב ניט הוילע צייט און סביבה, געמאָסטן מיט אַ סטאַנדאַרד פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע?

דער אמת איז, אַז ביי מענדעלע איז צייט און סביבה קינסטלעריש איינגעוועבט אין די פיגורן און אידייען, וועלכע האָבן פאַר אונדז ניט בלויז אַ געשיכטלעכן ווערט, נאָר קאָנען אונדז פיל דינען אין דער צו־קונפט. אפילו נאָך איצטער מערקט זיך שטאַרק די גרויסע השפּעה, וואָס מענדעלע האָט אויף אַ סך שרייבער.

אגב, מוז מען געדיינקען, אַז מענדעלע האָט דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים, מדרגות אַזעלכע אין וועלכע זיין קינסטלערישער טאַלאַנט האָט זיך קריסטאַליזירט און געליטערט. מענדעלע האָט דורכגעמאַכט אַ קפיצת הדרך פון אַ בעל שם, און אין אַ משך פון בלויז עטלעכע געציילטע יאָרן איבערגעשפּרונגען דורות גאַנצע. מען דאַרף בלויז זיך אַביסל פאַרטיפן אין דער פאַרשונג פון זיין שאַפן, דורכלייענען גענוי די פילע איינענע באַאַרבעטונגען פון זיין „ווינטשפינגערל", און ערשט דעמאָלט צוקומען צו דער השגה פון זיין קינסטלערישן ווערט.

אויב מען זאָל זיין איינזייטיק צו מענדעלען, משפטן אים בלויז פון דער ריין-קינסטלערישער זייט, מעסטן בלויז דעם שטאָף וואָס איז אין זיינע ווערק אַריינגעוועבט; אויב מיר זאָלן זיין שאַפונג אַנאַליזירן בלויז און נאָר פון דער איכותדיקער זייט, אומאָפּהענגיג פון דער צייט און סביבה; אויב מיר זאָלן פון אַזאַ שטאַנדפּונקט אַרויסטרעטן צו די ווערק פון אַ סך רוסישע, פראַנצויזישע און ענגלישע קלאַסיקער, וועט אויך זייער באַלאַנסירטער ווערט פיל פאַרמינערט ווערן.

אַזאַ צוטריט איז אַ שעדלעכער, אַ פאַרניכטנדיקער, און דערלויבן מיר עס, פאַרבלייבן מיר בעירום ובחוסר כל, יתומים אָן אַ קלאַסישער ליטעראַטור אויף וועלכן צו בויען אונדזער אייגנאַרטיק יידיש-גייסטיק לעבן. מיר מוזן אונדזערע שעפער נעמען אין זייער גאַנצקייט, מכף רגלים עד קדקוד ראשם, ניט אין צעבראָקלטע שטיקלעך.

מענדעלע, פּרץ, רייזען, און אַ סך אַנדערע פון דער שפּעטערער פּלעיאַדע זיינען געווען פּיליזייטיק אין זייער שאַפן. ניט בלויז זיינען זיי געווען די בויער און באַשאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור; ניט בלויז זיינען זיי געווען די פּלאַסטערער פון דער יידישער סטיליסטיק, נאָר זיינען אויך געווען די פונדאַמענטאַלע בויער פון דער יידישער שפּראַך, די יורשים פון אונדזערע נביאישע אידייען, די פּיאָנערן אין דער באַפעסטיקונג פונעם יידיש-נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, און די טרעגער פונעם סאָציאַלן מאָטיוו אין אונדזער שאַפונג. די קינסטלערישקייט שפּרייט זיך אויס און גייט האַנט אין האַנט אין אַלע זייערע שאַפונגען, איינס איז מכפּר אויפן אַנדערן, איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע.

מענדעלע שטייט בראש פון דער גאַנצער פּלעיאַדע. ער איז געווען דער פּיאָנער, דער יסוד לייגער און בויער. מיט זיין סאַרקאַזם און

שאַרפֿן וואָרט האָט ער מער אויפֿגעטאָן ווי יעדער אַנדער קאַמף בשעתו, און דערפֿאַר, נאָר דערפֿאַר, איז די קרוינונג אַלס דער זיידע פֿון דער יידישער ליטעראַטור אַן ערנהאַפֿטיקע, אַ כשר־פֿאַרדינטע און בכבודיקע.

מענדעלעס ווערט ליגט ניט דוקא אין דער קינסטלערישקייט פֿון זיינע שאַפֿונגען, נאָר אפֿשר מערער נאָך אין זיין אייגענער פּערזענלעכקייט וואָס האָט געפֿונען אַזוי פֿיל אויסדרוק אין אונדזער גאַנצן איצטיקן קולטורעלן אוצר.

מענדעלע איז געקומען צו אונדז אין אַ צייט ווען דער יידישער לעבן איז געלעגן פֿאַרזונקען אין גייסטיקער שפֿלות, אין פֿינסטערן אַבערגלויבן און אין פּרימיטיוו פֿאַרפֿלאַכטע שונד מעשיות. קיין סימנים פֿון יידישער קולטור זיינען ניט געווען צו מערקן, די יידישע שפּראַך איז געווען אין דער בחינה פֿון אַ זשאַרגאָן, און שרייבן אויף מאַמע לשון איז געווען פּשוט אַ חרפּה.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט מענדעלע אָנגעהויבן ווירקן מיט זיין וויסן און טאַלאַנט, געוואָרן סיי דער מייסטער פֿונעם רייפֿן, קינסטלערישן וואָרט און סיי דער קולטור פֿאַרשפּרייטער און געזעלשאַפֿטלעכער קעמפֿער. ער איז געווען דער גרויסער גייסט, ווי שפּעטער פּרץ וואָס האָט אויפֿגעבליצט הינטער די פֿאַרכמאַרעטע הימלען.

מענדעלע האָט געמוסרט און געלערנט, געשטראָפֿט און געטרייסט, אויסגעלאַכט און געצערטלט. זיין דיכטעריש אויג האָט אַריינגעבליקט אין יעדן ווינקעלע פֿונעם פֿאַרחושכטן לעבן. און פֿון דאָרטן אַרויסגעבויט און געגעבן יצירה זיינע מענטשן און פֿאַרשוינען. פֿאַר יעדן האָט מענדעלע געהאַט די פּאַסיגע, קינסטלערישע מאָס, און אַזוי אַרום אים אַרויסגעבראַכט אין זייער פֿולער געשטאַלטקייט. די צערטלעכקייט וואָס ער האָט געהאַט פֿאַרן פּאָלקס מענטש, דעם אָרימן האָרעפּאַשניק, האָט ער ניט געהאַט, ווען ער האָט געמאָלן דעם ראש הקהל און בעל הטאַקסע. אים האָט ער אומברחמנותדיק געפּאַטשעוועט, גאַליק פֿון אים אָפּגעלאַכט, און גערופֿן צו זיין פֿאַרניכטונג.

מענדעלע איז אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס איבסען איז אין דער נאָרוועגישער: דער פֿאָלקס־געוויסן, דער רעוואָלוציאָנערער מאָנער און קעמפֿער, דער פּיאָנער פֿונעם נייעם וואָרט און נייעם געדאַנק.

מענדעלעס „טאַקסע״ קאָן לייכט פאַרגליכן ווערן צו איבסענס „פאָלקס־פיינט״. אין ביידע ווערק איז זייער בולט דער שאַרפער, גאַליקער מוסר און דער קאַמף קעגן די צבועקעס, די קהלשע קליאַמקעס און בעלי טובות.

מענדעלעס גאַליקער חוזק איז אפילו אַ סך שאַרפער און טיפער; ער שניידט טיף, ביז אין דער זיבעטער ריפּ. זיין וואָרט גליט, וועקט, רופט און פאַרפלאַנצט זיך אינעם סאַמע האַרץ און נשמה פונעם פאָלקס מענטשן. דיכטער און קעמפער איז ענג באַהעפט און אָרגאַניש פאַר־וואָרצלט אין מענדעלעס וועזן; ער איז די עטישע פאַרקערפּערונג פון נייע ליכטיקייטן און נייע דערהויבונגען.

מענדעלע איז אין זיין גאַנצער שאַפונג געווען דער גייסטיקער מאַנער פאַר די געדריקטע, דערשלאָגענע פאָלקס מאַסן, און אין דערין אליין אפשר ליגט שוין דער גרעסטער טייל פון זיין ווערט.

מ׳ווייזט אָן, אַז מענדעלע דער משכיל און קעמפער האָט אָפט פאַרטונקלט מענדעלען דעם קינסטלער; אַז זיינע טיפע זיינען אָפט דעריבער אומבאַהאָלפענע, ניט־קריסטאַליזירטע; אַז זיי ווערן דער־טרונקען אין אַ ים פון משלים און פובליציסטישע, פּאַטעטישע קרעכ־צענישן. איז באמת שווער אָנצואווייזן דעם מקור פון אָט דער דאָזיקער קריטיק; מעגלעך, אַז זי קומט פון דער פּראָלעטאַרישער טעאָריע פון „סוואַי דאָ סוואַעגאָ״; מעגלעך אויך, אַז עס קומט פון שנאה צו אַלץ וואָס איז ניט ניי, איצטיק און היינטאַגיק, און דאָך איז עס אַזוי קינסט־לעריש רעאַל, אַזוי מאַלעריש פאַרטיפט, אַזוי פאַרביג בולט, אַז אפילו אָט די אַלטע מוסר רייד רייסן זיך נאָך איצטער פון די ליפּן.

נעמען מיר, למשל, אַזעלכע שורות פון מענדעלעס „ווינטשפינגערל״.

„אומגליקלעכע יידישע קינדער, אומגליקלעכע אפילו שוין כלומרשט אין גליק! נעמט יענע אַ שטייגער וואָס שטייען שוין אויף אַ שטופע, האָבן שוין אַ פּנים, איז זייער שטיין אייזן־פעסט? איז עס אַ שטיין אויף ביידע פיס ניט אומצופאַלן ביי דעם מינ־דעסטן בלאָז? איז דער פּנים זייערס לייטיש־פיין? איז דער לעבן זייערס אַ גליקלעכס? איז כדאי פאַר אַזאַ מ׳שטיינס געזאָגט לעבן זיך אָנצולייִדן אַזוי פיל אומגליק?״

איז אַט דער דאָזיקער געדאַנק אַלט און אָפּגעלעבט? זעען מיר ניט אין דעם פאַרגאַנגענעם נעכטן אויך דעם היינט און מאָרגן? איז דען אונדזער דאָליע היינט אַ סך בעסער ווי נעכטן?

מענדעלע האָט דאָ ווי יעדער גרויסער קינסטלער, מאַניפעסטירט זיין זעאונגס קראַפט, און ווערט דער סאָציאַלער קעמפער אויך פונעם עתיד, פונעם מאָרגן ווי פונעם נעכטן.

זיין „ווינטש פינגערל" האָט די השפּעה באַוויזן אויך אויף אַ גאַנץ אַנדער געביט, שלום עליכם האָט זיין „סטעמפּעניו" גענומען פון דאָרטן. און ניט בלויז דעם קלעזמער סטעמפּעניו האָט שלום עליכם אויסגע־באָרגט, נאָר אויך זיין „מנחם מענדל" האָט ער גענומען פון מענדעלען. אין „הערשעלע", דאָס ייִנגעלע, וואָס קומט פון קאַפּצאַנסק קיין גלובסק און געפינט זיך דאָרטן אין פאַרלאָרנקייט, איז פאַרקערפּערט דער שפּע־טערדיקער מנחם מענדל, דער לופט־מענטש און שטעקעל דרייער. מענ־דעלע מוכר ספרים האָט ניט נאָר אויסגעטראָטן אַ סטעזשקע פאַר דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, נאָר האָט אויך צוגעגרייט פאַרטיקע טיפּן וואָס זיינען אויף פאַרשיידענע אופנים שפּע־טער אויסגענוצט געוואָרן.

מענדעלע האָט אויך דער ערשטער אַריינגעבראַכט די נאַטור מאַלעריי אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דער פּראָזע פון אייזיק מאיר דיק און יעקב דינעזאָן האָט מען נאָך דעם עלעמענט ניט געפונען. קיין וואַלד און פעלד איז ניט געווען בנמצא. ערשט מענדעלע האָט עס אַריינגעפירט, און כאָטש ער איז דוקא דערביי געווען בצמצומדיק, מי־זעראַנט־קאַרג און תמיד אָפּגעפּטרט מיטן ווערטל: „ניט דאָס בין איך אויסן", זיינען זיי דאָך קינסטלעריש געמאָלן.

דאָס „ווינטש פינגערל" פאַרמאָגט אין זיך אַ ים פון נאַטור מאַלעריי, וואָס איז באַהויכט מיט געלייטערטער קינסטלערישקייט. ניט ווייני־קער געפינט מען אין „פישקע דער קרומער", און אומעטום זיינען די בילדער פּילפּאַרביק און דיכטעריש דורכגעפילט.

אין ביידע ווערק האָבן מיר פיינע אויסגעטאָקטע טיפּן, שיינע רעאַליסטישע בילדער און ליריש־צאַרטע נשמה אויסגוסן. דער מגו־שמדיקער פישקע איז אַ פּלאַסטיש געשטאַלט אויסגעמאָלן מיט אַ פּענזל

פון אַן ארטיסט. די גאַנצע סביבה זיינע לעבט אויף פאַר אונדז מיט איר גאַנצער געשטאַלטקייט. מיר באַקענען זיך מיט זייערע ליידן און פריידן, מיט זייער פאַרוואָגלטקייט און בענקשאַפט, אויך מיר דערזעען דענסטמאָל זיך אַליין מיט אונדזער אייגענעם פאַרוואָרלאָזטן, פאַרוואָגלטן לעבן, מיט אונדזער אייגן נע-ונד-קייט, פאַרחוזקטע און אויסגעלאַכטע, אַ פאָלק פון אייביקע „פישקעס", אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.

אין דער „קליאַטשע" דערזעען מיר מענדעלעס אייגענע עטישע געשטאַלט, זיין פערזענלעכקייט און גרויסן גייסט, דעם פלאַקער און צאָרן פון זיין נשמה, און דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון זיינע ווערק. די קליאַטשע איז ניט דוקא אַ משל אויף יידן, נאָר אויך אַלע גערודפטע פעלקער און יחידים. זיין רעוואָלוציאָנערער ברען, זיין סאַטיריש־שפּיזיק וואָרט, איז ניט דוקא יידיש; עס איז אוניווערסאַל, אַלוועלטלעך; עס איז דער פראָטעסט קעגן יעדער אונטערדריקונג, קעגן יעדער נויט.

פאַרן יידן האָט מענדעלע געלעבט און געווירקט, אָבער אין זיין געוויסן האָט ער געטראָגן די אחריות פאַר אַלע מענטשן און אַלע פעלקער.

מענדעלע איז געווען דער גרעסטער מדריך און שטראָפער. געמוסרט און געלערנט די יידישע פאָלקסמאַסן מיט אַזאַ ליבע און אַזאַ עקשנות, וואָס איז אומפאַרגלייכבאַר. ער איז געווען דער גרעסטער פּיאָנער אין יענער תקופה, און דאָס איז שוין זיכער געגונג אים צו דערהויבן און פאַראייביקן, כאָטש ער איז ניט געווען דער געניאַלסטער קינסטלער.

⁂

די דאָזיקע וואָס באַטאָנען כסדר דעם מאָטיוו אין מענדעלעס שאַפונגען, פאַרזעען אָדער זיינען ניט ביכולות תופס צו זיין דעם אמת קינסטלערישן ווערט זיינעם. מענדעלעס שעפערישער כוח איז ניט אין מוסר־זאָגעריי, ניט אין דער אָנווייזונג אויף סאָציאַלע איבלען, נאָר אין זיין דיכטערישן טאַלאַנט צו מאָלן פאַרכאַפּנדיק אַלערליי נאַטור־שיינקייטן און אידיליעס. ס'איז די אומבאַגרענעצטע אהבת ישראל און

אהבת הבריות וואָס האָט אים געגעבן די גבורה צו מאָלן מיט אַזאַ קינסטלערישע העלקייט און מיט אַזעלכע קראַפטפולע טענער דעם פײנלעכן און טראַגישן יידישן לעבן.

⁂

מענדעלע מוכר ספרים האָט אין היפוך צו די איצטיקע מיטלמע־סיקייטן וואָס רייסן זיך דוקא צו הערהאַישע פיגורן און געשיכטלעכע געשטאַלטן, געמאָלן דוקא דעם לעבעדיקן מענטשן אין זיין גרויער און אָרעמער וואָכעדיקייט און פון דאָרטן אַרויס דערגאַנגען צום שעפערישן אמת, צום קינסטלערישן אמת.

י. ל. פרץ

יעדע ליטעראַטור פאַרמאָגט אירע גרויסע ליטעראַרישע מייס־טער, וואָס נישט בלויז האָבן זיי געשאַפן געניאַלע קינסטלערישע ווערק, נאָר האָבן אויך מיט זייער לויטערער, עטישער פּערזענלעכקייט אויס־געאיבט אויפן פאָלק יענעם גרויסן קולטורעלן און מאָראַלישן איינפלוס, וואָס האָט באַווירקט דעם גאַנצן מהות און לעבנסשטייגער פון דעם דור. זיי האָבן אַרויסגערופן דעם סוביעקטיוון געראַנגל און אומרו פאַר נייע טראַכטענישן, אידייען און שטרעמונגען. יענעם פליסנדיקן, מעכ־טיקן כוח, וואָס צעכוואַליעט און באַצווינגט מיט פרישן ווילן און גייס־טיקער שיינקייט, מיט זייער אומגעהויערער, אינטעלעקטועלער פּער־זענלכקייט האָבן זיי נשמהדיק באַהויכט די יידישע קולטור.

אַזעלכע וואָרט־קינסטלער און אידייען־טרעגער זיינען געווען די דזשאָן, דזשאַק רוסאָס, די טאָלסטאָיס, די געטעס און איבסענס. זייער ריזיקער, קינסטלערישער רעוואָלוציאָנערישער פאַרנעם, איז געווען די דאָמינירנדיקע דינאַמיק, וואָס האָט מיטגעריסן מיט זיך די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון זייערע לענדער און אָנגעהויכט די גאַנצע וועלט מיט דער נייקייט און שוואונג פון זייערע געדאַנקען.

די גייסטיקע אָפּשפּיגלונגען פון זייערע עטישע פּערזענלעכקייטן, זיינען געוועזן די ליכט־פאַקלען, וואָס האָבן געפירט די פאָלקס־מאַסן אויף נייע, פאַנאַנדערגעוואַקסענע שליאַכן אין דער גרויסער וועלט אַריין.

פונקט אַזוי האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט אירע פאַקעל־טרעגער, וואָס ניט נאָר האָבן זיי פאַר אונדז געשאַפן אַ ליטעראַטור, נאָר האָבן אויך פאַרזייט די קולטור־זוימען פון השכלה און פרייען געדאַנק, פון וויסן און בענקשאַפט, פון ווערטן און קולטור־אוצרות, דער באַ־דייטנדסטער, וויכטיקסטער מייסטער און קולטור־טרעגער, וואָס האָט

גערעדט צו די מוחות און הערצער פון די יידישע מאַסן, וואו זיין פּלאַ־מיק, קינסטלעריש ווארט האָט אַריינגעדרונגען און אין געלייטערטער באַרירונג זיך באַהעפט מיט דער פאָלקס־נשמה, איז געווען י. ל. פּרץ, דער פאָטער און שעפער פון אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ, דער אינטעלעקט און עסטעטיקער, איז געקומען צו אונדזער ליטעראַטור מיט כמעט פינף צענדליגג יאָר צוריק, ווען די יידישע לי־טעראַטור איז נאָך געווען אין איר סאַמע ערשטן עטאַפּ פון אַנטוויקלונג, וואָס אַחוץ מענדעלען, האָט זי כמעט ניט פאַרמאָגט קיין איין אמת צוזאָגנדיקן טאַלאַנט. דאָס וואָס איז בשעתו געשריבן געוואָרן, איז געווען דורכגעדרונגען מיט סענטימענטאַלישע מליצהדיקע בטלנות, אָדער מיט דעם שונדיסטישן שמר־זייפערט נוסח, נישט גע־שטויגענע מעשות פון טויזנט און איין נאַכט.

פּרץ איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ גרויסער מיסיע, מיט אַן אינווייניקסטן תוך. דער עסענץ פון זיין גאַנצער ליטע־ראַרישער טעטיקייט איז ניט נאָר געווען אַ ריין קינסטלערישער, נאָר אויך אַ קולטורעלער; דער כוח היצירה, וואָס האָט אים סטימולירט אין משך פון אַ סך יאָרן, איז געווען זיין פלאַמנדיקער דראַנג צו פאַר־שפּרייטן בילדונג צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט ווי אַ גוטער געניטער גערטנער, געוואַכט איבער זיינע פאַרזייטע בייטן. באַשיצט זיי פון צופיל טריקעניש און כל־ערליי פאַרדאַרבענדע אינזעקטן כדי די זריעה זאָל זיך קענען געהעריק פאַנאַנדער וואַקסען אַזוי האָט פּרץ גע־וואַכט מיט זיין גרוים מענטשלעך הארץ איבער די יידישע מאַסן. ער איז געווען זייער גרויסער לערער, וואָס האָט געשאַפן דאָס גייסטיקע פעלד צו פּראָדוקטיווירן די מאַסן, וועקן אין זיי דעם דראַנג פאַר נייע אידייען. מיט זיין גאַנצן, פלאַקערדיקן טעמפּעראַמענט, מיט זיין אומ־געהויערן רייכן איינגעצוימטן ווילן, האָט ער געוועקט צו אַ נייע לעבן.

צוויי גרויסע כוחות זיינען אין אים געווען פאַראייניקט און אַרוים־געשטראַמט פון זיין אינווייניקסטן, געלייטערטן קוואַל, ווי ס'שטראָמען אומאויפהערלעך די אייביקע וואַסער־פאַלן. פּרץ, דער גרויסער קולטור־קעמפער, און פּרץ, דער געניאַלער קינסטלער.

פּרץ האָט צעריסן דעם חושך, וואָס האָט געהאַלטן פאַרזינקען אין בטלנות, פאַנאַטיזם און אומוויסנהייט די יידישע דערשלאָגענע מאַסן. ער האָט צעטריבן די כמאַרעס איבער די פאַרוויינטע געטאָ־הימלען,

װעלכע האָבן דעמאָלט אַרומגענומען דעם אָרעמען, האָרעפּאַשניק. מיט זיינע װיזיאָנערישע חזיונות האָט ער די װעלט באַנומען און דעם װעלט־באַגריף קינסטלעריש איבערגעגעבן די יידישע מאַסן. ער האָט זיי מאָדערניזירט; געהיילט די צעשפּליטערטע, צעריסענע פֿאָלקס־נשמה, װאָס איז געלעגן פֿאַרגליװערט און פּאַראַליזירט אונטער דעם שװערן, װאָכנדיקן געראַנגל פֿון יאוש און סקעפּטיציזם, װאַנדערנדיק ציללאָז און װילנלאָז איבער דער ערד, װי װיסטע נאַכט־װינטן צװישן מדבריות.

פּרץ איז געקומען צו די יידישע מאַסן, װי אַ נייער אויסדרוק, װי אַ גרויסע גייסטיקע צעשטראַלונג, װי אַן אַנזאַג פֿון ליכטיקערע, שע־נערע טעג. ער האָט אַ שיין געטאָן אין דער גרויער װאָכעדיקייט מיט זיין פֿלאַמיק אָריגינעלן װאָרט. זיי געגעבן זיינע מייסטערהאַפֿטע פּוב־ליציסטישע, פּעליטעאַניסטישע אָפּהאַנדלונגען איבער קולטור־ענינים, און אין זיי אויפגעװעקט די אויסגעליכטיקסטע האָפֿענונגען און שע־נערע אידייאישע פֿאַרלאַנגען. אָט די אַרטיקלען זיינען צו יענער צייט געװען עפּאָכע־מאַכנדיק און זיינען זיכער נאָך איצט אַקטועל און באַלערנט פֿאַר אונדז אַלעמען, װייל פּרץ האָט זיי געשריבן מיט יענעם צעגליטן, געלייטערטן פֿונק װאָס קען זיך ניט אָפּקילן — דאָס איז דער נר־תמיד פֿונעם קינסטלער.

פּרץ האָט זיך גענומען באַשאַפֿן אַ יידישע ליטעראַטור װען ס׳איז נאָך כמעט ניט געװען קיין יידישער לשון. די יידישע שפּראַך איז דעמאָלט געװען אַ פֿאַרגרייזטע און פֿאַרדאַרבענע, אַ דייטשמערישער זשאַרגאָן, פּונקט װי מענדעלע האָט ער זיך קודם־כל געמוזט אַ נעם טאָן צו באַשאַפֿן דעם יידישן לשון, כדי ער זאָל קענען ליטעראַריש װירקן און שאַפֿן, װי יענע גרויסע איטאַליענישע מייסטער לעאָנאַרדאָ דאַװינ־טשע און מייקעל אַנזשעלאָ, װעלכע האָבן פֿריער געמוזט באַשאַפֿן די פֿאַרבן כדי צו קענען צוטרעטן און געבן דער װעלט זייערע געניאַלע בילדער.

פּרץ, פּונקט װי מענדעלע, האָט געמוזט אָפּרייניקן דעם שימל, דאָס פּסולת פֿון דעם לשון. ער און מענדעלע האָבן דאָס געטאָן, װי עס טוען די גאָלד־ און בריליאַנטן גרעבער מיט זייערע געפֿונענע אוצרות. זיי האָבן געפֿיילט און געשליפֿן די װערטער װי מען פֿיילט און מען שלייפֿט בריליאַנטן. אַזוי כסדר געפֿיילט און געשליפֿן אַ משך פֿון אַ סך

יאָרן ביז ס'האָט זיך דורך זייער אומגעהויערן,ליידנשאַפטלעכן ווילן און ליבע צו אונדזער מאַמע-לשון אויסקריסטאַליזירט אונדזער יידישע שפּראַך.

פּרצס קרעפטיקע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט, זיין פּלאַמיקע, פאַרביקע געשטאַלט, איז געווען די גרויסע אויפגייענדיקע זון אין אונדזער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער ערשטער יידישער דיכטער, וואָס האָט אונדז געגעבן זיינע ערשטע ליבע-לידער. ער האָט אַריינגעבראַכט שטילע, ווייכע, ליריש-צאַרטע טענער, וואָס זיינען געווען פריש און ניי אין מאָטיוו און אין טאָן. אַזוי האָט ער אונדז געגעבן זיינע עפּיש-בילדערישע פיינע לידער, אַ סך געזאַנגען אין סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, מיסטישע מאָטיוון אין אַ פאָלקסטימלעכן טאָן. אין זיין ליד די „דריי נייטאָרינס" גיט ער איבער דעם אומעט און עלנט פון די מיידלעך ביים מאַשין, וועלכע האָבן אוועקגעגעבן זייערע יאָרן און יוגנט דעם איינטאָניקן טיק-טאַק פון די נאָדלען-ריטעם.

אין זיין באַלאַדע „אין קבר" גיט דער דיכטער איבער אין אומעטיקע געזאַנגען די טראַגישקייט פון אַ שיינער ליבע, וואָס די עלטערן פונעם מיידל האָבן צעשטערט דערפאַר וואָס דער געליבטער איז געווען צו אָרעם פאַרן טאַטן, דעם גביר. אָט די באַלאַדע פאַרמאָגט אין זיך דעם אויסטערלישן טרויער פון צעשטערטן גליק.

אין אַלע זיינע לידער איז דאָ פיינע אויסגעליכטיקטע מאָטיוון און טענער, וואָס קענען זיכער אַריינגערעכנט ווערן צווישן די בעסטע לידער וואָס די יידישע פּאָעזיע פאַרמאָגט. אָבער פּרצס הויפּט-כוח, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז זיין פּראָזאַישער געביט. אין זיינע פּראָזאַישע ווערק איז ער דער פּעלזיקער ריז, דער טיפסטער דיכטער, דער אומפאַרגלייכלעכסטער שריפטשטעלער אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט אין זיינע אַלע ווערק אָפּגעשפּיגלט די שיינקייט פון דער יידישער פאָלקס-נשמה. ער האָט גענומען דעם יידישן פאָלקלאָר, די יידישע לעגענדע און פאָלקס-מעשה און זיי איבערגעדיכטעט מיט דער איינהייט און פאָרם, מיט זיין רייכער, צעפונקטער גאַנצקייט פון זיין אָפּגעטאָקטער קונסט-פאַנטאַזיע, און געשאַפן זיין ריזיק מאָנומענטאַל ווערק, די פאָלקסטימלעכע געשיכטע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם

געלייטערטן, פאַרטיפטן פאַרנעם, דעם זעלטענעם שוואונג פון דעם גרויסן מייסטער פּרץ.

פּרץ איז דער קלאַסיקער און גרויסער יום טוב אין אונדזער יידי־שער ליטעראַטור. אין זיינע מאָטיוון זיינען דאָ די פאַרשיידנאַרטיקסטע עלעמענטן פון טענער און קלאַנגען. טענער, וואָס הילכן אָפּ מיט דעם דערוואַכטן פרילינג, מיט דער פרייד פון יונגע זאַנגען־קלייבער אין די צעגרינטע, רייכע פעלדער; קלאַנגען פון וואַלד־עכאָס, וואָס טראָגן זיך איבער זון־גאָלדיקע בוימער און באַרג־שפּיצן. נאַטור־שיינקייט און יום־טובדיקייט, שפּינען זיך ביי אים צוזאַמען מיט אויסטערלישער טראַגישקייט, מיט מיסטישע פאַרבאָרגענע אָפּקלאַנגען פון צער, פיין און גרויל, פון קומען און פאַרגיין; אַלע וואַריאַציעס און לעבנס־טענער זאַפּט ער אין זיך אַריין. מיט זיין געלייטערטן, פלאַמיקן שוואונג דיכ־טעט ער זיי איבער פאַר אונדז מיט זיין אידילישער גראַציעזקייט.

מענדעלע האָט געגעבן דער יידישער ליטעראַטור זיין קליאַטשע, הגם אין אַ מער פּובליציסטישער פאָרם, איז עס אָבער אַ ריזיקער צושטייער אין אונדזער ליטעראַטור. פון אָט דעם ווערק שרייט אַרויס דער צער און שוידער פון אַ גערודפטן, געפּלאָגטן פאָלק. פּרץ האָט אונדז געגעבן זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן. ווען זיי וואָלטן מער ניט געשאַפן ווי אָט די צוויי ווערק, וואָלטן זיי אויך געבליבן די גרויסע מייסטער און קלאַסיקער אין דער יידישער ליטעראַטור.

ס'איז שווער צו זאָגן אין וועלכן פּרץ האָט זיך מער דערהויבן, מער דערגרונטעוועט, מער פאַרטיפט, ווייל טיפקייט איז זיין מקור, זיין אינווייניקסטער שעפערישער כוח, דער רוח הקודש, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט פאַרלאָזט.

אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און צייט־דראַמען, האָט פּרץ אונדז געגעבן טיף פּאָעטישע בילדער פון דעם רביימשן, חסידיתשן לעבן. פּרץ האָט דעם חסידות ניט אידעאַליזירט, ניט געמאַכט פון איר אַ פעטיש, נאָר איר געשילדערט אינעם ליכט פון זיינע קינסטלערישע זעאונגען, אַרויסגעבראַכט די פרייד און התלהבות, די ראָמאַנטישע שיינקייט וואָס איז דאָ אין איר.

די חסידות וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון בעל־שם און האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן נאָך דער גרויסער אַפּאַטיע און דער־

שלאַנגקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ברייטע פאָלקס־מאַסן איבער די שווערע אַנטוישונג און אָפּגענאַרטע גאולה־האָפענונגען פון די פאַלשע משיחים, די „שבתי־צבים" און „יעקב פראַנקס", איז זי דעמאָלט געווען אַן אָפּפרישונג, אַ דערהויבונג, וואָס האָט געמונטערט, אַריינגעבראַכט אין זייער לעבן פרייד, האָפענונג, בטחון און אמונה — דינען גאָט מיט לוסט, שמחה און התלהבות — דער עיקר פאַרטרייבן פון זיך ספקות, טרויער און עצבות.

פרץ איז אין זיינע פאַרטיפטע חסידישע מעשהלעך ניט אויסן געווען דעם חסידיזם צו זינגען אַ זמר. פרץ אַליין איז פריער פון אַלעם געווען דער פרייער, שיינער גייסט. פרץ האָט מיט זיין קינסטלערישער אויפריכטיקייט דערזען איר מקור, אירע וואָרצלען, און זיי ווי אַ קינסטלער פאַר אונדז געמאָלן. ער האָט אין זעלטענע, פאַרביקע בילדער אַרויסגעבראַכט דעם מיסטישן, סימבאָלישן ליריזם, די פּאָעטישע שיינקייט, די צאַרטע, פאַרבענקטע ניגונים, וואָס פאַרגייען זיך אין זיסער מתיקות, די טיפע פייערלעכקייט און נשמה פון דער גאַנצער חסידישער שיטה.

אין זיינע דראַמען „די גאָלדענע קייט", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", ווייזט פרץ אַרויס זיין פעלזיקן פאַרנעם, זיין ריזיקע אומפאַרגלייכלעכע רייכע פאַנטאַזיע, וואָס דערהויבט אים צו יענע קינסטלערישע ספערן, צו דעם סוד פון יצירה. מיר הערן דאָ אין זיינע אויסגעשפּינענע אויסטערלישע חלומות, אָפּקלאַנגען פון פאַרבאָרגענע אויסגעליכטיקטע, פאַר אונדז פאַרהוילענע עולמות. מיר לייענען און מיר זיינען וואונדערלעך באַרוישט פון זיין קראַפט און גרויסער מאַכט, וואָס ער האָט איבער אונדז. מיר ווערן היגנעריסן און באַווירקט פון זיינע אויסטערלישע, אומבאַקאַנטע בילדער, שטימונגען און געדאַנקען, וואָס פליסן אַריין אין אונדזער וועזן. ס'ווערט וואַרעם, מחיהדיק אויף דער נשמה. דאָס איז די צעוואַרעמטקייט וואָס דרינגט דורך אַלע אברים בשעת מיר טרינקען אוים אַ כוס טייערן, אַלטן וויין. דאָס איז דער שוואונג פון אַ געניאַלן קינסטלער, וואָס כאַפּט אונדז אַרויף, אויף זיינע אויסגעליכטיקטע, אויסגעפאַנטאַזירטע כישוף־פליגלען און טראָגט אונדז אַוועק אין זיינע פאַר אונדז פאַרהוילענע, אויסטערלישע וועלטן.

אָט די צוויי דראַמען געהערן צו די טיפסטע, שענסטע שאַפונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

פּרצס וואָרט־קלאַנג, שפּראַך, סטיל און פאָרנעם איז אומפאַר־גלייכלעך אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. אין אַ פּאָר שורות מאָלט פּרץ פאַר אייך אויס אַ מענטשן; און איר דערזעעט אים באַלד אַ לעבעדיקן, אַ פול־בלוטיקן מיט זיין האַרץ־קלאַפּ און גייסטיקן לבוש.

אַ סך פון אונדזערע, אַפילו גאַנץ טאַלאַנטפולע פּראָזאַאיקער, ליידן פון דעם גרויסן חסרון — צופיל באַרעדעוודיקייט, צופיל אויסערלעכ־קייט אין שילדערן מענטשן, סיטואַציעס און פּאַסירונגען. עס פעלט קאָנצענטראַציע, איינגעהאַלטנקייט פון וואָרט. דער כוח פון אויס־קריסטאַליזירן און איינקרעמפּעווען די זאַצן קורץ און צום פּונקט.

זיי דערטרינקען זייערע העלדן און טיפן אין שיינע, אָפּגעטאָקטע פולוואָרטיקייט. זייערע מענטשן ווערן אָפטמאָל פאַרפלייצט אונטער גאַנצע בערג פון ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות, קיין שום אינעווייניקסטע אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיטן עיקר, מיטן בילד וואָס זיי ווילן אונדז געבן.

ביי פּרצן איז דאָ די קאָמפּאַקטע, איינגעקרעמפּטע, פולשטענ־דיקע באַהערשונג פון וואָרט און סטיל. ער איז קורץ, שטרענג, עקזאַקט. זיינע ווערטער זיינען נישט ביי אים אַ צירונג, נאָר אַן אינעווייניקסטע געקניפּטע נויטווענדיקייט.

ביי פּרצן זיינען דאָ אַ סך פינטעלעך, אָבער אַלע מאָל מיט אַ טיפן זין. ער דערזאָגט ניט, ער דעררעדט ניט, ער גיט פינטעלעך, וואָס מאַכן אייך צו דענקען, וועקן אייער פאָרשטעלונגס־קראַפט, זיך צו פאַרטיפן אין זיינע ווערק, אַריינצונעמען אין זיך דעם הויכן אידייאישן זין פון זיינע געדאַנקען, דעם צויבער פון זיין גייסטיקער שפּראַך.

אין זיין צאַרטער, ראָמאַנטישער דערציילונג „אָראָפּגעלאָזטע אויגן" וואו ער גיט איבער די נשמה־שטימונגען פון אומגלייכע שידוכים, די שטילע בענקעניש נאָך ריינע ליבע, די טראַגישקייט פון אומבאַפרי־דיקטע הערצער, מאָלט פּרץ אין אַ פּאָר שורות אַ יידישע טאָכטער. ער דערציילט אונדז:

„נחמה, דער אָרענדאַרס עלטערע טאָכטער, איז אַפילו זייער ווערט צו באַקומען אַ חתן פון פּראָגער ישיבה: אַ מיידל — אַ גאָלד, אַ גוטע נשמה, אַ שטילע. די גוטסקייט קוקט איר פון די שטילע אויגן אַרויס, און זי לאָזט זיך מדריך זיין, טאַקע: וואָס דער טאַטע הייסט,

וואָס די מאַמע הייסט און אַלע גוטע פרומע לייט, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין קרעטשמע, הייסן... זי נעמט חלה מיט כונה, בענטשט שוין שבת־ליכט, זאָגט שוין עברי־טייטש ווי אַ וואַסער, מיט איין וואָרט, זי איז ווערט די חופּה־שטאַנגען"...

איר זעט דאָ פאַר זיך אַ יידישע טאָכטער פון אונדזער היימיש שטעטל, פון דער פאַרגאַנגענער צייט, איר שיינקייט און צניעות מיט אַלע אירע מעלות־טובות. מיר קענען איר, מיט זעען איר, ווייל — פּרץ האָט זי פאַר אונדז אָפּגעמאָלן.

פּרצן האָבן אַ סך שרייבער פּרובירט נאָכמאַכן, פּונקט ווי ס'האָבן אַ סך „יונגע" פּרובירט נאָכמאַכן אַשעם פאַרבענקטן, ווייכן ליריזם און ראָמאַנטישן שוואונג. אָבער דער אמתער מבין אויף ליטעראַטור, ווי דער מבין אויף בריליאַנטן, ווייסט דעם חילוק צווישן קונסט און קונץ. אין אַט די נ אָ כ ג ע מ אַ כ ט ע שרייבערייען און כלומרשטע דעקאַדענ־טישע טיפקייטן האָט מען געוואָלט באַהאַלטן די אייגענע, ליטעראַרישע אומבאַהאָלפנקייט. ס'איז זיי געלונגען נאָכצומאַכן פּרצס פינטעלעך, ממש נאָר די פּינטעלעך, וואָס מיינען גאָר נישט און זאָגן גאָר נישט צו אונדזער פאַנטאַזיע.

פּרץ האָט אַריינגעבראַכט די שענסטע מוסטערן פון קונסט און סטיל, ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די פאַר־טיפטע ליריק, אוניווערסאַלע טענער, אָריגינעלע פאָרמען און פאַר־שיידנקייט פון מאָטיוון. ער איז געווען דער פאַרשיידנאַרטיקסטער קינסטלער אין זיין פולזייטיקן שאַפן. ער איז געווען דער מייסטער וואָס האָט געקענט אין זיינע ווערק אָפּשפּיגלען די צייט, אין וועלכע ער האָט געלעבט און די דורות פאַר אים. ער האָט געשילדערט רביים און וואַ־סער־טרעגער, וואויל־לערנער און עם־הארצים ; אין אַלעמען איז געווען זיין דעליקאַטער געפיל, ער האָט זיי אָנגעהויכט מיט זיין גראַציעזן צויבער.

פּרץ האָט צו די פּראָסטע מענטשן, די משא־טרעגער, געהאַט אַ ספּעציעל־קינסטלערישע נייגונג. ער האָט זיי פאַרשטאַנען, באַנומען זייער פּסיכיק, זייער לעבנס־שטייגער. ער האָט געזען אין זייער פּראָסט־קייט און דערשלאָגנקייט די שיינע שטריכן פון זייערע נשמות, וואָס ער האָט אַזוי פאַרטיפט אין זיינע פּרעכטיקע, לירישע, רעאַליסטישע בילדער.

פּרץ איז איינער פון יענע גרויסע קינסטלער, פאַר וועמען דער ברייטער פאַרנעם פון דער טעמע איז ניט דער עיקר, נאָר די ברייטקייט און פולקייט פון זיין שוואונג און פּאַטאָס, אַט פּונקט ווי פאַר גרויסן מאָלער איז דוקא ניט נויטיק, פּורפּור-גאָלדענע זונען אונטערגאַנגען, קריסטאַל-קלאָרע וואַסער-ריטשקעלעך, פעלד, וואַלד און בלומען בייטן כדי אינספּירירט צו ווערן צו מאָלן ווערטפולע, שיינע בילדער. דער גרויסער מאָלער מאָלט אַ בילד פון אַ בעטלער און ס'איז דאָ אין דעם געניאַליטעט. אייער אויג ווערט באַצויבערט פון די זעלטענע פיינע שטריכן, פון דעם טיפן אומעט און צער, וואָס ליגט מעלאַנכאָליש איינגעוועבט אין בילד, אַזוי זיינען אויך די גרויסע פען-קינסטלער. זיי דאַרפן נישט קיין אַטעם-פאַרכאַפּנדיקע סוזשעטן. זייערע טעמען מוזן נישט זיין וועגן פּאַלאַצן, קעניגע און שיינע פּרינצעסינס. זיי קענען שעפּן זייערע טעמען פון דער אָרעמער גאַס. זייערע מענטשן קענען זיי נעמען פון די נידעריקסטע פאָלקס-שיכטן, און ס'וועט אונטער דעם שוואונג פון זייער פען זיך אויסוועבן געשטאַלטן, פּערזענלעכקייטן, וואָס וועלן זיך איינקריצן אין אייערע נשמות. דאָס איז די ווירקונג פון דעם קינסטלערס פלאַמיקער פאַנטאַזיע, וואָס באַקליידט זיינע מענטשן און טיפּן מיט דעם אויסגעגליטן, צעפונקטן רוח-החיים, הויכט זיי אָן מיט דער געלייטערטער קראַפט פון זיין קינסטלערישער קדושה.

פּרץ איז ניט נאָר געווען אַ גרויסע שעפערישע קראַפט וואָס האָט געגעבן אונדזער ליטעראַטור דעם גרויסן, ליטעראַרישן ביישטראָג, נאָר ער איז אויך געווען דער גרויסער אינספּיראַטאָר און לערער פון אַ גאַנצן דור יונגע שרייבער, וועלכע האָבן זיך אונטער זיין איינפלוס און ווירקונג פאַנאַנדערגעבליט אין גרויסע ליטעראַרישע טאַלאַנטן.

די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט שוין היינט שריפטשטעלער וואָס האָבן מיט דער אוניווערסאַלקייט פון זייערע טענער און מאָטיוון זיך פאַרוואָרצלט אויף נאָך ברייטערע שליאַכן, ווי למשל אש, וועלכער מאָלט זיינע ראָמאַנטישע געשטאַלטן מיט אַ גרעסערן פענזל, אויף אַ ברייטערן לייוונט. אָבער צו פּרצס צופונקטע, וויזיאָנערישע פאַרטיפטקייט. צו פּרצס דיכטערישע, פלאַמיקע פייערלעכקייט צו שילדערן פאַר אונדז די לירישע מיסטיק פון דער פאַרגאַנגענער צייט, קען זיך קיין שום יידישער שריפטשטעלער ניט פאַרגלייכן.

פּרץ, דער פֿאָטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, דער קעמפער פֿאַר יידישער קולטור; פּרץ, דער קלאַסיקער פֿון דער פֿאָרטיפּטער יידישער לעגענדע, דער גרויסער עסטעטיקער, די גייסטרייכע, ליטע־ראַרישע פּערזענלעכקייט, איז דער ליכטיקסטער קאַפּיטל אין דעם לעבן פֿון אונדזער יונגער אויפֿגייענדיקער, מאָדערנער, יידישער ליטעראַטור.

עטלעכע צענדלינג יאָר איז י. ל. פּרץ שוין טויט, אָבער די צאָל יאָרן האָבן ניט באַוויזן צו פֿאַרקלענערן דעם ווערט פֿון זיינע ווערק, די פֿאַרלאָפֿענע צייט האָט פּרצן ניט פֿאַרבלייכט, ניט פֿאַרשטויבט זיין קינסטלערישקייט אויף אַ האָר. פּרצעס טאַלאַנט איז כסדר נאָך פֿאַר אונדז וואונדערלעך פֿריש, לעבעדיק און ליטעראַריש אינטערעסאַנט, וואו ליגט זיין קינסטלערישער, דויערנדער כוח? וואָס האַלט אויף אַזוי אונדזער פֿאַרערונג און פֿאַראינטערעסירונג אין זיינע ווערק? אין דער צייט וואָס אַ צאָל באַדייטנדע שריפֿטשטעלער וואָס זיינען שפּעטער פֿון אים אַוועק פֿון אונדז און זיינען שוין כמעט ווי פֿאַרגעסן געוואָרן?

אויף דעם קען מען געבן דעם בולטסטן ענטפֿער:

פּרץ איז ניט געווען דער קינסטלער וואָס האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וואָס ער האָט געשריבן, דער „וואָס" איז ניט געווען דער עיקר, די טעמאַטיק האָט אים ניט דאָמינירט. דער טראָפּ דאַרף גע־שטעלט ווערן אויף דעם אופֿן „ווי אַזוי" ער האָט געשריבן, ווייל דער „וואָס האָבן אַלע געשריבן, נאָר דער „ווי אַזוי" האָט בלויז פּרץ געקענט שרייבן. לעגענדעס, פֿאָלקסטימלעך און חסידיזם האָבן איבער די טעמעס כמעט אַלע געשריבן, אָבער דאָס איז געווען נאָר בלויז דער „וואָס געשריבן". פּרץ האָט אָבער אין זיינע טעמעס אַריינגעטראָגן דעם „ווי אַזוי געשריבן" און דעם „ווי אַזוי" איז זיינער וואָס שטרייכט שאַרף אונטער דעם אומשטערבלעכן פּרצן, מיט זיין אוממיטלבאַרן שעפֿערישן פֿלאַקער וואָס איז כסדר דער ליכט פֿאַקעל אין אונדזער גאַנצן שאַפֿן.

י. ל. פּרץ איז ניט בלויז געווען דער דיכטער וואָס האָט געבלענדט מיט זיין פֿעדער, נאָר איז אויך געווען דער גייסטרייכער שמועסער וואָס

האָט געבליצט מיט זיין וואָרט און געדאַנק. זיינע שמועסן זיינען תמיד געווען דורכגעוועבט מיט וואָגיקן שאַפונגס־כוח, און האָבן אַרויסגע־לויכטן מיט חריפותדיקע איינפאַלן און שאַרפן, פאָלירטן אינטעלעקט.

דער געוויינטלעכער שריפטשטעלער גיט זיין גייסטיקן פאַרמעג אַריין אין זיין ווערק. דאָס געשאַפענע ווערק זיינס ליידיקט אים אויס ווי די זון טריקנט אויס אַ קליין ניט פליסיק טייכעלע. פערזענלעך איז אַזאַ שריפטשטעלער פלאַך און בלייך. דאָס וואָס ער האָט גייסטיק און קינסטלעריש פאַרמאָגט, האָט דאָס געשאַפענע ווערק זיינס פון אים אויסגעזויגן. דער לייענער ווערט דעריבער ביטער אַנטוישט בעת ער באַגעגנט זיך מיט דעם דאָזיקן שריפטשטעלער, און באַמערקט לייכט דעם שאַפערס נעבעכדיקע ערודיציע און באַשרענקטע לעבנס־חכמה. פרץ איז אין דעם דאָזיקן פרט געווען אַ יוצא מן הכלל. ער איז געווען ווי דער ים וועמען די זון קאָן ניטפאַרטונקלען אָדער אויסטריקענען. פרץ האָט תמיד געברויזט און געפינקלט מיט דעם געשליפענעם וואָרט און בליצנדיקן געדאַנק.

⁂

מ׳רעדט איצטער וועגן פרצעס ליידיקן אָרט, וועגן זיין שטול וואָס איז געבליבן אָן אַ יורש. ניטאָ נאָך ביי אונדז די שעפערישע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל קענען משפיע זיין מיט זיין רביאישן וואָרט און דערביי שפרייטן אַרום זיך אהבה און בטחון.

בלויז פרץ האָט באַוויזן צו זיין דער שרייבערישער אָדעם פאַר די וואָס האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַ־טור. בלויז צו אים איז מען געקומען מיט חסידישער אמונה און התלהבות אויפכאַפּן אַ וואָרט, אַ רמז, אַן עצה, און בלויז אים האָט מען אָנערקענט פאַרן רבין וואָס איז אין דער בחינה פון צדיק גוזר.

איז פרץ אוודאי געווען ראוי לאצטלא זו, אַליין דער גרויסער שאַפער און בויער פון יידישע קונסט, איז ער אויך געוואָרן דער זאָרגער איבער זיין וואוקס און קיום. האָט ער דעריבער געוואָרעמט און גע־צערטלט, דערמוטיקט און געקרעפטיקט, יעדן פאַרזוך פון מיטבוויאונג און מיטשאַפונג. איז דאָס אוודאי אויך אַ מדרגהדיקע מידה, וואָרן ערשט דורך דער דאָזיקער באַציאונג זיינער צום יונגן אָנהויבער איז

די יידישע ליטעראַטור אַוועק אין זיין אויסערגעוויינטלעכן טעמפּאָ און דערגרייכט ממשותדיקע סמנים פון אַ נאַציאָנאַל אייגנאַרטיקער קונסט.

אָט די דאָזיקע מדרגהדיקע פּרץ־באַציאונג, פעלט איצטער לגמרי אין אונדזער סביבה ; ס׳פעלט פּרצעס אינטעלעקט און פלאַם, פּרצעס באַגייסטערונג און ברייטקייט, פּרצעס אומבאַגרענעצטע אהבה און פּאַטערלעכקייט. דער יונגער יידישער שרייבער האָט איצטער קיין אַדרעס ניט, איז אַ קיילעכדיקער יתום, און דערפאַר דער ווירוואַר אין דער יידישער שאַפונג, דערפאַר די ניט־דערוואַקסנקייט, דערפאַר דער אומפּרוכטבאַרער באָדן אונטער דעם יידישן וואָרט.

שלום עליכם

שלום עליכם איז איינער פון אונדזערע סאַמע באַליבטסטע יידישע דיכטער אין אונדזער יונגער ליטעראַטור. ער איז געקומען צו אונדז ווי אַ ליכטיקע זון אויף אַ פאַרכמאַרעטן הימל און אַריינגעשטראַלט מיט זיין ליכטיקן, פריידיקן קינסטלערישן וואָרט אין דעם אָרעמען, פאַריתומטן יידישן גלות-לעבן.

שלום עליכם איז געווען דער פּאָפּולערסטער יידישער שרייבער, וואָס האָט מיט אַ געניאַלן פּענזל געמאָלן זיינע פאָלקסטימלעכע טיפּן און געשטאַלטן; ער איז געווען דער שריפטשטעלער וואָס האָט געהאַט אַ זעלטן אויער פאַרן יידישן עפּאָס, פאַרן יידישן ניואַנס, פאַרן יידישן לעבנס-שטייגער און פאָלקלאָר.

שלום עליכם האָט צוזאַמענגעקליבן דעם גאָר גרויסן אַרסענאַל פון ווערטער, גלייכווערטלעך און פאָלקס מעשהלעך און זיי באַקליידט מיט דער קראַפט פון זיין טאַלאַנט, פאַרקערפּערט אין זיי דעם ליכטיקן פונק פון זיינע לעבעדיקע, געזונטע, פריילעכע געשטאַלטן; ער האָט זיינע העלדן, זיינע מענטשן און טיפּן, ניט אויסגעטראַכט און ניט אויס-געקלערט נאָר גענומען פונעם עצם לעבן פון די ברייטע פאָלקס-מאַסן. טיפּן אַזעלכע וואָס מיר באַגעגענען אויף טריט און שריט, טיפּן וואָס זיינען אונדז אַזוי גוט באַקאַנט און דאָך אַ זעלטענע אַנטפּלעקונג, ניי, פריש און אָריגינעל.

שלום עליכם האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור דערפרישונג און פרייד, דעם לויטערן, שפּילעוודיקן, אויסקריסטאַליזירטן הומאָר; הארמאָנישע, בילדלעכע חנעוודיקייט, דורכגעוועבט מיט טיפער האַרציקער פריילעכקייט. אין יעדן ווינקעלע, אין יעדער שפּאַ-רונקע פונעם יידישן לעבן, האָט זיין דורכדרינגנדיק אויג דערזען מאַ-טעריאַל פאַר זיין מאַלעריי. די כתרילעווקער יידן מיט זייערע זיטן,

קליינשטעטלדיקע השגות און אָרעמקייט, ווי די גרויסע קאַבצאַנסקער גבירים, שילדערט ער מיט דורכזיכטיקן און זאַפטיקן הומאָר, וואָס איז אוניק און איינציק.

שלום עליכם האָט מיט זיין גוטמוטיקן הומאָר געמאַכט צום לאַכן אַלע קלאַסן יידן. קליין און גרויס, עמך און אינטעליגענט, פאָלקסמענטש און אַריסטאָקראַט, האָבן מיט גרויס ליבע און אַנטציקונג אים געלייענט. און אַז מען לייענט אים, מוז מען לאַכן מיט הילכיקן, קייכיקן געלעכטער, אָפט אפילו ביז טרערן.

שלום עליכמס הומאָר איז ניט קיין געמאַטערטער, ניט קיין צוגע־טראַכטער, ניט קיין אויסגעקינצלטער מיט עפּעס אַן איינפאַל, שפּיצל אָדער המצאהלע, ניט קיין מעכאַנישער. זיין הומאָר פליסט ריין און לויטער ווי קריסטאַלענע שטראָמען פון אַ וואַסער־פאַל.

אויך מענדעלע האָט פאַרמאָגט הומאָר, אָבער ער איז געווען אַ פאַרביטערטער, אַ גאַליקער. מענדעלע איז געווען דער שטענדיקער מאָנער, דער שטראָפער און מוסר־זאָגער. שלום־עליכם האָט ניט גע־שטראָפט, נישט אָפּגעלאַכט, ניט חוזק געמאַכט, נאָר אויף אַ גוטמוטיקן אופן מיט אַן איידעלן שמייכל און פיינעם, לויטערן קאָמיזם, אָפּגעדעקט אַלע אונדזערע חסרונות און קליינשטעטלדיקע תנועהלעך. מיר האָבן זיך געלאַכט און זיך געשעמט מיט אונדזערע שוואַכקייטן.

אויב מען וויל זיך באַקענען מיטן עכטן יידישן לעבן אין דער ברייט און אין דער טיף, הערן דעם אָטעם און האַרץ־קלאַפּ פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, מוז מען דורכלייענען שלום עליכמס קורצע דערציילונגען, מעשהלעך און מאָנאָלאָגן. איר באַקענט זיך דעמאָלט מיט טיפּישע פּאַרשוינען, קאָלירפולע מענטשן, און דערזעט דעם גייסטיקן שפּיגל פון אונדזער לעבן.

פון זיינע טיפּן לייכט אַרויס דער פייערדיקער, צעפונקטער, ברייטאָטעמדיקער הומאָר, שלום עליכמס אָפּטימיסטישער, ליכטיקער גייסט, זיין אייגנאַרטיקע פּשטות, זיין אינעווייניקסטע אָרגאַנישע צוזאַ־מענגעבונדנקייט מיט די רעאַלע באַדינגונגען, מיט דער גאַנצער סביבה, לעבן און שטרעבן.

שלום עליכמס כתרילעווקע פאַרקערפּערט אין זיך און גיט אונדז מערקווירדיקע בילדער פונעם יידישן יסוד, פונעם יידישן שטעטל און

שטאָט. זיינע פיגורן פּערזאָניפיצירן מענטשן און טיפּן וואָס מיר באַגעגענען אינעם וואָכנדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זייער אַלט־פרענקישקייט און בטלנות, מיט זייער וואַגלעניש און יאָגעניש, מיט זייער דערשלאָגנקייט און באַדנלאָזיקייט, מיט די אייביקע דאגות הפרנסה, מיט די אייביקע זאָרגן פאַר תכלית און יידישן קיום.

אין אַט דער דאָזיקער עפּאָכע פון עלנט און טראַגישקייט, פון רדיפות און פּורעניות, פון אַן ענגן, מרודנעם און טרויעריקן געטאָ לעבן, האָט שלום עליכם געבראַכט אויפמונטערונג, טרייסט און חדוה. אינעם טראַגישן האָט ער דערזען דאָס קאָמישע, דאָס פריילעכע, די סטיכיע פון אַ פאָלק וועמען כלערליי נגישות קענען ניט בייקומען.

שלום עליכם האָט אין דעם דאָזיקן עלנטן לעבן וואָס ער האָט געמאָלן, אריינגעהויכט זיין אָפּטימיזם, זיין דינעם, איידעלן, גלייטערטן הומאָר, זיין געלעכטער האָט אָנגעשטעקט און להכעיס דער טרויעריקער לאַגע געמאַכט לאַכן הילכיק און האַרציק.

די מאָנאָלאָגן זיינע זיינען אַ קוואַל פון טיפער אינעווייניקסטער פרייד, און מיר ווערן קיינמאָל ניט מיד זיי צו לייענען פונקט ווי מיר ווערן ניט מיד ווידער און ווידער זיך צוצוהערן צו אַ זיסן, האַרציקן ניגון.

זיינע קינדער מעשות זיינען נאָך מער גייסטרייכער און פאַרמאָגן אַ שטאַרקערן קינסטלערישן כוח. אין די קינדער מעשהלעך זעט זיך בולט אַרויס די פרייד פון דעם קינדער־וועלטל, דער צאַרטער קינדערישער אומשולד, דאָס טיפע אַריינדרינגען און אַריינלעבן זיך אין דער קינדערישער פסיכיק. שלום עליכם טוט עס מיט אַזאַ דינאַמישער קראַפט, וואָס איז גאַנץ אייגנאַרטיק און ניי אין זיין מין.

ווי אַ רייזיקער פאַקל אין דער פינסטערער נאַכט לויכט שלום עליכמס אָריגינעלער קרעפטיקער טאַלאַנט. זיינע טיפּן ווי מנחם מענדל, טוביה דער מילכיקער און מאָטל פּייסי דעם חזנס וועלן פאַרבלייבן די פּאָפּולערסטע קלאַסישע פיגורן אין דער יידישער ליטעראַטור. אין זיין מנחם מענדל גיט אונדז דער קינסטלער ניט סתם עפּעס אַ טיפּ פון אַ לופט־מענטשן, אַ ספּאָדיק־דרייער, אַ פאַנטאַזיאָר און לא־יצלח, וואָס באַגראַבט יעדן גראָשן אויף דער בירזשע און גיט דעם ווייב אַ פינסטערע דאָליע. מנחם מענדל שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע יידישע לופט־לעבן, אונדזער גאַנצע באַדנלאָזיקייט, וועלכע מאַכט אונדז הפקר און אונטער־

וואַרפט אונדז אונטער כלערליי נגישות, גזירות און אכזריות, מנחם מענדלס באַדנלאָזיקייט סימבאַליזירט דעם יידישן מצב, דעם מקור פונעם יידישן גלות-לעבן.

אין טוביה דער מילכיקער גיט שלום עליכם אַ בילד פון אַ פשוטן ישובניק, אַ יידן וואָס האָט ליב די נאַטור און דאָס לעבן אויפן דאָרף, אַ געזונטער מענטש מיט אַ שטאַרקן גוף און שיינע נשמה פול מיט בטחון און אמונה. טוביה איז ניט אַזוי נערוועז ווי מנחם מענדל און האָט ניט די השגות פון די כתרילעווקער. זיין עצם וועזן און גאַנצער מהות איז דורכגעשפּינען מיט די איידלסטע פעדעם פון דער נאַטור: פריידיקע האַרציקייט, בניעמותדיקע, זוניקע טריט, וואָס וואַרעמען זיך אין פריי־דיקע שטראַלן. אין די סאַמע שווערסטע מינוטן, ווען ער איז אַ טבול בצער, ווען ער ליידט דורך די שווערסטע און האַרבסטע יסורים, פאַלט ער ניט אַריין אין דער טרוקענער עצבות, נאָר פירט זיך כסדר אָן זיין לעבנס-פילאָסאָפיע, וועלכע איז תמיד אַ ליכטיקע, אָן אָפּטימיסטישע.

טוביה איז אין עצם אַ ייד פון דער אַלטער וועלט, אָבער מיט אַ פאַרשטענדענעם און ליבע צו זיינע דאָרפס-שכנים, צו זיינע מיט־מענטשן, צו דער גאַנצער וועלט, און ווייל ער האָט אַלעמען אַזוי האַר־ציק ליב, זאָגט ער זיך תמיד זיין פסוקל, זיין פילאָסאָפיש ווערטל, וואָס איז אַמאָל אויך שניידנדיק און טרעפט אין דער זיבעטער ריפּ. ער טוט עס אָבער ניט חלילה אויס שלעכטסקייט; ער איז דוקא דער סאַמער גוטמוטיקסטער טיפּ, וואָס איז אפשר בלויז אונדז יידן באַקאַנט.

מאָטל פייסי דעם חזנס פאַרמאָגט אין זיך דעם געלייטערטן, איידעלן שמייכל, די גאַנצע פראַכט און חנעוודיקייט פון שלום עליכמס הומאָר: אייגנאַרטיק, פול מיט קאָלאָריט און שפּילעוודיקייט.

קיין אַנדערן יידישן שרייבער האָט מען ניט פּרובירט אַזוי פיל אימיטירן ווי שלום עליכמען, אָבער עס האָט זיך כסדר געפילט די שאַר־זשירונג, די אומבאַהאָלפנקייט פונעם אימיטאַטאָר. דאָ און דאָרטן האָט זיך אפילו באַוויזן אַזעלכער וואָס האָט אַ פינקל געטאָן מיט אַ צאַרטן, שפּילעוודיקן טאָן, אָבער קיין הומאָריסטישע טיפּן און גע־שטאַלטן זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן.

שלום עליכמס הומאָר און סטיל קען מען ניט נאָכמאַכן, פונקט ווי מען קען ניט נאָכמאַכן דעם פאַרבאָרגענעם שמייכל פון דער מאָנאַ

ליזא. גאַר אַ סך גרויסע מאָלער האָבן אין גאַנץ פאַרשיידענע צייטן געפּרובירט נאָכמאַכן אָט דעם דאָזיקן סודותדיקן שמייכל, געפּרובירט מאָלן אָבער ניט באַוויזן עס צו טאָן. עס איז דער אייביקער אומאַנט־פלעקטער סוד פון דער קונסט וואָס ווערט מגלה בלויז צום עכטן, געניאַלן קינסטלער, צום קינסטלער וואָס טראָגט אין זיך די ברכה און גייסטיקייט פון דער שעפערישער קדושה.

שלום עליכם איז געווען דער באַשיידענער מענטש, דער פאָלקס־טימלעכער הלל, אָט דער דאָזיקער געניאַלער קינסטלער, וואָס האָט פאַרמאָגט גאַר אַ גרויסע שפע פון ליכטיקן אָפּטימיזם, פון פרייד און געלעכטער, און האָט מיט דעם דאָזיקן אוצר זיינעם באַקליידט זיינע טוביהס און מאָטל פּייסים, טיפן און געשטאַלטן וואָס וועלן לאַנג שיינען אין אונדזער יידישער ליטעראַטור.

שלום עליכמס הומאָר איז אַ לויטערער און קלאָרער, און דערפאַר בלאַנקט ער און פינקלט אפילו בעת ער איז בעצם טראַגיש. אפילו זיין באַרעדעוודיקייט איז ניט לאַנגווייליק; אָפט איז עס גאַר אַ ווירקנדיקער אינסטרומענט אין זיין קינסטלערישן טאַלאַנט צו מאַכן דעם הומאָר מער שפּעדיג.

שלום עליכמס געלעכטער און געוויין איז ניט עפּעס אַ גליטשיקער געצייג פון פלינק אויסגעטראַכטע שפּיצלעך און שטיפעריייען, נאָר אַן ערלעכע טרער און תמימותדיקער שמייכל וואָס רייסט זיך אַרויס פון אונדזער שטיינערדיקן באָדן אונטער אונדזערע פיס.

שלום עליכמס הומאָר איז די פריידיקסטע פאָלקסטימלעכקייט, און דערפאַר איז ער נאָך איצטער פאַר אונדז פריש און ניי. ער איז דער נאָענטסטער יורש פון די לאַנגע דורות חכמים, וועמענס ווערק האָבן מיט גליענדיקער פרייד און וויטאָגדיקן צער געצייכנט אונדזער שבת און וואָכעדיקייט, אונדזער גדולה און שפלות, אונדזער קדושה און טומאה.

אַברהם רייזען

אברהם רייזען האָט זיך דערוואָרבן זיין גרויסן אָנזען הן דורך זיין קורצער, גוט געפּאָרמירטער דערציילונג און הן דורך זיין קרעפּטיק געלייטערט ליד. אַזאַ קינסטלערישע רחבות איןביידע מינים שאַפונגען, איז ביי אונדז גאַנץ ווייניק בנמצא. אפילו פּרץ האָט זיך אין דער פּאָעזיע ניט דערהויבן צו דער ריזיקער גרויסקייט פון זיין פּראָזע.

רייזען איז עס דער געבענטשטער קינסטלער וואָס פאַרמאָגט גאָר גרויסן כוח סיי אַלס פּאָעט און סיי אַלס דערציילער, און אין ביידע דערגרונטעוועט ער זיך צו די סאַמע טיפסטע ווינקעלעך פון דער פּאָלקס נשמה. זיין אויג כאַפּט אויף יעדן נייעם קנייטש, יעדן נייעם שטריך, יעדן ניואַנס און געמיט-צושטאַנד אין אונדזער פּאָלקס לעבן.

אַלס פּאָעטישער כוח טיילט זיך רייזען שאַרף אָפּ פון די איבעריקע יידישע קלאַסיקער. ער איז אין דער יידישער ליטעראַטור ניט געקומען פון מזרח-וואַנט, פון די תלמידי חכמים און קוואַליפיצירטע קולטור טרעגער. ער איז בטבע ניט קיין תורה פאַרשפּרייטער, אפילו ניט קיין פּראָפּאַגאַנדיסט אָדער קעמפער פון אידייען און צוועקן. ער איז פשוט דער ליטעראַרישער רעפלעקטאָר דורך וועלכן עס שפּיגלט זיך בולט און קלאָר אָפּ דאָס לעבן און שטרעבן, די דערפאַרונגען און עמאָציעס, די חלומות און האָפענונגען פון די גאָר גרויסע יידישע פאָלקסמאַסן.

רייזען האָט געגעבן יצירה און לעבן צו יעדן קלאַס און טיפּ, אין אַלע זיינע שאַפונגען האָט ער אַריינגעהויכט זיין אייגענע פשטות און פרישקייט. אפשר טאַקע דערפאַר איז ער דער אמת היימישער דיכטער, באַקאַנט און באַליבט ביי דעם פשוטן יידן.

רייזען איז ניט דער שרייבער-אינטעליגענט, וואָס פאַרקנייטשט דעם שטערן און פאַלט אַריין אין התבודדות; ער זוכט ניט צו פאַרפּוצן זיין שרייבן מיט קינסטלערישער שיינקייט, מיט שווער-קעפּיקער

ערנסטקייט, מיט פאַרכאַפּנדיקע פאַרבן און קאָלירן, מיט פּאָזע און אָנשטעל.

זיינע טיפּן זיינען נישט קיין פֿרוידישע פּסיכאָ־אַנאַליטישע העלדן. זייערע פּראָבלעמען זיינען נישט קיין פאַרפּלאָנטערטע, די מחשבות נישט קיין הימל קריכנדיקע. אברהם רייזען איז דער פּשוטער, אומגעקינסטלטער יידישער פּנים אין אונדזער ליטעראַטור. ער פילט זיך היימיש מיט זיינע העלדן, און די העלדן זיינען אַ האָר נישט אַנדערש ווי ער אַליין — פּשטות און איינפאַכקייט. רייזען שרייבט ווי ער רעדט, שאַפט ווי ער לעבט. ער מיט זיינע העלדן זיינען מעור אחת, פון איין הויט, עצם מעצמו, איין גוף און איין גייסט.

שטעלט מען זיך אָפּ אויף רייזענס פּשטות, פאַרשטייט מען ערשט קלאָר די דערהויבנקייט פון בעל שם׳ס שיטה אין חסידות. דער כוח פון רייזענס פּשטות און נאַטירלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו פאַרמאָגן אַזוי פיל קרעפטיקייט, אַזוי פיל עליות נשמה, אַזוי פיל פון דעם חלק אלוקי, אַז דווקא ער האָט אויפגעשריבן די בעסטע עטלעכע לידער אין דער יידישער ליטעראַטור.

מען האָט רייזענען געקרוינט אַלס דעם פּאָעט פון דעם אָרעמאַן, דעם אומגליקלעכן און דערשלאָגענעם. דער אמת איז, אַז ער איז אַ סך מער ווי דאָס. ער איז די פּאָעטישע שטימע, דערהויבן און אינספּירירט, פון דער גאַנצער פאָלקס מאַסע.

רייזען איז זיך נישט מתחתן מיט דעם פּשוט וואָכנדיקן מענטשן צוליב אַריינקריכן אין דעמאָקראַטישן יחוס און העלדישקייט; ביי אים איז עס נישט סתם אַזוי אַ שיינער שידוך וואָס וועט אַמבעסטן עולה יפה זיין און ווערן אַ סגולה צו שפּעדיקער שעפערישקייט. רייזען איז עס מבטן ומלידה, און האָט עס איינגעזאַפּט מיט דער מוטערס מילך.

אפשר האָט דאָס קליינע פאַראַרעמטע קאַידענאָווער שטעטל גורם געווען, אַז ער זאָל בראשו וברובו זיין אַ פונדאַמענטאַלער טייל פון די ברייטע מאַסן, פּונקט ווי די דאַרע און מאָגערע ליטווישע ערד און פאַרחושכדיקע הימלען האָבן אין אים איינגעבוירן דעם שטענדיקן גרויען צער?

רייזענס פלאַמיקע ליבע צו אונדזערע ברייטע פאָלקסמאַסן, זיין פאַרשטענדעניש פון אַלע אונדזערע נויטן און שווערע לעבנס באַדינ־

גונגען, איז דער פליסנדיקער קוואל פון וועלכן ער שעפּט אַזוי שפעדיק זיינע סאָציאַלע מאָטיוון. זיינע לידער האָבן דערפאַר אין זיך דעם שימער פון טויזנטער פאַרביקע בלומען, וואָס פאַרכאַפּן מיט פאַרכשוּפ-דיקן ליכט; זיי זיינען באַלאָדן מיט געדאַנק און אינהאַלט, מוח און האַרץ, ברייטקייט פון שוואונג און דינקייט פון געפיל. זיינע לירישע טענער פליסן צאַרט און ווייך ווי רייפע, זאַנפטיקע קאַרשן: מונטער און דערפרייענדיק ווי די אויפגייענדיקע זון אין פרילינג.

רייזענס לידער זינגען ווי מילגרוימען פול מיט נייקייט. ער שפּילט זיך ניט מיט הוילע ווערטער, — מיט וואויל קלינגנדיקע שורות. אפילו בוימער און בלומען רעגן אים זעלטן אָן, כאָטש ער האָט זיי דווקא ליב. אין זיין ליד איז בכלל ניטאָ דער געקינסטלטער מוזיקאַלישער עפעקט, דער בליאַסק פון שטראַלן און אויסנווייניקסטער גלאַנץ פון שיינע פראַזן. פון זיין ליד הויכט תמיד די אינעווייניקסטע שיינקייט וואָס אָטעמט און לעבט מיט טרייסט און האָפנונג, פרייד און גלויבן, באַגער און קאַמף.

רייזענס לידער אָטעמען אויך מיט פסיכאָלאָגישער טיפקייט און אייראָפּעאישער פרישקייט. זיינע טענער זינגען פול מיט די דינסטע ניואַנסן. די האַרמאָניע, סטיליסטיק און איבערגיסונג פון געפיל, דער פּאַטאָס און דערהויבונג, איז פריש און ניי און פאַרמאָגט דעם אש שלהבת פונעם אמתן דיכטער און קינסטלער.

רייזען האָט מיט זיינע לידער און דערציילונגען אַריבערגעשפּרייזט זיין אייגענע סביבה, און מיט נייע פאָרמען און מאָטיוון אויסגעזונגען דעם רוף פון קאַמף אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער.

זיינע לידער ווי „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" און „קירכן גלאָקן" זיינען בשעתם געווען עפּאָכע-מאַכנדיק. זיי האָבן מיט דער אינעווייניקסטער פולשטענדיקייט געמונטערט און געוועקט, געשפּרייט האָפע-נונג און אידייאישקייט, געפלאַמט און געשפּריצט מיט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז; זיך פאַנאַנדערגעצווייגט אין טויזנטער ליכט פונקען וואָס האָבן זיך געטראָגן אין די אָרעמע אַרבעטער געסלעך מיט אַ נייעם אָנזאָג פון אַ קערנדיק לעבן, פון אַ לעבן וואָס וואַקסט און שפּרייט זיך, שטראָמט זריעהדיק און שטאַרקט די מוסקולן פון די דערוואַכטע מאַסן.

שטיל, אומעטיק און פול מיט בענקשאַפט איז זיין „מאי קא משמע

לן" דער טרויער און נאָגנדיקע בענקשאַפט פונעם אָרעמען ישיבה בחור, זיינע אייביקע קשיות און טענות, זיינען אייגנטלעך די קשיות און טענות פון מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט, פון מענטשן וואָס הונגערן, ליידן און בענקען.

רייזען איז אָבער ניט דער מקונן, נאָר דער בעל הזיונות, דער וואָס זעט די צוקונפט. כמעט אין אַלע זיינע לידער, אין זיינע היימישע אידי־ליעס און פאָלקס מאָטיוון, הערט זיך דער מונטערער טאָן, דער חדוה־דיקער קלאַנג, דער טאָן פון אָנזאָג.

ליבע, רירנדיקער מיטגעפיל און טיפע האַרציקייט, לויכט דורך אין רייזענס שאַפונגען. אין די נויט־מאָטיוון זעט זיך ווי אַ טורעם־ליכט אין דער פינצטער דער שטראַל פון האָפענונג, דער אָנזאָג פון אַ „והיה באחרית הימים", אַ צוקונפט פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט.

רייזען איז אויך דער אַרטיסט און סטיליסט פון דער קורצער דער־ציילונג. אויך אין זיי האָט ער אַריינגעבראַכט זיין אייגענעם טאָן, אַ טאָן וואָס וויברירט מיט עטישער באַציאונג צו די אָרעמע אַרבעטנדיקע מאַסן.

רייזען האָט אין זיינע דערציילונגען געשילדערט יעדן טיפ מענטשן, דעם אָרעמאַן און אויפגעקלערטן בוכהאַלטער, דעם ישיבה בחור און האָרעפּאַשנעם בעל־מלאכה. זיין הויפּט גבורה ליגט אָבער אינעם בעל מלאכה טיפּ, וועלכער איז ניט דער אָנגענומענער פּאַטעטיש צעווייקטער פּאַרשוין, נאָר אַ מענטש פול מיט בלוט און פלייש, אַ טיפּ וואָס פּאַרמאָגט אין זיך אוניווערסאַליטעט, ווי עס איז אוניווערסאַל דער אמת אַליין, דער מענטשלעכער געפיל און ליבע.

רייזענס קורצע דערציילונגען זיינען געווען אַ שם דבר, אַן אָנזאָג אויף עפּעס נייעס וואָס האָט גערעדט צו אונדזער אַלעמענס פּאַנטאַזיע. עס האָט אַ וויי געטאָן מיט פרילינג און אונדז אָנגעהויכט מיט אידילישע האַרציקע פרייד, מיט אַ זעלטענעם נחתדיקן עונג יום טוב.

רייזענס דערציילונגען האָבן אין זיך די פעטקייט פון פרישן האָניג. אַ זיסקייט וואָס איז קרעפטיג און נאַטירלעך. רייזען קליגלט זיך ניט מיט איינפאַלן, המצאות און אויסערגעוויינלעכע קאָנפליקטן. זיינע סוזשעטן זיינען פּשוטע און דאָך אַזוי לעבעדיקע, אַזוי אינטערעסאַנט און דאָך פּאַרכאַפּנדיק.

רייזענס סוזשעטן און מאָטיוון זיינען תמיד דערגאַנצט און אָפּגע-שלאָסן. זיין נאַטירלעכער הומאָר איז אָרגאַניש געבונדן און געקניפּט מיט די סאַמע דינסטע פעדים פון זיינע דיכטערישע זעאונגען. ער איז פולזייטיק און פול-געשטאַלטיקט, טיף, פריש און שעפעריש, פול מיט תוך און אינהאַלט. זיין סביבה איז דער גרויסער וועלט-שליאַך, וואו ער ווירקט, שאַפט און באַפרוכטיקט.

מיט פולבלוטיקע פאַרבן האָט ער געמאָלן דאָס היימישע שטעטל. זיין קינסטלעריש אויג האָט יענע סביבה און לעבנס שטייגער אַרומ-גענומען מיט ווייכן, הומאָר. ער גלאָריפיצירט ניט זיינע מענטשן, אידעאַליזירט ניט דאָס היימישע, נאָר מאָלט עס רעאַל און אָביעקטיוו.

רייזען האָט אין דער דערציילונג אַריינגעבראַכט די קאָמפּאַקטקייט און אפילו דערביי געשאַפן זיין אייגנאַרטיקייט. די שיינקייט זיינע איז ניט די הומרדיקע, די מגושמדיקע, נאָר די אויסגעליכטיקטע, געליי-טערטע שיינקייט פון גייסט.

רייזען האָט דעם גרויסן כוח דעם לייענער זיינעם מיטצונעמען אין זיינע שפעדיקע שייערן און אים ווייזן גאָר די וועלט דורך וויזיעס און חלומות; אים אָנרעגן מיט גאָר די סודות פון זיינע דערגרייכונגען.

רייזען איז דער קינסטלער וואָס פירט אונדז מיט פאָטערלעכע ליבע אַריין אינעם סאַמע קדשי קדשים פון גייסט, קונסט און געניאַלי-טעט... ער צוגלידערט און צעברעקלט אונדזערע עמאָציעס, וועבט אַרום זיי איידעלע, זיידענע געוועבן, וועקט אונדזער פאַנטאַזיע און אַנטפּלעקט פאַר אונדז דאָס קינסטלערישע פינטל, דעם רייץ און יום טוב פון קינסטלערישן געניוס.

רייזען איז צו אונדז געקומען ווי אַ ליבע מתנה אין יענער צייט ווען די יידישע ליטעראַטור איז נאָך געווען כמעט אַ רויער, אומבאַאַר-בעטער גאָרטן. דאָ און דאָרטן זיינען באמת שוין געווען טיף פאַר-וואָרצלט עטלעכע קרעפטיקע בוימער, אָבער די ערד אונטער זיי איז נאָך געווען האַרט, שטייניק. מען האָט עס נאָך אַלץ באַדאַרפט צעאַקערן, באַטויען, אַרומראַמען די פעלזן, פאַרגלעטן די בייטן און זיי פאַרזייען מיט געזונטער, פרוכטבאַרער זריעה.

אין אונדזער ליטעראַטור האָט נאָך דעמאָלט געפעלט דער פאַר-נעם, די ברייטקייט און טיפקייט פונעם אייראָפּעאישן. אונדזערע קלאַ-

סיקער האָבן זיך על פי רוב אָפּגעגעבן מיטן ריינעם יידישן לעבן און זיך באַמיט צו זיין לערער, אויפקלערער, משכילים און רעפאָרמער. זעלטן ווען זיינען זיי אָפּגעטראָטן פון דער אייגענער סביבה, געמאַכט אַ טריט מחוץ לתחום.

רייזען איז עס געווען דער וואָס האָט געמאַכט דעם געוואַגטן שריט. ער איז אַרויס פון דער ענגער סביבה און סיי דאָס אייגענע און סיי דאָס פרעמדע אַרומגעגאַרטלט אַרום זיך. ער האָט ניט דורכגעלאָזן דאָס היימישע, געמאָלן דאָס יידישע שטעטל, דעם בעל הבית און כלי קודש, אָבער אויך פאַרקערפּערט דאָס אוניווערסאַלע. זיינע בעלי מלאכות זיינען ניט די גלות יידן, נאָר אַרבעטער וואָס ברויזן מיט קאַמף און מלחמה, וואָס רייסן זיך צו דער גרויסער וועלט ווי שוימיקע כוואַליעס צום ים ברעג.

רייזען האָט מערער ווי זיינע צייט-גענאָסן געגעבן אַ שטויס פאָראויס די יידישע ליטעראַטור. מיט זיין אָטעם און טאָן האָט ער אויך דערפירט צו גרעסערע פאָרמען; צו ברייטערע און טיפערע האָריזאָנטן. רייזען איז אַזוי אַרום אויך געוואָרן אַ שול, אַ שול פאַר זיך אַליין און אַ מוסטער פאַר אַ גאַנצן דור שריפטשטעלער סיי אין דער פּראָזע און סיי אין דער פּאָעזיע.

אברהם רייזענס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, איז פון אָנהויב אָן געווען אַן אימפּעטיקער. אימפּעטיג האָט ער דערקענט זיינע שעפערישע כוחות, און נאָך אימפּעטיקער האָט דער ייד אין אים דערקענט זיין דיכטער און דערציילער.

אברהם רייזען איז דער שטענדיקער באַרג-קלעטערער, שטייגנדיק אַרויף און אַרויף פון איין מדרגה צו אַן אַנדערער. אין זיין גאַנצן שאַפונגס-פּראָצעס איז ניטאָ פאַראַן די מינדסטע הפסקה, דער מינדסטער איבעררייס; אַלץ איז איין איינציקע איינהייט, איין שטענדיקער המשך און איין פולשטענדיקע השלמה.

***

אברהם רייזען איז אין זיין שאַפונג בבחינת בעל שם, צונויפגעוועבט און באַהאַפטן מיט די יידישע מאַסן, זינגער פונעם יידישן ניגון,

קול מבשר פון יידישע האָפענונג און ירמיהודיקער טרויער פון יידישן צער.

אברהם רייזענס ליבע צום פשוטן מאַסאָוון מענטשן איז דער סאַמע וויכטיקסטער עלעמענט אין זיין שאַפונג. אַט דער דאָזיקער חותם ליגט אויף אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן אפילו דער טאָן זיינער, דער אומעטיקער טאָן, איז תמיד דורכגעדרונגען מיט דער דאָזיקער אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט.

דורך דער דאָזיקער ליבע זיינער האָט ער זיך פון סאַמע אָנהויב אָן באַהאַפטן מיטן לייענער און געוואָרן לבשר אחד. און אפשר דערפאַר איז ער עם די הויכע גוטסקייט און איידלקייט: עס איז די יניקה פונעם לייענער דעם פשוטן און הארציקן פאָלקס מענטשן.

⁂

דעם גרעסטן שבח וואָס מ׳קען זאָגן וועגן א. רייזענס פילע ווערק, די פּראָזע און פּאָעזיע, איז אַז זיי זיינען איצט נאָך פונקט אַזוי ניי, פונקט אַזוי אַקטועל און לעבעדיק, ווי זיי זיינען געווען דענסטמאָל, בעת ער האָט זיי פאַרעפנטלעכט.

אברהם רייזען האָט באַוויזן שאַרף און אָריגינעל ברענגען צום אויסדרוק די סאָציאַלע געראַנגלען פון די ברייטע יידישע מאַסן, און זיי צו פאַרוועבן אין אַזאַ פיינער אייגנאַרטיקער פאָרם וואָס בלייבט תמידווירקנדיק.

רייזענס שאַפונג איז תמיד באַזעלט מיט אַן אידעאַל, מיט דעם אידעאַל פון ליבע און גוטסקייט צו דער גאָרער מענטשהייט. זיינע לידער און דערציילונגען זיינען דעריבער דער פולשטענדיקער אויסדרוק פון די אייגענע באַשטרעבונגען און געפילן.

יהואש

די יידישע ליטעראַטור איז מיט אַ פיר צענדלינג יאָר צוריק נאָך געווען אין איר סאַמער ערשטער אַנטוויקלונג. דאָ און דאָרט האָט שוין אַ באַדייטנדיקער יידישער דיכטער אויסגעזונגען זיינע אייגענע טענער, אָבער די אַלגעמיינע שאַפונג איז נאָך געווען צעשוואומען און אָרעם.

דער ערשטער וואָס איז געקומען מיט זיכערע טריט און אַ שיין געטאָן מיט זיין ראַפינירט געשליפענעם פערז, מיט זיין ברייטן מאַלע־רישן פאַרנעם, מיט זיין אָפּגעטאָקטן שפּילעוודיקן ריטם און מיט דעם מילדן, פאַרכשופטן געזאַנג און אומרו, איז געווען יהואש, דער מענטש און דיכטער, דער אינטעלעקט און איבערזעצער.

אין יענער צייט ווען יהואש האָט אָנגעהויבן שמידן זיין ליד, איז די יידישע דיכטונג נאָך געשטאַנען אויף אַ גאַנץ שפּלדיקער מדרגה. זיינע פאָרגייער, עדעלשטאַט, באָוושאָווער און ווינטשעווסקי, האָבן געשאַפן לידער פון אַ סאָציאַלן אינהאַלט. די פונקציע פונעם קלאַסן קאַמף איז ביי זיי געווען דער הויפּט עיקר, און אין זיי האָבן זיי געזוכט אַריינצוברייגען בלויז די פאַרשיידענע ריכטונגען, שטרייטיקייטן און קאַמפן, וואָס זיינען דעמאָלט אָנגעגאַנגען.

דורך זייערע לידער האָבן זיי געוואָלט צוקומען צו די מאַסן, זיי דערנענטערן צו די אייגענע אידייען, און די לידער זיינען דעריבער נים געווען קיין פועל יוצא פון דיכטערישן דראַנג און אומרו. דער סוביעק־טיווער פייער פון אָנרעגונג איז זיי געווען ווי פרעמד, און זייערע לידער זיינען על פי רוב געווען ריינע אַגיטאַציע. זיי האָבן זיך באַנוצט מיטן גראַם כדי דאָמיט לייכטער צו דערגרייכן די אַרבעטער מאַסן. זייערע לידער האָבן אַ סאָציאַלן און היסטאָרישן ווערט, אָבער דיכטונג איז אין זיי פאַראַן בלויז אַ מיעוט שבמיעוט.

די יידישע פּאָעזיע איז בשעתם באַשטאַנען פון קלאָג־לידער און

גרילצנדיקע, פּרעטענציעזע טענער אָן אינעווייניקסטער קינסטלערי־שער פאַרבינדונג פון געדאַנק און בילד; עס איז געווען אַ מין גלות־פּאָעזיע אָדער אפשר גאָר הוילע בדחנות.

דער ערשטער און עכטער אַרבעטער דיכטער וואָס האָט געזונגען מיט ברייט־אָטעמדיקע טענער דאָס ליד פון פאַרשקלאַפונג און אַרבע־ער נויט, איז געווען מאָרים ראָזענפעלד. זיינע פאַבריק־מעלאָדיעס האָבן פאַר אים אויסגעטראָטן אַ וועג אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אפילו אין זיינע לידער, ווי אין די לידער פון ש. פרוג, וועלכער איז אויך אַ קלאַסיקער אין אונדזער ליטעראַטור צוליב זיינע האַרציקע, פאָלקסטימלעכע נאַציאָנאַלע מאָטיוון, מערקן זיך אָנגעווייטיקטע טע־נער. עס פעלט אין זיי דער קינסטלערישער באַרוף, יענער געטלעכער אויפשטייג און אינדיווידועלע פולקייט פון טאָן, פאַרב און ניואַנס, דער חוש פאַר צויבערלעכע שפּירונגען און וויזיאָנערישע שטימונגען — דער פאַרבן־שימער, סטיל און געפיל.

אַ דיכטער טאָר ניט קומען מיט פּאַטעטישע, אָנגעווייטיקטע טע־נער. דער מאַסן־אויפברויז און פאָלקס־צאָרן קאָן אפשר זיין גוטער מאַטעריאַל פאַר צייט־מאָטיוון און צייט־לידער. דאָס פאָלק נעמט זיי אויף, זאַפּט זיי איין אין זיך, און זינגט דורך זיי אַרויס דעם אָנגעקליבע־נעם האַס און צאָרן, זיין ווייז און פּיין, זיין פּחד און מורא, אָבער אָט די אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון לעבן ניט לאַנג אינעם פאָלקס זכרון. זיי זיינען ווי ים־כוואַליעס, וואָס יאָגן זיך ראַשיק צום ברעג און שטאַרבן אָפּ אין זייער געלאַף איינער נאָכן אַנדערן.

אַ דיכטער מוז תמיד קומען מיט נייע אָריגינעלע קלאַנגען, מיט אַן אמת גרוים וואָרט, וואָס זאָל ניט זיין אונטערן איינפלוס פון רויט פלאַ־מענדיקע פענער; עס מוז קומען פון זיין אייגענעם סוביעקטיוון מהות, פון זיינע אינעווייניקסטע, פליסנדיקע כוחות, פון זיין אייגענעם איני־דיווידועלן, געליטערטן אויפשטייג, פון זיין אייגענעם אויפגלי־געראַנגל פון צאַרטער בענקשאַפט און חדוהדיקער פרייד.

יהואש איז דער ערשטער דיכטער וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין אייגענער ליניע. ער האָט אַ שיין געטאָן אין דער מאָרודנער, וואַכנדיקער גאַס מיט זיין בלאַנקנדיקן פּיי־נעם טאָן אין פאַרביקע לידער. אַזוי האָט ער פאַר אונדז געזונגען לידער

פון בלעטער-געפאַל אין די גרויע האַרבסט טעג, פון ווייסע פאַרשנייטע סטעפּעס, פון דערוואַכטן צויבער כישוף אין זוניקע, ליכטיקע פרילינג-טעג.

יהואש האָט אין דער פּאָעזיע אַריינגעבראַכט האָפענונג, ליכט, רויטע צעשטראַלטע זונען אויפגאַנגען, פּורפּור פייערדיקע זונען אונ-טערגאַנגען, פּאַנאָראַמעס פון בלומען-בייטן, שושקנדיקע סודות פון פעלד, וואַלד, באַרג און טאָל.

יהואש איז דער מאָלער פון שיינקייט, דער זינגער פון סימפּאָנישע טענער, פון פאַרשיידנאַרטיקסטע שימערירנדיקע פאַרבן און דינע אויס-געאיידלטע וואָקאַלן. זיין דורשט נאָך קינסטלערישער שלמות, זיין אויג פאַר וויזיעס, זיין חוש פאַר לירישע שפּירונגען, איז דער רוף צו דערגרונטעוועון זיך אין יענע ספערן אין וועלכע דער דיכטער מוז זיך געפינען דערפון צו ציען זיין יניקה.

מיט זיינע אוניווערסאַלע טענער האָט ער דער יידישער ליטעראַ-טור געגעבן אַ נייעם אויסדרוק, איר אַרויסגענומען פון דער דעמאָלטי-קער טענדענציעזער, פאַרפלאַכטער קאָלירלאָזיקייט און איר אַ שטויס געטאָן אויף ברייטע שליאַכן, איר געהאָלפן קריגן דעם איצטיקן אָנזען און חשיבות.

אין זיינע לידער זיינען פאַראַן די פאַרשיידנאַרטיקסטע טענער און קלאַנגען; זיינע געזאַנגען זיינען פון שטילע, שיינע פרילינגס נעכט; שטילע, סודותדיקע תפילות פון טייכן-געמורמעל און בלעטער גערויש; מוזיק פון פרייען פויגל געשווישטשער, וואָס גייט אויף איבער בוימער-שפּיצן און בערג. זיין געזאַנג איז זיין האַרץ-ריטם, זיין לויטערער נשמהדיקער אויפגלי, וואָס צעוואַקסט זיך ברייט און טיף צו מענטש, וועלט און נאַטור.

אין זיינע פערזן זעט מען די איידעלע געוועבן, זיין פלאַמנדיקע ליבע, זיין דינאַמישן כוח צו מאָלן די נאַטור. ער האָט ליב צו מאָלן דעם ערד-גערוך, דעם דערוואַכטן פרילינג, וועלכער איז פאַר אים די גרויסע שיינע וועלט, דער כשופדיקער צויבער פון זיינע אייגענע טרוי-מען-דופטן — זיינע אויסגעצערטלטע געזאַנגען.

אין זיין ליד „זומער נעכט" זינגט ער פון שטילע, זיסע לבנה נעכט, וועלכע האָבן זיין אייגן רואיק, אידילישע שטעטל איינגעהילט אין מע-לאַנכאָלישע פידל-טענער און אין צויבער מעשהלעך.

זיינע לידער זיינען פול מיט די איידלסטע שפינונגען, מיט דער טיפסטער מאכט פון מוזיקאַלישן געבוי, מיט אָפּגעענדיקטע, אָפּגעטאָקטע טענער, וואָס שטראָמען פון זיין גייסטיקן וועזן ווי עס שטראָמען די וואַסערפאַלן איבער הויכע פעלזנשטיינער.

זיינע לידער זיינען ניט געקינצלט אויסגעמאָטערט. די שורות וועבן זיך לייכט, גרינג און שפּילעוודיק. עס פעלט אים קיינמאָל ניט אוים אָטעם צו ציען קינסטלעריש זיין ליד. ער דערטרינקט ניט זיין ליד אין רעטאָריק, אין הוילער, שיינער פּראָזעאָלאָגיע. תמיד איז ביי אים דער עיקר דער אינעווייניקסטער הויך פון געפיל און שטימונג, אינהאַלט און גאַנצקייט.

וואָרט-געוועב איז אומגעהויער גרוים. דער איינציקער אפשר צווישן יידישע דיכטער. ער נוצט אָבער ניט אוים זיין ווערטער-אַרסענאַל און וואָרט-געפלעכט סתם לשם פּראָדוקטיוויטעט.

פאַראַן ביי אונדז דיכטער און דוקא אַ גרויסע צאָל, וואָס פאַרמאָגן באמת אַ סך פּאַטאָס, אָבער דער חסרון איז וואָס דער פּאַטאָס פאַרלאָזט זיי ביים דריטן אָדער פערטן פערז. זיי האַלטן ניט אָן לאַנג גענוג דעם טאָן, און די לידער זיינען דערפאַר בלאַס און בלוטלאָזיק.

יהואשם ליד, פון וועלכן מין עס זאָל ניט זיין, איז תמיד פול, געליטערט און אויסגעקריסטאַליזירט ביז דער לעצטער שורה. אים פעלט ניט אוים קיין אָטעם, און זיין פּאַטאָס קייקלט זיך פריי און דורכגעפליסטערט מיט זיין צעפונקטן ריטם.

יהואש איז דער קרעפטיקער, דעמביקער בוים, וואָס פאַרוואָרצלט זיך אָרגאַניש מיט זיין פרישן כוח אינעם פאַרביקן גאָרטן פון דער אויפגייענדיקער יידישער פּאָעזיע.

אַלע פּאָזן, קלאַנגען, פאַרבן און שאַטירונגען פונעם לעבן, נעמט יהואש אין זיך אַריין. אין טיף געליטערטע טענער די נויטן פונעם מענטשן און זיינע וואָכנדיקע ראַנגלענישן, די נאַטור מיט אירע מיסטישע פאַרבאָרגענע סודות און שיינקייטן.

מיר האָבן גרוים נחת רוח, אמתדיקן גייסטיקן תענוג, לייענענדיק זיינע לידער. צו אונדזערע אויערן דערטראָגן זיך מעלאָדישע טענער און קלאַנגען פון אַ וואונדער שיינע סימפאָניע, באַנעמט אונדזער גאַנצן וועזן מיט יענע עקזאַלטירטע פרייד וואָס באַזעלט און דערהויבט אונדז צו העכערע עולמות.

פּאָעזיע איז דער לעבנס-פּולס, דער האַרץ-קלאַפּ, פונעם מענטשן. די טיפסטע, איידלסטע שפּירונגען, דינע צאַרט-געליטערטע טרוים-געוועבן; דער ליכט-שימער פון פאַרבן געמאָל; אַלץ וואָס איז פאַנ-טאַסטיש כשופדיק און פאַרמאַגט דעם אויפגלי פונק פון עסטעטישער דערהויבנקייט — דאָס אַלץ איז פּאָעזיע. עס איז געגנוס, קונסט אינעם העכסטן גראַד פון אונדזער באַגריף און פאַרשטעלונגס קראַפט. גרויס און געניאַל איז דער דיכטער וואָס קאָן אין זיין ליד אונדז געבן אַט די אַלע עלעמענטן.

יהואש פאַרמאָגט און באַהערשט זיי אַלעמען. אין זיינע נאַטור-לידער גיט ער אויסדרוק פון העכסטער אַנטציקונג. מיט זעלטענע לי-רישע שטימונגען גיט ער איבער די שיינקייט און ריטם פון זומערדיק צעבליטע פעלדער אונטערן בלויען צעשטראַלטן הימל, דעם אייביקן געהיימניספולן וואַלד געזאַנג, דעם אויפבלי פון גרינע דופטיקע ביימער, די פּאַנאָראַמעס פון פאַרביקע גראָזן און בלומען, וועלכע שפּראָצן אַרויס פון דער רחבותדיקער פעטער ערד, חלומען און פאַרגייען.

דער מאָלערישער כוח ביי יהואשן איז אפשר דער אייגנאַרטיק-סטער; ער איז צאַרט, טיף און דערגאַנצט ווי דאָס פּלאַסטישע ווערק פון אַ געניאַלן סקולפּטאָר.

יהואש האָט געשריבן אַ סך פאַבלען, פאַנטאַסטיש פילאָסאָפישע און נאַציאָנאַלע לידער מיט דער זעלבער עכטקייט און רחבות ווי זיינע נאַטור-בילדער, און אין אַלע זיינע שאַפונגען שפּיגלט זיך אָפּ זיין גרויסע נשמה, זיין פילזייטיקע פּערזענלעכקייט. אין זיינע געזאַנגען זיינען פאַראַן טענער פון שטילע תמימותדיקע תפילות, פאַרטראַכטקייט און בענקשאַפט, צער און פרייד, מורא און באַגער. זיי ברויזן אין אים ווי מעכטיקע ים-כוואַליעס און קומען אַרויס אויסגעוויטיקטע און געליי-טערטע פון זיין עצם וועזן.

יהואש איז תמיד גובר די גרויס-שטאָטישע סביבהלאָזיקייט, וואָס באַווירקט דעם דיכטער מיט עצבות און סקעפּטיציזם. זיינע שורות קייטלען זיך צונויף מיט זיין ליידנשאַפטלעכן שוואונג און דיכטערישן אומרו, און עס דערהערן זיך טענער ווי דער געוויין פון ווייטע נאַכט-ווינטן, אַזעלכע היימלאָזע קלאַנגען ווי די אויסטערלישע טענץ פון וואַ-סער-נימפן אַרום די רויטע צינגער פון וואַלד פייערן; טענער אויסגע-

זונגען אויף אַ תּאוהדיקן געלעגער אין אַ שיינער זומער נאַכט; דער אייביקער, אוראַלטער, ספקותדיקער געראַנגל. אַלע אַקאָרדן, אַלע טענער: פרייד און אומעט, ליבע און האַס, האָפענונג און יאוש, טיפער עלעגישער טרויער פון הארבסטיקע אָוונטן, דער וואָיען פון געיאָגטע, אָפּגעפּליקטע בלעטער איבער פאַרלאָזענע פויגל-נעסטן.

מערער פון אַלץ איז יהואש דער זינגער פון געמעלן, פאַרבן, ניואַנסן און קאָלירן. אפילו זיינע אַבסטראַקטע לירישע לידער זיינען אָנגעפּילט מיט דער דאַזיקער רחבות, אומעטום שפּראַצט עס מיט תּוך און נייקייט.

יהואש איז געווען בימנו דער שליח צבור וואָס האָט שטרענג אָפּגעהיט יידישע טראַדיציע. זיינע ניגונים זיינען געווען געקניפּט און געבונדן מיט טראַדיציאָנעלער יידישקייט. אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער האָט ער, ווי זיינע רביים פריער, ניט געענדערט אפילו אַ תּנועה אין די טעמי הנגינה. משמעות, אַז עס איז געווען פאַרוואָרצלט אין זיין דיכטעריש בלוט פון וועלכן ניט ער האָט געוואָלט און ניט ער האָט געקאָנט זיך באַפרייען.

***

יהואש איז געווען דער יורש און ממשיך פון דער אַלט קלאַסישער העברעאישער דיכטונג. אויף וויפל ער האָט ניט געזוכט אויפצוכאַפּן די מאָדערניסטישע פאָרמען. איז ער אַלץ פאַרבליבן אין עצם דער געטרייער נאָכפאָלגער פונעם אַלטן דרך.

אפילו אין זיין אויסקלייב פון דער טעמאַטיק, האָט ער ניט נוטה געווען אויף אַ חוט השערה. ווי אַ געטרייער תּלמיד איז ער נאָכגע־גאַנגען טריט ביי טריט יהודה הלוי און חיים נחמן ביאַליק.

***

יהואש האָט זיך גוט צוגעהערט צום פּולס פון לעבן, אויפגעכאַפּט יעדן ניואַנס פון דער נאַטור און סביבה און אויך ניט פאַרפעלט זיך צוצוהערן צו זיין יידיש האַרץ.

יהואש דער פּרוכטבאַרער, שעפערישער קינסטלער; דער מיים־טער פון סטיל און ריטם; דער מאָלער פון נאַטור און שיינקייט; דער

דיכטער פון שטימונג און בילדלעכקייט; דער קלאַסיקער פון יידישער ליריק; האָט כשר פאַרדינט דעם גרויסן אָנזען און אָרט וואָס ער פאַר־נעמט אין אונדזער יונגער, מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

***

יהואש איז דער גרויסער יידישער ליריקער, וואָס האָט אַריינגע־בראַכט אין אונדזער ליטעראַטור סטיל, טאָן און פאָרם. ער האָט מיט דער פּולקייט און נייקייט דערהויבן די דיכטונג צו דער הויך, וואָס גיט איר דעם אָנגעזעענעם אָרט אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

***

יהואש איז אַ זעלטענע געשטאַלט, און אפשר אויך דער זעלטנ־סטער יידישער דיכטער. יהואש דער גייסטרייכער קולטור־מענטש, דער תלמיד־חכם און ביבל־פאָרשער, איז געווען פאַרצווייגט און באַ־העפט מיט יהואשן דעם מאלער און קינסטלער, און ער שטעלט אים אַוועק אוניק מיט זיין פילזייטיקן שאַפן.

***

יהואש האָט מייסטערהאַפט איבערגעדיכטעט די ביבל און געגעבן די ברייטע יידישע מאַסן אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון אונדזערע אַלטע אוצרות. עס איז אַ ריזיק, מאָנומענטאַל ווערק, וואָס מאַכט אים כמעט אומשטערבלעך. דאָך איז יהואש דער ליריקער אויף אַ האָר ניט קלענער.

יהואש האָט אויך מיט זיין גרויסער פּערזענלעכקייט אויסגעאיבט אַ ברייטע השפעה און מדריך געווען אַ גאַנצע פּלעיאַדע יונגע דיכטער, וועלכע האָבן זיך פאַרטיפט און אידייאיש באַרייכערט די יידישע ליריק.

קונסט און קינסטלער

I

לעאָן קאָברין

לעאָן קאָברין געהערט צום ערשטן דור יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע. ער האָט אין זיינע שאַפונגען אַריינגעטראָגן די קלאָר־קייט און באַשטימטקייט, די קלאַנגפולע האַרמאָנישקייט פון יידישקייט און וועלטלעכקייט, פון גרויסשטאָטישן סאָציאַלן אינהאַלט און ראָמאַנ־טישע פאַרביקייט. ביי אים זיינען אָט די דאָזיקע עלעמענטן ענג צו־נויפגעבונדן אין איין פולשטענדיקער איינקייט און האַרמאָנישקייט.

קאָברין איז דעריבער פון סאַמע אָנהויב אָן געווען אייגנאַרטיק אין זיין קינסטלערישער פאָרם און אויפפאַסונג. דער אויסדרוק זיינער איז אַ קלאָרער, אַ בולטער, אַ ניכטערער, און שפּרודלט מיט געזונטן אַקטועלן רעאַליזם. זיין שילדערונג פון דעם שטראָמיקן יידישן אימי־גראַנטן לעבן, איז אָפט אַ פלאַסטישע אַרכיטעקטור מיט באַשטימטע קלאַסיש־אָנגענומענע כללים אין וועלכע די קאָנטורען זיינען בולט־לעבעדיק. אומעטום אָבער זעט זיך קאָברין אָן ; דער זעלבסטשטיל און אויסדרוק, איז ביי אים תמיד דער עצם תוכן און תוך פון זיין שעפע־רישקייט.

קאָברין איז איינער פון די פולגעשטאַלטיקסטע קינסטלער אין דער יידישער ליטעראַטור, און אפילו זיין צייטונגס־ראָמאַן, וועלכער איז בדרך כלל ביים רוב צונויפגעסטריגעוועט אויף אַ ביליקן טאַנדעט־נעם אופן, איז אויך אין זיינע הענט אַ שטיק קינסטלערישע אַרכיטעק־טור. דורך די דאָזיקע ראָמאַנען האָט ער, אגב, געהאָלפן אַנטוויקלען אינעם צייטונגס־לייענער אַ פיינערן געשמאַק און בעסערן חוש.

דאָך איז קאָברינס קינסטלערישע רייפקייט מער בולט אין זיינע אומצייליקע דראַמען. דאָרטן זיינען אפשר די טיפן זיינע מער קערנדיק

און מער פּולבלוטיק. אפילו די טעמאַטיק איז ביי אים תמיד דאָרטן מער ערנסט און מענטשלעך, מער רעאַל און צייטיק.

צוזאַמענגענומען איז קאַברין דער דורך וועמען אונדזער אייגענע תקופה, אַט די וואָס האָלט שוין ביים פאַרשווינדן און אַוועקגיין, האָט געפונען איר קינסטלערישן תיקון. דאָס לעבן פון גאַנצע דריי דורות איז דורך זיין שאַפונג געקומען צום אויסדרוק. יעדע געשעעניש, יעדע אומרואיקייט, יעדער שינוי, האָט אין זיין שאַפונג אַן אָרט.

דער עכטער קינסטלער קאָן פון יעדער טעמע מאַכן אַ נפש חיים. ניטאָ ביי אים אַ קליינע און אַ גרויסע טעמע, אַ וויכטיקע און אַן אומבאַ־דייטנדע. אין דער סאַמע קלענסטער טעמע קאָן ער מיט זיין קינסטלע־רישן כוח אַריינבלאָזן אַ רוח חיים און איר געבן געטלעכע יצירה. דער עיקר איז ניט די טעמע, נאָר די שעפערישקייט און קינסטלערישקייט.

***

די דיכטערישע וויזיע איז תמיד איינגעוועבט אין חלום און פאַנ־טאַזיע. בלויז אונטער דער השפעה פון קינסטלערישן רוח און טאַלאַנט ווערט דער חלום און פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט אין רעאַלער לעבעדיקייט מיט פולן לעבנס אָטעם און לעבנס אינהאַלט; ער איז סוף מעשה במחשבה תחילה — דער אינהאַלט ווערט געבוירן און אַרויסגעוואַקסן פון געדאַנק און חלום.

***

צמצום און צמצותדיקייט דאַרף זיין דער הויפּט עיקר אין אַ פּראָ־זאַאיש ווערק. צעגאַסנקייט שוואַכט אָפּ דעם איינדרוק, און לאָזט דעם לייענער אין אַ טומאַן. ניט יעדער איינער פון אונדזערע יידישע קינסט־לער פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט זיך איינצוצאַמען, זיך צו פאַסן אין ענגע און קורצע זאַצן און פאַראַגראַפן. דער רוב אָבער זיינען אונדזערע יידישע שרייבער, עס זאָל זיי צו קיין גנאי ניט זיין, שטאַרק צעשוואומען און ווערן אָפּט אַליין פאַרלוירן אין די ניין מאָס רייד.

***

פאָרם און אינהאַלט איז אַ צווייטער הויפּט עיקר. אַ ווערק אָן פאָרם און אינהאַלט איז ווי אַ גיפּסענע פיגור, אַ סטאַטוע פון מאַרמאָר.

עס איז שיין סקולפּטאָריש, האָט קאָליר און שטריכן, אָבער ניט קיין אָטעם און לעבעדיקייט.

***

ווערטער רייכקייטן זיינען אַן אמתער אָרנאַמענט, אַן אמת שיינע באַצירונג וואָס איז פּאַרכאַפּנדיק, אָבער ווערטער זיינען באין אופן ניט קיין עיקר. פּאַרקערט, אָפּט שעדיקן זיי און פאַרניכטן דעם עיקר.

דער עכטער קינסטלער דאַרף גאָר צו דעם דאַזיקן מעדיום לגמרי ניט אָנקומען; דער עכטער קינסטלער דערגרייכט זיין ציל ניט אין די אָרנאַמענטן נאָר אין דעם תוך און תוכן. אַז דער בנין איז אַ שטאַרקער, אַ סאָלידער און רייכער, פּאַסן זיך דאָרטן אַריין אָרנאַמענטן: אין אַ בנין וואָס האַלט זיך אויף נסים און קאָן אומגעוואָרפן ווערן פון קלענסטן ווינט, זיינען אָרנאַמענטן בלויז חוזק.

***

אין דער עכטער קונסט איז ניט פאַראַן קיין נייקייט און אַלטקייט; קונסט איז קונסט אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער. עס איז בלויז פאַראַן נייע און אַלטע פאָרם, אָבער קונסט איז אייביק.

מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם האָבן געשריבן אין דעם אַלט מאָדישן נוסח, און דאָך איז עס געווען עכטע קונסט. נוסח און פאָרם אַליין מאַכן ניט אַ ווערק קינסטלעריש, הגם נוסח איז דוקא אַ שטאַרקער עלעמענט.

II

ז. ליבין

ז. ליבין האָט זיך דערוואָרבן זיין נאָמען וואָס ער האָט ווי אַ פּיאָנער מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַ- טור אין אַמעריקע. ער איז געווען פון די ערשטע שאַפער דאָ, וואָס האָבן קינסטלעריש אויפגעכאַפּט דאָס היגע יידישע לעבן.

ליבינס סקיצן און דערציילונגען נעמען אַרום דעם אַמאָל פון יידישן אַרבעטער, ווען ער האָט געהאָרעוועט אין פינצטערן און פייכטן קעלער זעכצן און אַכצן שעה אַ טאָג און קוים געהאַט אויף חיונה. אַט

יענעם געפּלאָגטן שווייסיקן יאָך און יענע גאַנצע צייט און סביבה, מאָלט ליבין מיט די בולטסטע פאַרבן און אין טרייעסטן רעאַליזם.

ליבינס מענטשן זיינען ניט קיין פיקטיווע, ניט קיין אויסגעפּאַנטאַזירטע און אוודאי ניט קיין מאַריאָנעט-ליאַלקעס; זיי זיינען אַלע לעבעדיק-רעאַלע געשטאַלטן מיט וועמען די שפּעטער-אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן האָבן זיך נאָך אָנגעטראָפן. ליבין האָט גאַרניט נויטיג געהאַט אויסצוטראַכטן ניט קיין סיטואַציע און ניט קיין געשטאַלט. ער אַליין איז געווען אַן עצם טייל פון יענער צייט און סביבה, און האָט אַליין דורכגעוויטיקט דעם גאַנצן דעמאָלסטדיקן צער און נויט. די סיטואַציע און געשטאַלטן זיינען תמיד געשטאַנען לעבעדיק פאַר זיין שאַרף אויג, און ער האָט בלויז באַדאַרפט אַ וואָרף טאָן זיין בליק און די שעפערישקייט אין אים איז געקומען צום לעבעדיקן אויסדרוק.

ליבין האָט אין זיין שעפערישקייט געהאַט אַ גרויסע שפע. סיי דער מאַטעריאַל און סיי די שאַפונג איז געווען גאַר רייך, אַרומנעמענדיק פּאַקטיש דעם גאַנצן ברייטן שטח און ניט דורכלאָזנדיק קיין איינציקן דעטאַל. אפילו איצט לעבט מען נאָך דורך דעם דעמאָלסטדיקן עלנט און גערענגל, און נאָך איצטער זעען מיר דורך זיין שאַפונג דעם אָנהייב פון דעם יידישן אַרבעטער לעבן דאָ.

ליבין האָט זיין קינסטלערישע אויפגאַבע דורכגעפירט בשלמות, און פאַר אונדז געלאָזן אַ דאָקומענט פון יענער פּיאָנערישער עפּאָכע. מיר זיינען אים אויך דאַנקבאַר פאַר דעם גאַר פיינעם הומאָר, וואָס ער האָט אַזוי קינסטלעריש אַריינגעוועבט. ס'איז אַ מין פאַרזיסונג פון דעם שווערן און געפּלאָגטן לעבן פון יענער צייט.

ליבין האָט אויך געגעבן זיין ביישטייערונג, און דוקא אַן אָנגעזעענע, צו דער יידישער דראַמע, הגם די דראַמען זיינען ווייט ניט פון דער זעלבער קוואַליטעט ווי זיינע קורצע און לענגערע דערציילונגען. איז עס אפשר געווען אַ מין הזמן גרמא, אַ מין אויסגאַנג פון דער התחלהדיקער צייט, וואָס ער פאַלט אָפּט אַריין אין אַ מעלאָדראַמאַטישן טאָן. דאָך האָט ער זיך אפילו אין דער דראַמע דערהויבן איבער דעם דעמאָלסטיקן שאַבלאָן.

אברהם גאָלדפאַדן

אברהם גאָלדפאַדן איז דער פאָטער פון איצטיקן יידישן טעאַטער. ער האָט עס אָנגעצייכנט די ערשטע פונדאַמענטאַלע ליניעס און אויסגעפלאַסטערט די שטעגן און וועגן צום יידישן טעאַטער. מיט זיין איינגעבוירענער פאַכמענישקייט איז ער געווען מסוגל צו באַהערשן זיין מאַטעריאַל און דערפון אויסצופאָרעמען אויף אַ קינסטלעריש-אחריות-דיקן אופן זיינע אָפּערעטקעס, אין וועלכע ער האָט אריינגעוועבט ביבלישע מאָטיוון און היסטאָרישע פיגורן.

גאָלדפאַדנס שאַפונגען זיינען מערער אַ געשיכטלעכער ביטראָג איידער אַ קינסטלערישער. זיין פאַרדינסט איז דער עיקר אַ קולטור-היסטאָרישער, מחמת ער איז פאַקטיש געווען דער סאַמע ערשטער פּיאָנער און פעדאַגאָגישער אָנווייזער. ער האָט געשאַפן דעם יידישן רעזשי, אריינגעטראָגן אַ יידיש-אייגנאַרטיקע סצענאַריע און געגעבן אויסדרוק דורך דעם זאַפטיקן יידישן פאָלקס ניגון.

גאָלדפאַדן האָט זיך אָפט באַנוצט מיט נאַאיוון אינהאַלט און איבערטריבענער פאָרם. דאָך האָט ער געהאַט קינסטלערישע נייגונגען און צילן, וואָס האָבן טיילווייז געליטערט דעם מאַטעריאַל און אים געגעבן אַ סך אידילישע בילדלעכקייט. ער באַזינגט דעריבער דעם אייביקן יידן, באַוואונדערט זיין גרויסן אויסדויער און באַוויינט זיינע הייליקע מאַרטירער.

גאָלדפאַדן האָט זיין געשיכטלעכן אויפגאַב דערפילט מיט פול-שטענדיקער שלימות, און האָט אַוועקגעשטעלט דעם יידישן טעאַטער ווי אַ צוגעגעבענע זעלבסטשטענדיקע קולטור-סאָציאַלע אינסטיטוציע.

דאָס אמת-קינסטלערישע וואָרט האָט אַ שעפערישן ווערט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט פאַרעלטערט ,ווערט קיינמאָל ניט אָפּגעלעבט און אויסגעזונגען. דאָס אמת קינסטלערישע וואָרט איז אין כסדרדיקער יצירה, און באַנייט זיך אין יעדער נייער תקופה. דאָס אמת קינסט-לערישע וואָרט ענדערט בלויז זיין פאָרם, זיין לבוש, אָבער קיינמאָל ניט זיין אינהאַלט און אידייאישקייט.

דאָס אמת קינסטלערישע וואָרט קאָן ניט געמאָסטן ווערן מיט

צייט און אָרט. ס׳איז אין דער בחינה פון „אין מוקדם ומאוחר בתורה״, ס׳איז ניטאָ קיין פריער און שפּעטער, ניטאָ דערין קיין פאַרעלטערטקייט און יוגנטלעכקייט. אַ קינסטלעריש וואָרט איז אין־סופדיק און איז ראשיתדיק, ס׳איז אייביקע אייביקייט און איז אין זיך כולל אַלע וועלטן און אַלע צייטן.

דאָס אמת קינסטלערישע וואָרט איז תמיד ניי, פריש און צאַפּלדיק; פאַרמאָגט תמיד דעם אומרואיקן קדושה־ציטער און אויפבליץ פון ביידע: דעם מיט טוי באַדעקטן פרימאָרגן און דעם מיט מיסטיק איינגעהילטן בין השמשות.

דאָס אמת קינסטלערישע וואָרט איז ווי דער מענטשלעכער געפיל: נעמט אָן נייע פאָרמען פון אויסדרוק אָבער פאַרבלייבט תמיד דער זעלבער אין דעם עצמדיקייט. דער מענטשלעכער געפיל און אוניווערסאַל און אייביק ווירקנדיק, און אַזוי איז אויך דאָס אמת קינסטלערישע וואָרט וואָס שפּיגלט, אייגנטלעך, אָפּ אָט טאַקע דעם זעלבן מענטשלעכן געפיל.

III

יוסף יפה

יוסף יפה איז געווען אַן אייגנאַרטיקער דיכטער. זיינע לידער האָבן זיך כסדר געוויגט צווישן ליבע און דער מוטער ציון. איינס האָט טאַקע, משמעות, באַווירקט דאָס אַנדערע. די פרייד וואָס האָט זיך געגאָסן אויף אים פון דער ליבע, האָט ער אַריבערגעטראָגן אויף דער מוטער ציון.

אין די ליבע לידער איז ער געווען דער פריידיקער און האָפּערדיקער. ער האָט דעם לעבן אויפגענומען מוטיק און פריידיק, מיט אַ לייכטן געמיט און אָפט אפילו מיט אַ לוסטיקייט און שטיפערישקייט. יונגנטלעכער חן און פריש־זודיק בלוט האָט אַרויסגעשפּראָצט פון זיין יעדן וואָרט. ער האָט דאָס לעבן ווייט אויסגעברייטערט, און אין דעם אַריינגעטריפט לירישע ווייכקייט און צאַרטקייט, דעם ניואַנס פון פיינער עראָטיק און אויסגעאיידלטע פאַרליבטקייט.

אָט די דאָזיקע טענער האָט ער אויך איבערגעטראָגן אין זיינע

נאַציאָנאַלע לידער. אויך דאָרטן איז ער געווען דער פיין פילנדער צאַרטער דיכטער פון וועמען עס זינגט אַרום פרייד און האָפענונג, ליכטיגע חלומות און צאַרטע אידייען.

זיין נאַציאָנאַל ליד איז קינסטלעריש פונקט אַזוי פאַרחלומט און אויסגעליטערט ווי זיין ליבע ליד, זיינע נאַציאָנאַלע לידער זיינען באמת נאָר געווען שטילע, פאַרבענקטע ליבע ווייען וואָס האָבן גע־וואָרעמט און געלאַסטשעט.

יוסף יפה האָט, אייגנטלעך, פאַרמאָגט זיין אייגענעם ריטם און טאָן, אָבער שטאַרק אָנגעזועען האָט עס זיך ניט, אין די ליבע לידער האָט די שטיפערישקייט מצטל געמאַכט די אייגנאַרטיקייט, אין די נאַציאָנאַלע לידער איז דער ריטם זיינער פאַרטונקלט געוואָרן אין דעם ליכט פון דעם תהלים גייסט.

אָט צוליב דעם וואָס ער איז געווען בכוח אויפצוכאַפּן דעם תהלים גייסט און דערין אַריינגיסן די פרייד פון יוגנטלעכקייט, פון ליבע און עראָטיק, זיינען זיינע נאַציאָנאַלע לידער פון אַ סך אַ גרעסערן ווערט און וועלן זיכער פאַרבלייבן אין מויל פון פאָלק. אין די דאַזיקע לידער איז געווען די צעניפשטעלונג פון יפה דעם דיכטער און יפה דעם יידן, און איינס האָט אַרויסגעהאָלפן דאָס אַנדערע.

IV

מ אָ ר י ס   ר אָ ז ע נ פ ע ל ד

מאָריס ראָזענפעלד, דער דיכטער פון דער אַרבעטער נויט, איז דער אייגנאַרטיקסטער ביי אונדז מיט זיין אומרו און צעוויטאָגטער נשמה. זיינע פאַבריק־מעלאָדיעס האָבן אָפּגעהילכט און אַ שטוים געטאָן דאָס יידישע אַרבעטער ליד צו אַ אוניווערסאַלן פאַרנעם. זיינע נויט־מעלאָדיעס פונעם גרויען, עלנדן פאַרשקלאַפטן פאַבריק־לעבן טראָגן אין זיך די טיפע געליטערטע קראַפט פון אַן אָריגינעלן זינגער, וואָס פאַרמאָגט אַ האַרפע מיט פייערדיקע סטרונעס אויף וועלכער ער שפילט אויס דעם שטורעם פון צער, עלנד, נויט און האַס.

ראָזענפעלדס אַרבעטער ליד ווירקט טיף מיט דער מעכטיקייט, און הילכט אָפּ אויף ברייטע ספערן ווי אַ גרויסער מעטאַלענער גלאָק.

ראַזענפעלד איז אַלוועלטלעך, ווייל זיינע טענער זיינען דורכגעפילט און דורכגעלייטערט פון די ליידן און מאַטערנישן פון זיינע מיטמענטשן. זיין ליד באַשולדיקט, קלאָגט אָן, מאָנט און וועקט צו סאָציאַלער דער־וואַכונג. זיין טאָן איז דער קול המון, די שטימע פון דער גרויסער אַר־בעטערשאַפט, וועמען ער דערוואַרעמט מיט די ליכט־פייערלעך וואָס שפּרייטן זיך ברייט פאַנאַנדער מיט אַ נייעם לעבנסשטייגער.

ראַזענפעלד איז געווען דער זינגער פון מעלאָדיעס, וואָס האָבן גערירט טיף מיטן אייביקן, מענטשלעכן ציטער.

אברהם ליעסין

אברהם ליעסין איז דער דיכטער און פּובליציסט, דער פיינער אָריגינעלער טאַלאַנט וואָס האָט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן קאָלאָריט. זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן זיינען פּאָעטיש באַלעבטע עסייען, פּאָרטיפּט, בילדעריש, און אינהאַלטסרייך.

ליעסין איז ניט פון די דאָזיקע פּובליציסטן וועמענס וואָרט לעבט זיך אוים בלויז מיטן איינציקן טאָג ווי דאָס לעבן פון אַ זומער פויגעלע. זיין וואָרט איז דויערהאַפטיק, אָנגעהויכט מיט ברייטן ליטעראַרישן סטיל, מיט דעם וויטזיכיקן בליק פון אַ דענקער און הומאַניסט.

אָט אַזוי איז אויך ליעסין דער דיכטער אין אַלע זיינע ניואַנסן־רייכע לידער וואָס ער האָט פאַר אונדז אויסגעזונגען. ער איז אין זיי דער רעוואָלוציאָנערער קעמפער און בויער פון אַ גערעכטער און בע־סערער סאָציאַלער אָרדענונג.

אַ גרויסע צאָל פון זיינע דיכטונגען זיינען פול מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון, דורכגעלויכטן מיט אַן אינעווייניקסטן ברען, וואַרעמקייט און ליבשאַפט צום פאַרצייטיקן יידן. ליעסין איז אין זיי דער אָפּשפּיגלער פון יידישע מדות, שטייגער און שטימונג. זיינע לידער בליאַנקען מיט שטראָמנדיקע נאַציאָנאַלע האָפענונגען און התלהבות, וואָס עס אי־בערשמעלצט, לייטערט און טראַנספאָרמירט; ער פאַרוועבט און פעדעמט צונויף דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו מיטן סאָציאַלן, און פון די צאַרטע טענער פאָרמירט זיך אַ פאַראייניקטע האַרמאָנישע סימפאָניע פון וויטן עבר און נאָענטן עתיד.

שמעון פרוג

שמעון פרוג איז דער ערשטער נאַציאָנאַלער פּאָעט אין דער יידישער שפּראַך, דער ערשטער פאָלקסזינגער וואָס האָט אויף אונ־דזערע גרויע, אומעטיקע שליאַכן אויסגעשמידט מיט זיינע שטילע נאָגנדיקע טענער דעם גאַנצן יידישן צער און וויטאָג, די אימה און טונקלקייט פון אונדזער וואַקלדיקן לעבן.

מיט זיינע פיין געפאַרמירטע פערזן, האָט שמעון פרוג דער ער־שטער אַריינגעבראַכט דעם דערפרישנדיקן עלעמענט, די פאַרבן־רייכ־קייט פון דער פרייער, שיינער נאַטור.

זיינע נאַציאָנאַלע לידער זיינען דורכגעדרונגען, באַהאַפטן און אָנגעהויכט מיט דער רירנדיקסטער ליבע צום יידישן פאָלק. ער, דער צאַרטער און שטילער דיכטער, האָט אונדז מיט זיינע מוזיקאַלישע פערזן געמונטערט און געמוטיקט אין אונדזער נע־ונד און גלות לעבן, געלערנט די ברייטע יידישע מאַסן ליב צו האָבן דעם פרישן, זאַנפטיקן בלום און גרעזעלע, געוויזן דעם גרינעם וואַלד מיט זיינע כשופדיקע געזאַנגען און אייביקן סודותדיקן פראַכט.

שמעון פרוג איז געווען דער פאָלקס דיכטער וואָס האָט געוויינט אויפן טראַגישן גורל פון זיין פאַרוואָגלט און געיאָגט פאָלק, אָבער גלייכצייטיק אויך דער זינגער און אָנזאָגער פון גאולה האָפענונגען, פון שטילע אידיליעס און האַרציקע תפילות.

זיינע לידער זיינען דערפאַר הן אין זיין מאָטיוו און הן אין זייער שוואונג און טאָן די סאַמע פאָלקסטימלעכסטע אין אונדזער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

יעדער קריטיקער ביי אונדז האָט זיך זיין אייגענעם אופן ווי אַזוי ער טרעט צו מיט זיין אַנאַליז און אָפּשאַצונג. אָפט טרעפט עס, אַז איין קריטיקער איז מבטל וואָס דער אַנדערער לויבט, און דער לייענער פאַרלירט דערוויל זיין פּאָזיטיווע מיינונג איבערן ווערק. עס איז אפילו פאַראַן אַ סברא, אַז אַ ווערק איז בכלל ניט אָפּהענגיק אין זיין ווערט, אין זיין קינסטלערישקייט, נאָר אין די קאַפּריזן, געשמאַק און נויגונגען פונעם קריטיקער.

פון דער וועלט ליטעראַטור ווייסן מיר, אַז טאָלסטאָי האָט ניט

געהאַלטן פון שעקספּירס דראַמען און נאָך ווייניקער פון איבסענס. כאָטש ביידע זיינען דוקא געווען גאַר גרויסע קינסטלער מיט אַ וועלט פאַרנעם.

אין דער נייער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר די גרויסע חלוקי דעות וועגן דער קינסטלערישקייט פון אָפּאַטאָשוס ווערק, מיר, די לייענער, זעען אין אים דעם גרויסן וואָרט קינסטלער, דעם שאַפער פון די „פּוילישע וועלדער", דעם שריפטשטעלער וואָס האָט אַזוי מייסטער־האַפטיג געמאָלן דעם פּוילישן יידן, וואָס וואָרצלט און אָטעמט מיט זעלטענעם רעאַליזם.

אַ סך קריטיקער זעען טאַקע אין אים דעם צווייטן שלום אַש, וואָס גייט מיט זיכערע טריט אין אונדזער קרעפטיקער ליטעראַטור. אַנדערע זעען אָבער אין אים בלויז דעם אַמביציעזן שרייבער וואָס איז פּראָדוקטיוו אָבער ניט וואָגיג. אין זיינע געשילדערטע מענטשן און טיפן זעען זיי בלויז אימיטאַציע, בלוטלאָזע, פאַרשאַטנדיקע באַשע־פענישן.

פון וואַנען דערנעמען זיך עס אַזעלכע שאַרפע קאָנטראַסטן? אַזעלכע גרויסע מיינונגס פאַרשיידנקייטן? איז טאַקע גאָרניט דאָ קיין קריטיקער און וואָג מיט וועלכער דער קריטיקער איז מחויב צוצוגיין צו אַ ווערק? קאָן מען טאַקע זיך אַזוי פיל פּשטלען איבער אַ ווערק? איז טאַקע קונסט אַזוי רעלאַטיוו און אומבאַשטימט?

ילמדנו רבנו.

V

יעקב גאָרדין

יעקב גאָרדין, די קולטורעלע פּערזענלעכקייט וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם שענסטן גייסט פון דער רוסישער ליטעראַטור, איז געווען איינער פון די סאַמע ערשטע ענערגישע בויער און פאַר־מירער פון יידישן טעאַטער. מיט זיינע דראַמען, וועלכע האָבן טיילווייז אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, האָט ער אַרומ־געבראַכט טיפע און פיינע געשטאַלטן און זיינען אין זיין צייט געווען אַ נייער אָנזאָג, אַ פרישע, כמעט קינסטלערישע, דערהויבונג און דער־גרייכונג.

יעקב גאָרדין איז געווען דער פּיאָנער פון דער יידישער בינע, ער האָט געשטרעבט צו פאָרמירן דעם גייסט פון זיין צייט, אויסצובילדן די מאַסן, צו אַנטוויקלען אין זיי שענערע פארלאַנגען און שאַפן אַ חוש פאַר קונסט. אין זיין גרויסער צאָל דראַמעס האָט ער גאַנץ אָפט אָפּגע־לאַכט פונעם פאַנאַטיזם און אָבערגלויבן וואָס איז נאָך ביז איצטער פאַרוואָרצלט אינעם פאָלקס לעבן. די דראַמע איז פאַר אים געווען אַ מיטל אַרויסצוברענגען זיין שאַרפן געדאַנק, זיין פאַרטיפטן און וויר־קענדיקן וואָרט.

יעקב גאָרדין איז געווען די עפּאָכע־מאַכנדיקע פערזענלעכקייט פון יידישן טעאַטער, דער מדריך און לערער פון אַ צאָל באַגאַבטע בינע־קינסטלער. ער איז געווען דער אויפלויכטנדיקער גייסט וואָס האָט ווירדיג דערהויבן די יידישע דראַמע מיט אינהאַלט, פאָרם און קראַפט, איר געגעבן אַנזען, זאַפט און ליטעראַרישע ליניע.

דוד עדעלשטאַט

דוד עדעלשטאַטס דיכטערישער צושטייער איז איינער פון די ערשטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון יידישער פּאָעזיע. זייענדיג אַליין אַ מערקווירדיק אידעאַליסטישע פערזענלעכקייט מיט אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער וועלט אַנשויאונג, זיינען זיינע לידער פון קעמפע־רישן כאַראַקטער, פול מיט פּראָטעסט. פול מיט מיטגעפיל און ליבע צום אַרבעטס־מענטש.

הגם זיינע טענער און פערזן־קלאַנגען זיינען אָפט האַרט, טענדענ־ציעז, אָן פּאָעטישער באַשטימונג, אָן אינעווייניקסטע אינדיווידועל־דיכטערישער דערקענטניש, האָבן זיי אָבער געווירקט ווייט און טיף אינעם לעבן פון די יידישע אַרבעטער. אין זיי איז געלעגן דער אויפ־ריכטיקער טאָן און ברויזנדיקער דינאַמיט, אויסגעדריקט אין אַ שאַרף מעכטיקן קול. עס האָט זיך געהערט דאָס מענטשלעכע וואָרט פון דעם סאָציאַלן עטיקער, וועלכער איז אונטערוואָרפן קאָלעקטיווע, דרויסנ־דיקע אָנרעגונגען פון אַ באַשטימטער איינליניקייט צו דינען די מאַסן.

מאָריס ווינטשעווסקי

מאָרים ווינטשעווסקי, דער זיידע פון יידישן סאָציאַליזם, איז געווען דער מענטש מיטן שטאַרקן לעבנס־געפיל, דער ערשטער דיכ־

טער און שריפטשטשעלער וואָס האָט אויסגעדריקט און פאַרשפּרייט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין פּשוטן יידיש. ער איז געווען דער קעמפער און אָנזאָגער פון אַ נייעם סאָציאַלן לעבנס שטייגער. מיט אַ שאַרף-אַנאַליטישן כּוח און אויסערגעוויינלעכן פייער, האָט ער אָנגע־רירט כמעט יעדן קולטור-געזעלשאַפטלעכן פּראָבלעם און געפּרובירט אַרויפליינגן דערויף זיין סאָציאַליסטישן חותם.

אפילו אין זיין טעמאַטיק, אין זיינע „צושלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָסאָף", ווי בכלל אין זיינע פילע עפּיגראַמען, זעט זיך אויך בולט אַרוים דער טיפער סאָציאַל-עטישער גרונט-טאָן, צוזאַמען מיט זיין אינדיווידועלער פול-באַוואוסטקייט און ליטעראַרישער גע־שטאַלטקייט. אַזוי זיינען זיינע לידער פול מיט אויפבראויז, פול מיט ליידנשאַפטלעכן קאַמף, געווען דער שאַרפסטער צוציאונגס-מיטל צו דערגרייכן די ברייטסטע יידישע מאַסן.

זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, ווי זיין גלאָררייכער קאַמף פאַרן יידישן אַרבעטער קלאַס, האָבן איבערגעלאָזט לאַנג דויערנדיקע שפּורן פון אַכטונג און פאַרערונג.

יואל ענטין

יואל ענטין איז דער באַשיידענער פּובליציסט, ערנסטער קריטי־קער און פירנדיקע פּערזענלעכקייט. זיין טעטיקייט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָט זיך באַדייטנדיק אָנגעזען דורך זיין קאַמף און ווירקונג פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער — אַן אַרבעט וואָס ער האָט מיט זיין זויבערן וואָרט אויסגעברייטערט און דערהויבן צו אַ פּאַקטישן קולט.

מיט דעם זעלבן ליידנשאַפטלעכן פּיאָנערן-ווילן האָט ער אויך געבויט די יידישע פאָלקס שולן אין אַמעריקע, וועלכע ער אינספּירירט און באַפּרוכפּערט מיט זיין גרינדלעכער קענטעניש און אידעאַליזם. ביז דעם היינטיקן טאָג. ער איז דעריבער ניט בלויז דער קולטור-טרעגער און טרייבנדיקע קראַפט אין אונדזער גייסטיקן לעבן, נאָר אויך דער גאַנץ אָריגינעלער שאַפער פון היפשע ווערטן.

זיינע אָפּשאַצונגען איבער אונדזערע ערשטע קינסטלער, באַלויכטן דעם אור קוואַל פון אונדזערע אוצרות, אַנטפּלעקן דעם אינעווייניקסטן

זין, די פאַרבאָרגנסטע קנייטשן פון זייער געשילדערטן לעבן, דעם מקור און שורש פון זייערע טיפן און די גאַנצע אַרומיקע **סביבה.**

אמתע קונסט לאַנגווייליגט ניט, נאָר איז דער אומגעהויערער כוח אונדז צו פאַראינטערעסירן אין דעם שאַפערס זעאונגען און אַנטפּלעקונגען וועלכע ווערן פאַרטראַכט און אויסגעחלומט דורך רייכער און פאַרביקער פאַנטאַזיע.

אמתע קונסט לאַנגווייליקט ניט, נאָר איז דער אומגעהויערער כוח דערהויבן אין דער מדרגה פון שעפערישקייט. עס איז אַ דויערנדיקע אייביקייט פאַרטיפט און פאַרוואָרצלט דורך דער געניאַליטעט פונעם שעפער. אַ קונסט־ווערק קאָן זיין אַלט אין צייט, אָבער אין זיין אינעווייניקסטן עצם און קינסטלערישן תוך פאַרבלייבט ער תמיד יונג און נייַ, פריש און מחיהדיג ווי אַ לויפנדיקער קוואַל.

אמתע קונסט וויברירט אין אַלע צייטן, ווי די בוימער שפּיצן פונעם פרימאָרגנדיקן און פאַרנאַכטיקן ווינט. קונסט, עכטע קונסט, איז דער ריטם פון אונדזער האַרץ, די טיפע אויפשטורעמונג פון אונדזער נשמה. אַ קונסט וואָס לאַנגווייליגט, איז אַן אָפּנאַרנדיקע קונסט, אַ פאַלשער פייער פון אַן אימיטירטן בריליאַנט, וואָס פאַרבלענדט אָבער לויכט ניט.

⁂

די טעמאַטיק, דער מאָטיוו און אפילו דער אידעאישער זין און צוועק, איז ניט די הויפּט וויכטיקייט אין אַ ווערק. תמיד איז עס די דורכזיכטיקע איינהייט, די קינסטלערישע אויפפאַסונג און די עמאָציאָנעלע אָרדענונגספולע באַאַרבעטונג.

דער קינסטלער מוז זיך ניט דוקא באַשעפטיקן מיט וועלט־פּראָבלעמען, מיט וועלט דערלייזונג. יעדע איינציקע דערפאַרונג, יעדעם מינדעסטע ווינקעלע פונעם מענטשלעכן לעבן, איז פאַר אים אַ באַווירקונגס־מאַטעריאַל פון וועלכן ער כשופט אַרויס הויכע געדאַנקען, פאַרביקע בילדער און פול קאָלירנדיקן, רעאַליסטישן לעבן.

די טעמאַטיק און אידייאישקייט מעג אפילו זיין אַ טיף פילאָסאָפישע, אַ וועלטלעכע פון גאָר גרויסן פאַרנעם, ווערט עס דאָך אָפט קליין און איינגעשרומפּן אין די הענט פון אַ טאַלאַנטלאָזיקייט. אים

פעלט דער גליענדיקער פּאַטאָס, דער קינסטלערישער רוח החיים, דעם שאַפנדיקן און דויערנדיקן כּוח זיך צו דערהויבן און מייסטערהאַפטיג צו באַלאַנסירן מיט אַ באַשטימטער צעצונדענער אייניקייט דער אידעאַל זאָל באמת אַרויסלויכטן. תּמיד איז עס דער אמת גרויסער גייסט, וואָס דערהויבט און באַשאַפט די געלייטערטע אידייע אין זיין קונסט ווערק.

די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט היינט אַ צאָל יונגע קריטיקער, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף אַ קונציקן אופן אַרונטערצורייסן ווערק און שרייבער ניט אידענטיפיצירט מיט דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע. אַזוי זיינען זיי מבטל אַלע ביז איצטיקע ווערטן ווי עפּעס אַן אָפּגעלעבטע זאַך, אַ בורזשואַזנע אויפפאַסונג און לוקסוס פאַרן קליינבירגערלעכן קלאַס.

קונסט לשם קונסט עקסיסטירט פאַר זיי ניט. קונסט וועדליג זייער אָריענטאַציע, איז אַ פּשוטער מיטל פאַר די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער קאַמפן און האָט אַ ריינע סאָציאַל-קאָלעקטיווע פונקציע.

דער דיכטער וואָס וויל גינסטיג אויפגענומען ווערן פון אָט דער דאָזיקער ריכטונג און קריטיק, מוז זיך קודם כּל איינפּאַסן אינעם פאַר־טייאישן קלייזל און אין די ענגע דלד אמות און איינטאָניקייט פון הוילער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע. פּאַסט זיך שווין איינער אַריין אין די סדום־פאַרמירטע ראַמען, ווערט זיין קונסט אַ פּשוטע מעכאַנישע קונץ. ס'פעלט דערין דער אומרו, דער לעבעדיקער נערוו, דער אַנטפלעקונגס געפיל. די פולבלוטיקע, פּאַרטיפטע מייסטערשאַפט וואָס מאַכט אַ ווערק גרויס און געניאַל.

אַזאַ מין דיכטער שאַפט ניט, נאָר אַגיטירט; מאָלט ניט, נאָר גלאָריפיצירט. דער געשילדערטער לעבן זיינער איז אָן וויזיאָנערישן ליכט, אָן דעם דורכגעציטערטן פונק פון אַ קינסטלערישער נשמה. ס'איז קינסטלעריש פאַרשוועכט, ס'פעלט דער רעאַליסטישער אמת, עס באַוועגן זיך הילצערנע פיגורן, וואָס גרילצן מיט זייערע פאַלשע, אומ־נאַטירלעכע רייד, מיט זייער גאַסן בראַזגעריי פון פייערלעשער און אַ פאַלשן אַליאַרם.

ליטעראַטור געצוימט, איז טענדעציעז, פלאַך און בלוטלאָז, אַ קורץ אָטעמדיקע קונסט פאַררוקט אין אַ ווינקל פון ציימווייליקע מאָ־

טיוון. דער אמתער אינדיווידועלער קינסטלער זעט ניט בלויז איינציקע קאַלירן, און זינגט ניט בלויז פון איין קלאַס און איין צייט. אַ קינסט־לעריש ווערק נעמט אין זיך אַריין אַלע פאַרבן, אַלע טענער און אַלע קלאַנגען. ס'איז אַ סימפאָניע פון אַלערליי אַקאָרדן און מעלאָדיעס.

אַ קינסטלעריש ווערק שפּיגלט אין זיך אָפּ די גאַנצע וועלט ווי איין טראָפּן וואַסער, אַלע אירע שטרעמונגען, אַלערליי מענטשן און אַלערליי צייטן. דער עיקר ציל און כוונה פונעם קינסטלער איז ניט צו אַגאַטירן פאַרן חומר, נאָר צו געבן אויסדרוק פאַר העכערע פאַרלאַנגען, באַשאַפן אינעם מענטשן אַן עסטעטישן חוש, אַ רייץ פאַר גייסטיקן גענוס און שיינקייט, וואָס זאָל פאַרטיפערן און באַרייכערן מיט אַן אויסגעליכטיקטן באַגריף פון זיינע אייגענע נשמה־נאָגענישן.

VI

דר. חיים זשיטלאָווסקי

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז באַשטימט דער געוואַגטסטער און אָרי־גינעלסטער דענקער אויף דער יידישער גאַס. שוין אַזוי עטלעכע צענד־ליגג יאָר אַז ער באַווירקט מיט זיין געדאַנק, און האָט אפילו אויף איין מינוט ניט פאַרלאָרן זיין געוואַגטקייט און שאַרפקייט. ער איז נאָך תמיד דער זעלבער ברויזנדיקער קוואַל וואָס שלאָגט און כוואַליעט מיט קראַפט און ענערגיע.

אין זיין סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט האָט דר. זשיט־לאָווסקי אָפט געבלאָנדזשעט און ניט געפונען דעם אויסוועג, אויפגע־שטעלט גאָר הויכע בנינים און זיי מיט דער זעלבער ענערגיע חרוב געמאַכט. הפּה שאסור הוא הפּה שהתיר — די אידייע וואָס ער האָט אויף זיין דיאַלעקטישן אופן אויפגעבויט און פּראָגראַמאַטיזירט, האָט ער אַליין דערנאָך בידים פאַרניכטעט און אומגעוואָרפן, באַקעמפט און פאַרשריען. פון סאַמע עקסטרעמן אַגראַריזם, איז ער דערגאַנגען צום איצטיקן עקסטרעמן סטאַליניזם און פון זיין אַמאָליקער קאָסמאָפּאָלי־טישער אַסימילאַציע, איז ער דערגאַנגען צום עקסטרעם־קנאַידיקן יידישיזם.

דאַרף דאָס דאָזיקע אפשר ניט דערמאָנט ווערן לגנאי, וואָרום

נאָכאַלעמען איז דאָך דר. זשיטלאָווסקי דער געקרוינטער פילאָסאָף און טעאָרעטיקער פון דער יידישער גאַס, און אַזוינער קאָן דאָך ניט און טאָר דאָך ניט פאַרבלייבן איינגעקרעמפּעוועט אין די ענגע ראַמען פון אַן אָנגענומענער הנחה.

די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אין די לעצטע פּאָר צענדליגג יאָר גאָר שטאַרק פאַנאַנדערגעוואָקסן. אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, אין כמעט יעדן יידישן ישוב, אָטעמט מיט יידישער שאַפונג. יידישע קינסטלער מערן זיך ברוך השם און צוזאַמען מיט זיי אויך די איבער־פּראָדוקציע.

אין דער הויך פון אונדזער קינסטלערישן אויפגיין, אין דער גאַנ־צער רחבות פון דער שיין־ליטעראַטור, מערקט זיך אָן אומנאָרמאַליטעט, אַ מין נערוועזיטעט וואָס וואַרפט אויף יעדן אַרויף אַ מורא און פחד, אַ מין אומזיכערקייט מיט די ווערטן און נוצן פון דער דאָזיקער גרויסער שאַפונגס־ענערגיע. ס׳פעלט פשוט דער קאָנסומער, דער אָפּנעמער פון דער פּראָדוקציע, דער געברויכער און פאַרברויכער — דער לייענער!

מען פּראַוועט יובילעאומס, יאָרצייטן און געבורטסטעג פון אונדזע־רע יידישע שאַפער. דער ברייטער עולם, יעדער מיט זיין פּאַרטיי און קלייזל, קומט מיט פייערן און אַפּלאָדירן, אָבער מער ווי פייערווערק איז עס ניט, פוסטער טומל און צעשוואומענדיקער רויך. די אַלע לייע־נען ניט, ווילן ניט לייענען און קענען ניט לייענען.

מ׳טרייסט זיך דערמיט וואָס דער יידישער עולם איז אינטעלעק־טועלער, חריפותדיקער, לעבעדיקער און שאַרפער. איז עס טאַקע אמת, אָבער נאָר בנוגע פּאָליטיק. דערין איז יעדער איינער אַוודאי אַ מינים־טער, אַ גאון עולם, קומט ער מיטפייערן אַ יום טוב פון אַ יידישן שריי־בער, טוט ער עס אויך נאָר אין שייכות מיט זיין פּאָליטישן אני מאמין, מיט זיין פּאָפּולאַריטעט אין די פּאַרטיי קרייזן, אָבער באין אופן ניט אין שייכות מיט זיין שעפערישקייט.

***

פאַרן שריפטשטעלער איז בכלל ניט וויכטיק וועגן וואָס ער זאָל שרייבן, נאָר ווי אַזוי ער זאָל שרייבן. ער קאָן, למשל, מאָלן אַ נעגאַטיוון

כאַראַקטער און דאָך האָבן אַ פּאָזיטיווע קינסטלערישע ווירקונג. די נעגאַטיווע פיגורן זיינען פּונקט אַזוי וויכטיג ווי די פּאָזיטיווע. ביידע זיינען דער ליכט און שאָטן אין אונדזער לעבן, און די ליטעראַטור דאַרף זיי אין זיך אַריינזאַפּן. אַ טאַלאַנטירטער קינסטלער מוז דעריבער קאָנען אויפכאַפּן דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע, דאָס שיינע ווי דאָס מיאוסע, דאָס האַרציקע ווי דאָס גרויזאַמע.

צו מאָלן דאָס נעגאַטיווע, די רעזיגנאַציע און אונטערגאַנג, דאַרף מען אָבער האָבן פיל מער שוואונג, אַ סך מער קינסטלערישן באַוואוסט־זיין און אַ פיל מער אויפכאַפּנדיג אויג.

***

עכטע ליטעראַטור איז אייביק און איז פאַרוועבט אין די פעדים פון היסטאָרישער ווירקלעכקייט. זי איז די פולשטענדיגסטע אָפּשפּיג־לונג פון די ברייטסטע וועלט־רוימען, אוניווערסאַל אין איר אינערלעכן תוך, פּלאַסטיש און קערנדיק, שעפעריש און רעאַל.

עכטע ליטעראַטור איז קודם כל דער באַזעלטער לעבן, דער עצם יסוד פון לעבן, און ניט עפּעס אַ פּאָפּולערער צייט־געשמאַק און טענ־דענציעזע פּראָלעטאַרישקייט, וואָס זעט אוים ווי מעכאַניש און אימי־טאַציע.

עכטע ליטעראַטור איז דער פּראָדוקט פון קינסטלערישקייט, פון אַ שאַפער וואָס איז באַלאָדן מיט אַן איינהייטלעכער זעלישער געפיל־פולקייט און לעבנס־זינלעכקייט, פון אַ שאַפער וואָס איז בכוח זיך צו פאַרטיפן און דערגרונטעווען, צו דערזען די גרויסע וועלט־ראַנדן און ריזיקע לאַבירינטן. עכטע ליטעראַטור איז די פולשטענדיקע פאַרקער־פערונג און פאַרצווייגונג פון אַלע קולות און טענער פון דעם רעאַלן, פולבלוטיקן לעבן.

VII

א. לעיעלעס

א. לעיעלעס איז איינער פון די סאַמע פּראָמינענטסטע פאָרשטייער פון דער אינזיכיסטישער גרופּע, און האָט אויך אַ סך פאַרדינסטן אַלס עסייאיסט און קולטור־טוער. ער האָט אין דער יידישער דיכטונג גע־

האַלפּן אַריינברענגען אַ נייע פּאָעטישע ריכטונג, אַ נייע פֿאָרם, וואָס האָט קלאָר און בולט פֿאָרמולירט די אינזיכיסטישע אָריענטאַציע.

זיין שיטה, ווי די שיטה פֿון זיין גרופּע, אָריענטירט זיך ניט אויפֿן אויסדרוק פֿון די געפֿילן און שטימונגען נאָר אויך אויפֿן אָביעקטיוון, ראַציאָנאַליסטישן וואָרט, אויפֿן פֿרייען, שאַרפֿן געדאַנק און איינפֿאַל. זיין דיכטונג איז ניט בלויז אַן אויסגוס פֿאַרן געמיט און געפֿיל, נאָר אויך פֿאַרן שכל און מוח.

לעיעלעס איז דער טרייעסטער נאָכפֿאָלגער פֿון דער דאָזיקער שיטה, און ווי אַזעלכע האָט ער געשאַפֿן די פֿאָרם וואָס ברענגט בולטער אַרויס דעם דיכטערס אייגענעם בליק אויף אַלע לעבנס פֿראַגן. אָט דעם דאָזיקן אינטעלעקטועלן פּאָעטישן באַגריף האָט לעיעלעס מיט פֿלייס באַפֿעסטיקט און דיסציפּלינירט אין זיינע אויסגעטאָקטע לידער און סאָנעטן אין וועלכע עס מערקט זיך אַ וואונדערבאַרע שיינקייט פֿון פֿאָרם, מעטרישן געבוי און זילבן־מאָס, פּייאיגע אַרכיטעקטור, קלינגנדיקן ריטם, פֿאַרפֿיינערטע עפֿעקטן און פֿאַרבן־רייכקייט.

פֿון דער גאַנצער געטאָקטקייט און שיינקייט ווייעט אָבער מיט קאַלטקייט, רירט ניט אָן די האַרץ־סטרונע, ציטערט ניט אויף מיט דער שיינקייט פֿון זיין וואָרט. אין זיין באַנעם פֿון וועלט־כאַאָס, גיט ער זיך מערער אָפּ אויף דער סטרוקטור פֿון אויסענווייניקסטער גראַציע, אויפֿן וואָרט־געבוי און וואָרט־קאָמבינאַציע. אין זיין ליד פֿעלט די אינעווייניקסטע עמאָציע, דער זעלישער געפֿיל, די נשמה רעגונג און בלענדונג. ס'איז גיכער צירלעך־קלינגנדיק, צענויפֿגעבונדן אין אינטעלעקטועלע פֿערזן, אָן דער געהעריקער וויזיאָנערישער הויכקייט.

פֿילאָסאָפֿישע דיאַלעקטיק, קאַבאַליסטישע רמזים און פּרדסדיקע אומפֿאַרשטענדלעכקייט איז געוואָרן אַ שטענדיקער דרך אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, אַ גרויסקייט אַזאַ מיט וואָס זיך צו רימען. די דאָזיקע דיכטער זיינען ממש מבטל דעם קלאָרן, פֿאַרשטענדלעכן זין ווי עפּעס אַ דיכטערישע פֿלאַכקייט. זיי פֿאָדערן פֿונעם לייענער אַ מער גייסטיקע הויכקייט, אַ גרעסערע פֿאַרטיפֿונג און אַ בעסערע תפֿיסה אויפֿצוכאַפּן די סודותדיקע רמזים און כּוונות, אָבער פֿון וואַנען, אַ שטייגער, ווייסן זיי אַז די גרעסטע חריפֿות און התמדה וועט דעם

לייענער באמת העלפן צו דערגיין די באהאלטענע געדאנקען? פּאָעזיע איז דאָך אַ קונסט פון וועלכער מיר דאַרפן געניסן אַן עונג רוחני פּונקט ווי מיר געניסן פון באַטראַכטן אַ קינסטלעריש געמאָלן בילד, טאָ איז דען ניט אונדזער געניסן אַ גרעסערער דעמאָלט ווען די שטריכן אויפן בילד זיינען נאַטירלעך־טריי, קלאָר און פאַרשטענדלעך? פּאָעזיע איז דאָך נאָכאַלעמען ניט קיין מאַטעמאַטישער חשבון, ניט קיין ראַציאָנאַלע טעאָריע, ניט קיין פילאָסאָפישע שיטה, ניט קיין דיאַלעקטישע חקירה, ניט קיין פונקציע פאַרן מח.

פּאָעזיע איז דער אינעווייניקסטער דיכטערישער באַריר, די גראַנדיעזע גבורה, וואָס מיר דערפילן מיטן האַרץ, מיט די געלייטערטע און פאַרפיינערטע חושים. פּאָעזיע איז דער פיינער אינסטרומענט דורך וועלכן דער דיכטער איז מגלה זיינע שטימונגען און געפילן, זיינע חלומות און אַנטוישונגען, זיינע וויזיעס און רעאַליטעטן, און וואָס קלאָרער דאָס דאָזיקע ווערט אויסגעדריקט אַלץ לויטערער איז דער דיכטער און אַלץ גרעסער דערזעען מיר אים.

ל. שאַפּיראָ

ל. שאַפּיראָס ערשטע שאַפונגען האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט דעם גרויליקן, אויסטערלישן אינהאַלט פון אכזריות און רציחות. ס'איז געווען אין יענע טרויעריקע יאָרן ווען אַ פּאָגראָם כוואַליע האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם אָמאָליקן רוסלאַנד, און אומעטום איבערגעלאָזן סימנים פון סאַדיסטישער גרויזאַמקייט און יידיש פאַרגאָסענעם בלוט. ל. שאַפּיראָ האָט עם מיט זיין קינסטלערישן חוש אויפגעכאַפּט יענע סביבה און הינטערגרונט, יענע איבערלעבונגען און פאַרצווייפלונגען, סאַדיזם און שכרות, ברוטאַליטעט און חורבנות, און מיט דעם שטאַרקסטן רעאַליזם זיי פאַרצייכנט לעולם ועד.

ל. שאַפּיראָ זוכט ניט צו זיין דראַמאַטיש־פאַרכאַפּנדיק אָדער טראַגיש־שרייענדיק. ער מאָלט זיינע בילדער דוקא געלאַסן און צוריקגעהאַלטן, אָט פּשוט ווי זיין אויג דערזעט זיי, און דאָך שרייט פון יעדער שורה אַרויס די שרעק און אַגאָניע פון די קרבנות, דער טראַגישער מאָמענט פון יענע גרוילעך־אַרויסגעשטאַרטע אויגן און אָפּגעהאַקטן

פיינלעכן געשריי ווען די פאַרבלוטיקטע האַק רייסט איבער אַ יונג ייִדיש לעבן.

אַט די דאָזיקע פּאָגראָם-בילדער מאָלט ל. שאַפּיראָ מיט אַ זעלטע-נעם קינסטלערישן כוח, מיט אַ טיפן פּאַטאָס וואָס רייסט זיך אַריין טיף אין דער נשמה און באַווירקט יסורימדיק דעם גאַנצן גוף. שאַפּיראָ איז אין די דאָזיקע בילדער דער געטרייסטער רעאַליסט, אָן דער מינדסטער סוביעקטיוויטעט און אָן וועלכע פּניות און נטיות, און דערזעט די פּאַסירונגען מיט דער פולסטער ניכטערקייט. וואָלט שאַפּיראָ ניט געווען דער דיכטער און קינסטלער, וואָלטן די בילדער אַרויסגעקומען ווי פּשוטע רעפּאָרטאַזשן און שיין-אויפגעשריבענע עפּיזאָדן און אינ-צידענטן, האָט ער אָבער אין זיי אַריינגעגעבן אַ נשמת חיים, אַריינ-געאָטעמט דעם הויך פון זיין קינסטלערישן אָטעם, און די שאַפונגען זיינען פאַרבליבן אייגנאַרטיק און איינציק.

ל. שאַפּיראָ איז אין די דרייסיק יאָר זינט דער שאַפונג פון די פּאָגראָם בילדער ניט געווען איבעריק פּראָדוקטיוו, אָבער זיין קינסט-לערישער כוח האָט זיך תמיד געפילט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און איז נאָך ביז איצטער, דוכט זיך, פאַרבליבן דער זייטיקער און אייגנ-אַרטיקער וואָס גייט זיך אויף זיין אייגן-אויסגעטראָטענעם דרך. אפילו די זאַנדערקייט זיינע אין דער אויסקלייבונג פון דער טעמאַטיק איז אויך פאַרבליבן מיט אים אָן שינויים.

ל. שאַפּיראָ האָט געשריבן איבער די טעמען פונעם טאָג-טעגלעכן לעבן, האָט אויך אויפגעכאַפּט דעם סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן מאָטיוו, דעם קאַמף און גערא̈נגל פונעם אַרבעטער און ליידנדיקן; האָט זינט דעמאָלט אויך אַרויסגעבראַכט אַ היפּש ביסל פיין-פילנדיקע פיגורן, וואָס באַגייסטערן ממש מיט זייער שטייגנדיקן כוח און פּאַרנעם; דאָך זיינען די אַמאָליקע פּאָגראָם-בילדער זיינע סאַמע וויכטיקסטע שאַפונגען, און נאָר אין יענע בילדער דערזעען מיר אַמבולטסטן און אַמשאַרפסטן זיין קינסטלערישן טאַלאַנט, זיין גרויסן אָנזען און גרויסע קראַפט.

אין יענע בילדער האָט שאַפּיראָס כוח זיך דערהייבן צו הויכקייט דערמיט וואָס ער האָט באַוויזן קינסטלעריש-ריטמיש אַרויסצוברענגען סיי די פּרימיטיוו-רויע, ווילד-אויפגערייצטע, נאַטורן מיט אַלע זייערע

סאַדיסטישע אינסטינקטן און סיי דעם שטילן פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון די אומגליקלעכע קרבנות אין זייער טראַגישן אומקום.

ניט אַלץ וואָס ווערט געשאַפן אין דער יידישער ליטעראַטור איז פאַרשטענדלעך און נאָענט דעם אויפגעהאָדעוועטן יידישן לייענער דאָ אין לאַנד. דער לעבנס-שטייגער פון דער אַלטער היים איז אים פרעמד און אומבאַקאַנט, און אים איז דעריבער אָפט גאַנץ שווער אָנצוטאַפּן און אויפצוכאַפּן דעם קינסטלערישן תוכן און תמצית.

אַזוי איז עס מיט מענדעלעס „פישקע דער קרומער", מיט דינעזאָנס „יאָסעלע", מיט פרצס „מאַניש" און מיט אַ סך אַנדערע גרעסערע און קלענערע אַרבעטן אין וועלכע ס'קומען צום אויסדרוק באַגריפן און מענטשן וואָס זיינען דעם אַמעריקאַנער געבוירענעם פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. דער נייער יידיש-לייענער דאָ וועט אפשר בחוש תופס זיין דעם קינסטלערישן סטיל, די שפּראַך, דעם מאָטיוו, אָבער ער וועט פאַרפעלן צו זען קלאָר גענוג דעם אָריגינעלן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקן קאָלאָריט, די יידיש-טראַדיציאָנעלע וועלט-אויפפאַסונג און דעם דורות לאַנגן גלות-לעבן, פון דעם דאָזיקן פאַר אים פאַרגאַנגענעם און פאַרהוילטן לעבנס-שטייגער.

VIII

בער באָראָכאָוו

בער באָראָכאָוו האָט דערהויבן די יידישע שפּראַך-פאָרשונג צו אַן אַקאַדעמישער הויך. זיין ציל און תכלית איז געווען אָפּצורייניקן די אָנטהאַלטנדיקע באַגריפן, אַז יידיש איז אַ דייטשער דיאַלעקט אָדער זשאַרגאָן אָן אַן אייגענעם היסטאָרישן הינטערגרונט.

מיט זיין ברייטזיכטיקן בליק און קלאָרן מוח, מיט זיין פילאָלאָגישער און מאַרקסיסטישער קענטשאַפט, וואָס איז אין אים געווען פאַרוואָרצלט ווי אַ האַרמאָנישע אייניקייט, האָט ער די פאָרשונגס-אַרבעט אויפגענומען און זי דערפירט צו פולשטענדיקער שלימותדיקייט.

די וויכטיקייט פון זיינע אויפטואונגען ליגט דעריבער אין דעם יסוד וואָס ער האָט אוועקגעלייגט סיי פאַר דער יידישער שפּראַך און

סיי פֿאַר דער יידישער פילאָלאָגיע. ער איז אפשר דער סאַמע ערשטער פּיאָנער וואָס האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פֿאַר אַ פֿאַרצווייגטן אויסגעבריינטערטן פֿאַרשונגס-סיסטעם. ער איז אודאי אויך דער קלאַסיקער וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעגעבן נייע אויסדרוקן און נייע טערמינען, אַריינגעגאָסן אין איר אַ שפּע מיט נאָרונג און קראַפט, שפּראַכלעכע חשיבות און קולטורעלע זעלבסטשטענדיקייט.

בער באָראָכאָוו איז אויך דער טעאָרעטיקער פֿון דער סאָציאַליסטיש-ציוניסטישער אָנשויאונג. ער האָט עס פֿאָרמולירט און אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער ברייטקייט די נאַציאָנאַלע פראַגע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. ער האָט אויך צונויפגעבונדן דעם יידישן אַרבעטער מיטן מאַרקסיסטישן געדאַנק. דעם סאָציאַליזם און ציוניזם אין איין היסטאָרישער נויטווענדיקייט — אַ טעזע, וואָס ער אַליין האָט פאַרטיפט און באַגרינדעט.

בער באָראָכאָוו איז דער מדריך וואָס האָט פֿאַראייניקט די נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען מיטן אַלוועלטלעכן קלאַסן-קאַמף, דער טעאָרעטיקער און באַגרינדער פֿון דער יידיש-פילאָלאָגישער וויסנשאַפט, דער פירער און לערער פֿון דעם יידיש-באַוואוסטזיניקן אַרבעטער.

בעריש וויינשטיין

בעריש וויינשטיינס ערשטע טריט אין דער יידישער דיכטונג זיינען גאַנץ זיכערע און איבערראַשנדיקע. ער האָט געשאַפן אַן אייגענעם דיכטערישן זין, אַן אייגענע קריסטאַליזירונג פון פאָרם און קלאַנג. ער טרעט אַריין מיט געוואַגטער דרייסטקייט און קלאָרן ציל-באַוואוסטזיין אין דער יידישער דיכטונג, און גייט דורך זיין וועג אַן בלאָנדזשענישן און אַן שטרויכלונגען.

בעריש וויינשטיין איז דער דיכטער פון דער יידישער עלנטקייט, פון דער יידישער בענקשאַפט און פון דעם יידישן צער. אין דעם גערויש פון דער אומהיימלעכער שטאָט דערזעט ער דעם מענטשן צאַפּלענדיק זיך אין פאַרבאָרגענעם וויי; אין דעם גרויען וואָכעדיקן לעבן דערזעט ער די ניט-געשטילטע בענקשאַפט און דעם מוטיקן קעמפערישן געמיט.

אָט די דאָזיקע גרויס-שטאָטישע מאָטיוון צייכנט ער קלאָר און

שאַרף מיט דער אויסברייטערונג פון זיין קלאַנגפולן טאָן. דוקא די גרויסע שטאָט ציט אים צו די אומבאַטראָטענע, אומבאַקאַנטע ווייט־קייטן, וואָס וועקן און דערהייבן זיין דיכטערישן טעמפּעראַמענט.

אין זיינע לידער דערהערן מיר אַ נייעם קלאַנג, אַ נייעם טאָן, און מיר דערטאַפּן זיין אייגענעם געפיל, זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענעם צער. ווי אַ יונגער דיכטער, מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן סטיל און טאָן, איז ער פאַרשיידנאַרטיק און פולפאַרביק. זיינע לידער האָבן אַלערליי וואַריאַנטן און קלאַנגען. אָבער פון זיי אַלעמען שפּירט זיך דער איי־גענער פלאַטער, דער אייגענער ברען, ווען ער זינגט פון זיין היים, פון זיין קליינעם שטעטעלע אָדער פון זיין אַלטער מאַמען ביים ליכט־בענטשן, איז ער דורכאויס סוביעקטיוו־אינערלעך און עס דערהערט זיך זיין אייגענער האַרץ־ציטער, זיין אייגענע צאַרטקייט און לירישקייט.

זיינע ערשטע פּרואוון זיינען גאָר פיינע שפּראָצונגען און אַ גוטער צוזאָג, אַז מיר האָבן אין אים אַ דיכטער וואָס פאַרמאָגט אַ סך קראַפט און קינסטלערישן כוח צו גיין מיט זיין ציטיק וואָרט אויף זיין אַליין אָנגעצייכנטן וועג.

דער דערציילער און נאָוועליסט האָט תמיד גרעסערע און ברייטערע מעגלעכקייטן איידער דער פּאָעט. דער פּאָעט, אַריינקייטלענדיק זיינע געדאַנקען אין די ראַמען פון קורצע שורות, מוז זיך אָפט מאַטערן צו געפינען דעם פּאַסנדיקן אויסדרוק, דעם ריכטיקן וואָרט, די נויטיקע זילבע און דעם געהעריקן גראַם. ער פאַרנוצט דערביי אַ סך מי און אַרבעט, און איז אָפט געצוואונגען צוליב די טעכנישע כללים איינצו־קרעמפּעווען זיין דיכטערישן געפיל און געדאַנק. אים פעלט דער פרייער, אָפענער שליאַך, די ברייטע, אומבאַגרענעצטע קאַנווע, וואָס זאָל קאָנען אויפנעמען זיין יעדן וואָרט, זיין יעדן געדאַנק.

אָפט טרעפט אַז אין דער סאַמער שטייגערונג, אין סאַמע שוואונג, ווערט זיין ליד איבערגעריסן און געשטערט פון אַ פרעמדן וואָרט, פון אַ פרעמדן קלאַנג. דער פּאָעט מוז דעריבער גאַנץ אָפט פאַרקירצן זיין געדאַנק, ניט דערזאָגן זיין וואָרט, און זיך אַריינפּאַסן אין דעם אָפּגע־צאַמטן נדר.

אַנדערש איז עס אָבער מיטן דערציילער און נאָוועליסט. ער דאַרף זיך ניט פאַרנעמען מיט קלייבן ווערטער און שורות. ער האָט

ניט קיין מורא פאַר דעם סדום-בעטל פון טעכנישע כללים און דאַרף דעריבער ניט ספּעקולירן איבער אַ קוצו של יוד און איבער אַ פּאַרלאַ-רענער נאָטע. ער האָט פאַר זיך אָפענע גרענעצן און ברייטע שליאַכן. ער דאַרף זיין געדאַנק ניט אַפּשליסן אין אַ רינגעלע פון וואויל-קלאַנג, און איז ניט געפאַנגען אין דעם נעץ פון טענער און ריטמען. ער שאַפט זיינע געשטאַלטן און לאַנדשאַפטן מיט אומגעשטערטער עמפּינדלעכ-קייט, און דער קינסטלערישער אימפּעט זיינער, די אינעווייניקסטע גייסטיקע אַנגעלאָדנקייט, פליסט און שטראָמט פריי ווי די כוואַליעס אויפן ים.

*
**

טאַלאַנט איז דער קינסטלערישער אָטעם וואָס דער מייסטער הויכט אַריין אין דער שאַפונג. טאַלאַנט אַליין באַשאַפט אָבער ניט דאָס קינסטלערישע ווערק. הוילער טאַלאַנט איז ווי אַ בריליאַנט פריש פון דער ערד, רוי און ניט געשליפן. דער בריליאַנט מוז פריער אויסגע-אַרבעט ווערן, געוואַשן און געפּוצט ווערן, קריסטאַליזירט און גערייניקט ווערן און ערשט דערנאָך וועלן בליאַסטשען די פייערלעך.

טאַלאַנט מוז האָבן צו זיך די אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט, דעם גרויסן מענטשן וואָס זאָל זיך דערפון אַרויסזען. טאַלאַנט און מענטש איז אַן עטיש-קינסטלערישע צוויי-אייניקייט. טאַלאַנט מוז ליגן אין דער האַנט פון דעם מענטשן, וואָס קאָן אויסקנעטן מענטשן, מענטשן אין דער גאַנצער יצירה, מענטשן אין דעם אמתן צלם אלקים, מענטשן מיט געפילן און נייגונגען, מוח און האַרץ. דער טאַלאַנט מוז זיין דאָס אייגנטום פון אַ מענטשן, וואָס קאָן מיטליידן און מיטווירקן, מיטלעבן און מיטווירקן. דער באַשאַפער מיטן בעשאַפענעם מוזן זיין איינס, איין איינציקע אייניקייט, איין גוף און איין נשמה, איינס מוז אַרויסקוועלן פון דעם אַנדערן.

IX

יעקב דינעזאָן

יעקב דינעזאָן, דער שריפטשטעלער פון דעם אַלטן השכלה-דור, איז דער ערשטער וואָס האָט אָנגעהויבן אַריינברענגען דעם יידישן ראָמאַן אין אונדזער ליטעראַטור. הגם די ראָמאַנען זיינע זיינען זייער

סענטימענטאַלע און ווייט ניט פון אַ קינסטלערישער מדרגה, האָט ער אָבער דאָך דעם גרויסן פאַרדינסט וואָס ער האָט מיט אַנדערע אין זיין דור באַשאַפן דעם יידישן לייענער.

דינעזאָן איז זיכער ניט געווען סענסאַציאָנעל און איז געווען גאַנץ ווייט אַוועק פון דעם שמריסטישן וועג, וואָס האָט זיך טיילווייז גע־גרענעצט מיט פּשוטער שונד. דינענזאָן האָט געהאַט זיין אייגענעם מיטל ווי אַזוי צו געווינען דעם יידישן לייענער — זיין גרויסע ליבע צו איינזאַמע און ליידנדיקע מענטשן, זיין פאָטערלעכע צאַרטקייט מיט וועלכער ער האָט געלינגדערט זייערע ווייטאָגן, זיין סימפּאַטיע צו די צובראָכענע הערצער, זיין דינער פּענזל מיט וועלכן ער האָט געמאָלן זיינע געשטאַלטן, האָבן אים באַליבט געמאַכט צווישן די ברייטסטע פאָלקסמאַסן.

ווער האָט דען ניט פאַרגאָנען אַ טרער לייענענדיק זיינעם אַ ראָמאַן? זיין טיפע ליבע צו דער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, איז די ליבע וואָס באַלויכט און באַשטראַלט אַלע זיינע ראָמאַנען און גיט זיי דערפאַר אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור פון די ערשטע דורות.

פּרץ הירשביין

פּרץ הירשביין, דער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, פאַרנעמט אַן אָרט אין דער סאַמער מזרח וואַנט פון אונדזערע קלאַסיקער. ער שטייט מיט זיין פאַרשיידנאַרטיקן קינסטלערישן וואָרט גאַנץ אָריגינעל און ניי, יחידיש און ספּעציפיש.

הירשביין איז קודם כל די שיינע פּערזענלעכקייט, דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט און מעכטיקער בוים, וואָס וואָרצלט טיף אין דעם פאַרבנ־רייכן גאָרטן פון אונדזער שאַפונג. ער איז הוילער דואַליזם: מיסטיש און פאָלקסטימלעך, נשמה גריבלער און רעאַליסט, דערציילער און פּאָעט. זיין גרויסקייט זעט זיך על פּי רוב אַרוים אין זיינע אידילישע שאַפונגען. דאָרטן איז ער דער צאַרטסטער קינסטלער און קאָן אָנטאָפּן די איידלסטע שטריכן.

הירשביין האָט אויך זיינע פּערזענלעכע פאַרדינסטן דאַמיט וואָס ער האָט דערהויבן דעם קינסטלערישן מצב פון פאַרשונדעוועטן יידישן טעאַטער. אגב, איז ער אַליין אַ שיינע עטישע פיגור וואָס ווירקט מיט זיין געלייטערטקייט און אויסגעהאַלטנקייט.

יונה ראָזענפעלד

יונה ראָזענפעלד איז איינער פון אונדזערע גאָר באַגאַבסטע דערציילער. ער צייכנט זיך אוים מיט זיין אייגנאַרטיקן סטיל, וועלכער איז כמעט איינציק אין דער פּראָזאַישער פאָרם.

יונה ראָזענפעלד איז אפשר אין דער זעלבער מדרגה ווי אברהם רייזען — ביידע זיינען צווישן אונדזערע בעסטע דערציילער. אָבער פונקט ווי רייזענס טעמעס און סיטואַציעס זיינען פּשוטע און איינפאַכע, אַזוי זיינען ראָזענפעלדס להיפוך פאַרפּלאָנטערטע און אויסטערלישע.

ראָזענפעלדס מענטשן זיינען תמיד עפּעס אַזעלכע מאָדנע טיפּן, תמיד אַזעלכע קראַנקע נשמות וואָס האַלטן זיך אין איין ראַנגלען אין אומענדלעכע לאַבירינטן.

און דאָך מאָלט זיי ראָזענפעלד אַלעמען מיט אַ פאַרביקער פעדער. ער דרינגט אַריין אין די טיפסטע טיפענישן פון זייערע בלאָנדזשענישן, גריבלט זיך אין זייערע פאַרנעפּלטע, צעקנוילטע טראַכטענישן, און טויכט אַרוים פון דאָרטן מיט טייערע פּערלען אין דער האַנט.

מאַני לייב

מאַני לייב איז דער אינדיווידועלסטער אין דער גאַנצער פּלעיאַדע יונגע דיכטער. ער איז דער פיינער, צאַרטער ליריקער, וואָס זינגט אוים זיינע ווייכע סימבאָליש געלייטערטע שטימונגען מיט די זעלטנסטע, מייסטערהאַפטסטע טענער.

מאַני לייבס ליד, צי עס איז ליריש אָדער עפּיש, פאַרמאָגט עס אין זיך דעם חותם פון אַ גרויסן געפילפולן פּאָעט. זיין קורצער פערזן־מאָס, זיין אויסגעטאָקטע פאָרם, זיין סטיל און אויסדרוק, איז די אומפאַרגלייכבאַרסטע אין דער פּאָעזיע פון אונדזערע יונגע דיכטער.

מאַני לייב איז גרויס, טיף און מעכטיק. זיינע געזאַנגען זיינען דורכגעדרונגען מיט טענער פון איינזאַמקייט און שטילן, טיפן עלעגישן טרויער, און דאָך וויינט פון זיי מיט פרישקייט און לעבן.

מאַני לייב האָט אויך געזונגען פון אַרבעטער לעבן און זיין קלאַסן קאַמף, אָבער ניט אַלס קאָלעקטיווער דיכטער, נאָר אַלס צאַרטער זינגער פון אינדיווידועלע שטימונגען און נשמה־טענער, וואָס פליסן שטיל און מעלאַנכאָליש, פאַרטראַכט און פאַרחלומט.

ש. אַנסקי

ש. אַנסקי, דער שריפטשטעלער, אידעאַליסט און רעוואָלוציאָנע־רער קעמפער, איז געווען איינער פון די גאָר ווייניקע יחידים וואָס האָט אויף זיך גענומען די שווערע מיסיע פון וואַנדערן איבער שטעט און שטעטלעך און צונויפקלייבן די גרויסע אוצרות פון דעם יידישן פאָל־קלאָר. די דאָזיקע עובדה זיינע איז אפשר געווען אַ מין נשמה־רעאַקציע קעגן זיין פריערדיקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין די פרעמד־רוסישע קרייזן.

איז עס אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס זיין צוריקקער האָט אים אפילו דערפירט צום מיסטיציזם און צו דער יידישער לעגענדע. ער, אפשר מער ווי אַן אַנדערער, האָט אין זיינע שאַפונגען אַזוי בולט אָפּגע־שפּיגלט די רעליגיעזע מיסטיק פון דעם פאַרצייטיקן חסיד און בעל מקובל.

די אינטערעסאַנטסטע דראַמע זיינע איז בלי ספק „דער דיבוק", אין וועלכער ער מאָלט מיט אַ באַזונדערער וויזיאָנערישער פאַרטראַכט־קייט און ערנסטן פאָלקסטימלעכן הינטערגרונט פון פייערלעכן עקסטאַז און סימבאָליזם אַלערליי אָבערגלויבנס אין דער יידישער פרומקייט.

X

י. מ. וויסענבערג

י. מ. וויסענבערג איז דער פלאַסטערער און שילדערער פון סאָ־ציאַלע שטורעמס און פרייהייט קאַמפן. אין זיין שטעטל מאָלט ער אויף אַ גאַנץ נייעם שטייגער בילדער פון יידישן פּאַטאָס. זיינער אַ פאָרטרעט איז געצייכנט טיף און קלאָר, געשטאַלטיקט און קאָלירדייך. זיינע טיפן און כאַראַקטערן זיינען שווין פאַקטיש אָפּגעשטאָרבענע און פאַרשוואונ־דענע, מענטשן פון לאַנג פאַרגאַנגענע דורות, הוילע סימבאָלישע פיגורן, אָבער אַלע שטייען ביי אים אויף תחית המתים און לעבן נאָך פאַר אונדזערע אויגן מיט דער גאַנצער פּאַטריאַרכאַלישקייט און שיינקייט.

וויסענבערג שילדערט אויף אַ גאַנץ נייעם שטייגער מערקווירדיק־טרייע בילדער פון קרעפטיקע געשטאַלטן. ער מאָלט מיט אַ געזונטן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט, מיט שאַרפע, אָפּגעפרישטע פאָלקסטימ־

לעבקייט, אינהאַלטסרייכע בילדער פון רויע, פּרימיטיווע טיפּן וואָס לעבן אין פינצטערניש אין פאַרחומרטער פאַרגרעבטקייט.

ווייסענבערג איז זיכער אַ מייסטער אין מאָלן בילדער און סצענעס און דערביי אַרויסברייננגען די סאַמע אינטימסטע סיטואַציעס. ער שילדערט עם רירנדיק, צאַרט און מיט ווייכן ליריזם.

דער טאַלאַנטפולער דיכטער קאָן אויך אין דעם שטאַטישן ווירוואַר פון שטאָל און אייזן געפינען נעימותדיקע רואיקייט און שטילע ווינקעלעך פאַר זיינע פאַרבענקטע טענער. דוקא די גרויס-שטאָטישע סטרוקטור און זיין אומגעלומפּערטן האַרמידער, איז אָפט מסוגל צו ווערן די מיסטעריעזע דינאַמיק און ליידנשאַפטלעכע סטימולירונג צו ערנסטע פאַרטראַכטונגען און עמאָציאָנעלע שטימונגען. דוקא דער גערויש פון קולות און געמיש פון פאַרבן איז מסוגל אַרויסצורופן דעם פלאַמנדיקן טעמפּעראַמענט און געפליגלטע פאַנטאַזיע, וואָס זאָל דערהויבן דאָס וואָרט צו דער הויכער מדרגה פון פולער און עכטער קינסטלערישקייט.

***

דער טאַלאַנטפולער דיכטער איז בטבע דער בונטאַר און ליריקער, היים-שטורמיש און געמיטלעך באַרואיגטער. ער איז תמיד אַ דורכאויסיקער און אי פולשטענדיקע סטאַטיק; ער איז דער פלאַטערנדיקער און גערולדיקער אָרגאַניזאַטאָר פון זיין שעפערישן איבערפלוס, געטריבן פון אינערלעכער איבערגעלאָדנקייט און אינערציע.

ער איז דעריבער בכוח אויפצונעמען און איינזאַפּן כלערליי טענער און קלאַנגען און זיי צונויפגיסן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט. ער קאָן אָן ווערלכן דיסאָנאַנס אויפכאַפּן דעם עכאָ פון בלעטער-פאַל אין דעם געטומעל פון מאַשין-געררויש און די צאַרטקייט פון אַ ליבעס-שפּיל אין דער יאָגעניש פון פאַבריק.

ב. ריווקין

ב. ריווקין איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע קריטיקער. זיין פעדער האָט תמיד געבליצט מיט נייע אויפברויזונגען, נייע אויסדרוקן און נייע פאָרמען. ער איז אויך געווען אַן אייגנאַרטיקער

עסייאיסט, וואָס האָט צונויפגעבונדן דעם תמצית פון דער יידישער גייסטיקייט מיט די בעלעטריסטישע און קינסטלערישע פאָרמען אין אירע סאַמע ברייטסטע פאַרטיפטסטע מעגלעכקייטן.

ער איז געווען דער אמתער אָריגינעלער שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַר זיך געשאַפן נייע וועגן און פאָרמען. ער איז אויך געווען דער אַלאומפאַסנדיקער טעמאַטיקער, וואָס האָט זיך ניט געשראָקן אפילו פאַר דעם מיסטישן און עקספּערימענטאַלן געדאַנק.

דער אמתער כוח זיינער איז געלעגן בלויז אין דער קריטיק. ווי אַזעלכער האָט ער זיך דערהויבן צו דער גאָר הויכער מדרגה פון אַרויס־טויכן יעדן ניצוץ פון קינסטלערס גייסטיקער אויסשטראַלונג. ער האָט ממש מיט די פינגער אָנגעטאַפּט יעדעם פּינטעלע, אויפגעכאַפּט יעדן אות און אַריינגעדרונגען אין יעדער כונה פונעם שאַפער און דאָס געשאַפענע.

ריווקין האָט געהאַט אַ זעלבסטשטענדיקן אַנאַליטישן בליק, און האָט פאַר דעם דאָזיקן ביטער געקעמפט ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. זיין אַנאַליטיק איז געווען ניי און רעוואָלוציאָנעריש און דער וועג איז דעריבער פאַר אים געווען אַ שטיינערדיקער און שטרויכ־לענדיקער.

כדי צו קענען סימעטריש אויפצובויען אַ ווערק, מוז דער שאַפער זיין אַ פּייאיקער אַרכיטעקט און פאַרמאָגן אַלע נויטיקע מכשירים צו אַ קינסטלערישער סטרוקטור. אָן די דאָזיקע מכשירים איז ער ווי אַ פויגל אָן פליגלען, און קאָן זיך קיינמאָל ניט אויפהייבן העכער איבער די אייגענע דלד אמות. דער שטח זיינער איז אַן ענגער, אָן ברייטע ראַנדן און אָן וויטע האָריזאָנטן.

די קינסטלערישע נאָוועלע מוז קודם כל פאַרמאָגן אַ נשמהדיקן אינהאַלט, וואָס זאָל זיך לויטערן אין געטלעכער אַלזעעוודיקייט. דער סיפּור המעשה מוז אַרויסגעכשופט ווערן פון טיף מענטשלעכע איבער־לעבונגען און געדאַנקען־געראַנגלען, און אַלץ מוז זיך קייטלען אין איין גרויסן רינג.

***

אין דער יידישער ליטעראַטור איז איצטער אַ שטילקייט פון אַ שטייענדיקן טייך, וואָס שטראָמט ניט, באַוועגט זיך ניט און רייסט זיך

ניט צו ווייטע שטרעקן. ביז איצט, למשל, איז נאָך ניטאָ אָט דאָס גרויסע ווערק וואָס זאָל באַלויכטן די איצטיקע תקופה, אַ ווערק וואָס זאָל אי־בערגעבן אין קינסטלערישן פאָרנעם און אידעאישער קאָנצענטרירט־קייט די יידישע מאַרטיראָלאָגיע.

דאָס ביסל וואָס באַווייזט זיך יאָ אויף דעם דאָזיקן געביט, איז על פי רוב אַ ליד וואָס איז אינזיכיסטיש און סוביעקטיוו און אין אַזוינס האָבן מיר באמת אויך פריער ניט געהאַט קיין דוחק.

עס פעלן נאָך אַלץ אָט די גרויסע ווערק וואָס זאָלן אויף אַ גרויסן פאַרנעם מאָלן דעם איצטיקן אומגליקלעכן דור מיט זיינע וואָגלענישן און חורבנות. אַ ליטעראַטור וואָס פאַרפעלט און פאַרזעט די אייגענע עפּאָכע, איז נעבעך אַ פעלערהאַפטיקע און הינקנדיקע.

⁂

די שלימותדיקע שעפערישקייט איז דעם קינסטלערס נשמהדיקער תיקון. ער אַליין ווערט אין זיין שאַפונג קריסטאַליזירט און געלייטערט. די חבלי לידה גיבן דעם קינסטלער די לירישע צאַרטקייט צו קענען מיטפילן און מיטדענקען מיט די טיפן און העלדן פון זיין ווערק; ער אַליין ווערט דעמאָלט דער צענטראַלער פונקט, דער צינורת דורך וועלכן עס גייט דורך גאָר די פיין און פרייד.

XI

מ ע נ ד ל פ ר אַ ג ע ר

מענדל פראַגער איז אַ פנים חדשות אין דער יידיש שרייבערישער משפחה און צייכנט זיך אוים מיט זיין אייגנאַרטיקייט און קלאָריט. זיין ביישטייער צו דער יידישער קולטור און אפשר דער תמציתדיקער, וואָס איז כולל אין זיך יעדן שעפערישן עלעמענט. קודם כל איז ער דער צאַרטער ליריקער פון שטילע תפילותדיקע לידער צעוואָרפן אין אַ סך פעריאָדישע זשורנאַלן. והשנית, האַלט ער פאַרגרייט אין שופלאָד אָן אַ צאָל דראַמעס אין וועלכע ער באַהאַנדלט קינסטלעריש די יידיש־סאָציאַלע פּראָבלעמען און דעם געראַנגל אין אַ וועלט פול מיט רשעות.

חוץ לזה איז מענדל פראַגער אַ פערזענלעכקייט, וואָס שווערלעך צו געפינען אין איצטיקן דור. ער איז, וואָלט איך זאָגן דער גלגול פון

חנן מיניקעס, ע"ה, דער אוהב הסופרים והספרים און משמש בקודש. הגם אַליין אַ שאַפער און דוקא מיט אַ גרויסער מאָס טאַלאַנט, האַלט ער זיך תמיד אין הינטערגרונט און רעדט מיט יראת הכבוד וועגן יעדן אַנדערן. פּראַגער איז דער פרומסטער חסיד פון יידישן שאַפער און דערציילט תמיד מיט גרוים פּיעטעט די דערהויבנקייט פון יעדן קלענערן און גרעסערן שרייבער. אַ יידיש בוך איז ביי אים אַ הייליג ספר איבער וועמענס בזיון מ'דאַרף פאַסטן תעניתים.

מענדל פּראַגער איז דער תלמיד מובהק וואָס לערנט בהתמדה יעדעם יידיש-געשריבן וואָרט ; ער איז דער יידישער לייענער, אָט דער וואָס טוט עס ניט מחמת חוב נאָר מחמת אהבה. זיין אהבה איז אַזוי גרוים, אַז זי באַשטראַלט אָפּט אַ סך פון אונדזערע שאַפער געבנדיק זיי דעם נויטיקן כוח היצירה.

מענדל פּראַגער איז דער יחיד בדורו וואָס קאָמבינירט מיט זיך אייגענע דערהויבנקייט און אומבאַגרענעצטע אמונה אין דער מדרגה-דיקייט פון יידישן שאַפער ; ער איז רבי און תלמיד, גוטער ייד און חסיד, שרייבער און לייענער. ביידע זיינען ביי אים אינטעגראַלע גאַנצ-קייט, איין פולשטענדיקע שלימותדיקייט אָן וועלכער עס איז אַ סתירה און שטערונג.

דער אמתער פּאָעט איז ווי אַן איידעלער קאָסטבאַרער אינסטרו-מענט, וואָס שפּילט אויס די דינסטע, זאַפטיקסטע וואַריאַציעס און דעם מעכטיקסטן ברום פון די ווינטן. דער אמתער פּאָעט מוז טראַכטן און פילן גאַנץ טיף, און דערמיט אָפּשפּיגלען דעם גאַנצןברייטן און וויטן אוניווערז.

דער פּאָעט מוז דערזען אַלע שיינקייטן און צופוילטקייטן : ער מוז בענטשן און שילטן, קריטיקירן און אויסבעסערן, מיט דעם מעכטיקסטן אָפּשאַל פון זיין גרוים וואָרט.

ער מוז זיין דער פיינער אינטעלעקטואַל, פאַרשטיין זיין סביבה און קענען די אָפּענע שליאַכן פון זיין צייט, ווייל ער איז די זון, דער לויכטנדיקער שעפער פון וועמען עס פליסט ווי פון אַ רעזערוואואַר אַ קוואַל פון אויפבליצנדיקע געדאַנקען-שיינקייטן. צי ער איז דער ליריי-קער אָדער עפּיקער, דערזעט ער באַוואוסטזיניק אָדער ניט די צעפּיצלט-

קייט און צעריסנקייט וואָס קלעמט און צאַפּלט זיך אונטער דעם באַרג פון ריזיקן, קנויליקן לעבנס פּלאָנטער.

דער אמתער פּאָעט טראָגט אויף זיך דעם גרויסן חוב צו באַלויכטן דאָס פאַרטונקלטע, אויפצוקלערן דאָס פאַרוויקלטע, דאָס אייביק אומפאַרשטענדלעכע, זיינע טענער מוזן זיין ווייך, בייסנדיק-גאַליק און צאַרט. ברוויזנדיק און רואיק, פולזייטיק און פולגעשטאַלטיקט אין די סאַמע דעליקאַטסטע פאַרשיידנאַרטיקסטע ניואַנסן, ווי אַ מעכטיקער שטראָם וואָס טראָגט זיך דורך אונטערערדישע פעלזן-הייַלן, כדי אַריינצוכוואַליען אין שטורעמדיקן ים. ער איז דער חוזה און זעער וואָס באַנעמט אַלץ, וואָס דריקט אַלץ אויס, און וואָס שפּיגלט אָפּ אַלע לעבנס שטראָמען.

***

יעדער עכטער קינסטלער לעבט זיך אויס אינם פּראָצעס פון זיין גייסטיקער שאַפונג אונטער דער אויפגליענדיקער ווירקונג פון זיין קינסטלערישער נשמה. אין דער דאָזיקער אויסלאָדונג זיינער, גיט ער אַריין זיין גאַנצע דינאַמישע קראַפט, זיין גאַנצן וועלט-באַנעם, זיין גאַנצן איידעלן חוש און זין. דער דאָזיקער קאָקעטירט ניט מיט פּאָפּולערע אַנווענדונגען גייט ניט אויף די אויסגעדראָשענע סטעזשקעס. זיין וועג איז דער סוביעקטיווער רוף פון זיין קינסטלערישער מיסיע, וואָס ער וויקלט פאַר אונדז פאַנאַנדער מיט דער ליכטיקער מתנה פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט.

דער עכטער קינסטלער מוז מאָלן דעם לעבן ווי ער זעט עס בחוש, און טאָר ניט איינצוימען זיין דיכטונג מיט איינערליי קאָלירן און ראַמען. זיין פּענזל מוז טראָגן פאַרבן פון אַלערליי קאָלירן, פון אַלערליי קריסטאַל-ריינע שעפערישע קוואַלן. ער טאָר ניט פאַרדעקן דאָס מיאוסע, דאָס אומגעלומפּערטע פון לעבן בלויז כדי אונדז געפעלן צו ווערן, ווייל אַזוינס מיינט ניט אַרויסצוזאָגן די אייגענע געדאַנקען, דערשטיקן די אייגענע געליטערטע שטימונגען, פאַרפלאַכן און אָפּטעמפּן דעם טאַלאַנט; אַנשטאָט געבן אונדז לעבעדיקע, פולבלוטיקע מענטשן, באַשאַפן טיפן און געשטאַלטן, וועלן זיי גאָר לאָמען און הינקען ווי וויסטע קאַליקעס אַנשטאָט אַ קונסטווערק — אַ גייסטיקער מפּיל.

*
**

קיין שום ליטעראַטור ליידט ניט אַזוי פיל פון זעלבסטפאַרניכטונג און זעלבסט־פאַרלייקענונג ווי אונדזערע. דער יידישער קינסטלער דאַרף ניט זען ווי מען איז אים מבטל, ווי מען שעמט זיך סיי מיט אים און סיי מיט זיין ווערק, ווי מען וויל אים פאַרגעסן נאָך ביים לעבן. וועלכע גייסטיקע נאַרונג, וועלכע קינסטלערישע אינספּיראַציע קאָן אים געבן כוח, ווילן און ליידנשאַפט פאַר זיין פעדער, אויב ער איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל פּרעמדקייט און סביבהלאָזיקייט? ער דאַרף דאָך וואַרעמען זיין טאַלאַנט אַרום אַ פייער וואָס טליעט קוים, אַרום אַ זון וואָס האַלט תמיד ביים פאַרגיין!

*
**

אין יעדער ליטעראַטור זיינען פאַראַן מערער פּאָעטן ווי פּראָזאַ־איקער. אויף יעדן דערציילער — אַ פּאָר דיכטער. פון וואַנען נעמט זיך עס אַזאַ גרויסע שפע? עס איז דערפאַר וואָס שרייבן פּאָעזיע איז אפשר לייכטער ווי שרייבן פּראָזע. דער פּאָעט דאַרף זיך אפשר אַזוי פיל ניט אָנשטרענגען ווי דער בעלעטריסט. אָפט דאַרף ער אפילו ניט זיין קלאָר און לאָגיש, פאַרשטענדלעך און אויסגעהאַלטן. פאַרקערט, אָט די דאָזיקע מעלות זיינען נאָר אין דער פּאָעזיע אָפט גרויסע חסרונות. וואָס אומקלאָרער און אומפאַרשטענדלעכער דאָס ליד איז, אַלץ פּאַר אַ גרעסערן דיכטער האַלט ער זיך. דער פּאָעט קאָן אַזוי אַרום לייכט נאַרן מיט זיינע טיפקייטן, באַהאַלטן זיך אונטער זיין אָפטער אומבאַהאָלפנקייט, אַריינלייגן אין זיינע אויסגעציקלטע גראַמען, אינם דור הפלגה פון ווערטער, הויכקייטן און קדושה וואָס נאָר ער אַליין איז ביכולת צו דערזען.

אַנדערש איז עס אָבער מיט דער פּראָזע. דאָ קאָן מען ניט נאַרן מיט כלומרשט הויך מיינענדיקע געדאַנקען. אין דער פּראָזע גילטן ניט די פּעדאַנטישע און דעקאַדענטישע פּליטערלעך. דער פּראָזאַאיקער מוז קודם כל פאַרמאָגן סטיל, פאָרם, זיין קלאָר און צום ענין.

דער פּראָזאַאיקער קאָן זיך ניט צעוואָרפן מיט סתם שפּילעריי און וואויל קלינגנדיקע ווערטער, קאָן זיך ניט אויפהויבן מיט פּאַפּירענע פליגלען ווי געווּיסע יונגע פּאָעטן טוען עס היינט. אין דער פּאָעזיע

איז אפשר ניט אַזוי לייכט פאַנאַנדערצוקלויבן דאָס עכטע פונם פאַלשן ליד. אויף פּראָזע זיינען אָבער פאַראַן אַ סך מער מבינים, און זיי קאָן מען אַזוי לייכט ניט פאַרבלענדן די אויגן.

שלום אַש

שלום אַש איז דער דיכטער פון נאַטור-מאַלערייען, אפשר דער גרעסטער וואָס די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט. זיינע נאַטור שיל־דערונגען פאַרמאָגן אין זיך אַ זעלטענעם כשוף, אַ פּאָעטישע חנעוודי־קייט, וואָס בלענדט מיט קאָלירן און פאַרבן. זיי בלינקען אַרויף פון אַלע זיינע ראָמאַנטישע דערציילונגען. זון, בוים, וואַלד און באַרג, אָטעמט און פאַרעמט זיך אַרוים פון אַלע זיינע ווערק אין די אידיאָמען ניואַנסן און טענער.

צו מאָלן צו אָפּט נאַטור בילדער איז פאַראַן אַ געפאַר אַריינצו־פאַלן אין הוילער וואָרטזאָגעריי, אין פוסטער מליצה פון רעטאָריק און שיין-שרייבעריי. אַש איז אָבער ווי דער געניטער אויטאָמאָביל טרייבער וואָס פירט זיין מאַשין אויף אַ שמאָל, ענג סטעזשקעלע פאַרביי טיפע פעלזיקע טאָלן און מאַנעווירט דאָך פאַרזיכטיק מיטן רעדל חלילה ניט אַרונטערצוזינקען אין אָפּגרונט. אַש קאָן לייכט גובר זיין מיט דער קראַפט פון דער שפּראַך און סטיל וואָס ער באַהערשט אַזוי מייסטער־האַפטיק.

אַש איז דער דיכטער מיט אחריות און ציט זיין קינסטלערישע יניקה פון קוואַלן וואָס זיינען תמיד פאַר אים פריש און פרוכטבאַר. קען ער טאָקע דערפאַר אויסוועבן פון זיינע געמאָלן אַזעלכע פּראַכטיקע, דורכזיכטיקע פּערלען.

אַש איז אויך דער פּלאַסטיקער פון זיין אייגענער פּעדער. ער מאָלט אַ זנות-הייזל, און דאָך איז עס הוילע קונסט. אַנדערע האָבן אים פּרובירט נאָכטאָן, איז עס אַרויסגעקומען פּיקאַנט און זנות.

אַש איז אפשר דער גרעסטער גיגאַנט אין אונדזער ליטעראַטור ווענענס אויג דערזעט אַלע סודותדיקע שיינקייטן פון וועלט און נאַטור, זאַפּט זיי אַריין אין זיך און לאָדט זיי דערנאָך אַרוים נאָך שטאַרקער און קרעפטיקער מיטן זכות הקיום פון זיין געבענטשטן טאַלאַנט.

XII

פּאָעזיע האָט דעם כוח פון מאַכן קפיצת הדרך, בעת מיט פּראָזע מוז מען גיין אויפן לאַנגן וועג. פּאָעזיע באַווייזט דעם שפּור פון וועג, ווי אַ פויגל זאָגט אָן דעם שטורם אין וואַלד. פּאָעזיע איז דער שטענדיקער סימן פון אויפגערעגטן געמיט, וואָס רייסט זיך כסדר באַרג אַרויף.

פּאָעזיע איז די אומאויפהערלעכע זוכעניש פון אינטים־דורכגעלעבטער שטימונג, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך וואָרט־בילד און וואָרט־געזאַנג, אַפּהילכנדיק איינפאַך ווי אַ מענטשלעכער וויי.

פּאָעזיע איז די דערפינדערישקייט פון דיכטערס קונסט, און באַשטייט פון אַ כסדרדיקן באַשאַפן נייע פאָרמען, נייע קלאַנגען, און נייע ניואַנסן. ער שפּאַנט קפיצת הדרכדיק איבער אַלע אַלטע צוימען, און טראָגט זיך מיט זיין דיכטערישן וואָרט אַריבער אין די סאַמע העכסטע ספערן פון געדאַנק און געפיל.

***

מיר זיינען ניט צופרידן מיטן קינסטלער וואָס באַווייזט אונדז פרייד און טרויער; מיר ווילן אויך זען זיין אויסגעברייטערטן וועג אויף וועלכן ער שפּרייזט צו דעם אחרית הימים אַ חוץ די בין השמשותדיקע מאָמענטן ווילן מיר אויך זען די פּאָזיטיווע און פריידיקע.

***

דער רעאַליסטישער שריפטשטעלער פאָטאָגראַפירט טריי גאָר די פּילפּאַרביקייט פונעם לעבן. ער כאַפּט אויף יעדעם בילדל, יעדע דערשיינונג, און גיט אַכטונג אַז קיין איינציקער קנייטש און קיין איינציקער שטריך זאָל ניט פאַרלאָרן גיין. ער צייכנט קורץ, בצמצום, און דאָך באַשיינט ער דאָס פון אים געזעענע מיט זיין קינסטלערישקייט, מאָלערישקייט און דערציילערישקייט.

דער אמתדיקער רעאַליסטישער דערציילער דאַרף קיינמאָל ניט אויסטראַכטן די מיטלען און מכשירים ווי אַזוי אויסצופאַנטאַזירן און אויסשניצן דאָס וואָרט פון אמת און דעם זין פון לעבן און וועלט. דאָס לעבן גופא איז דאָס טייג פון וועלכן ער קנעט אוים די פיגורן און סיטואַציעס. דער רעאַליסט איז דאָס אויג וואָס דערזעט דאָס פּשוטע און

אומבאַדייטנדיקע, דעם קליינעם דעטאַל און פּרט, און שמידט עם אוים דורך זיין קינסטלערישן חוש אין טרייע לעבעדיקע בילדער מיט גאַר דעם טעמפּאָ און ריטם פון דער אַקטועלער ווירקלעכקייט.

אפרים אויערבאַך

אפרים אויערבאַך פאַרמאָגט אַ רייכע פּאָעטישע פאַנטאַזיע און ניכטערע שפּראַך פון וואָס ס׳ברויזט מיט עכאָדיקע קלאַנגען פונעם אַמאָליקן בעסאַראַביער שטעטל. זיינע לידער זיינען אָנגעפילוּוערט מיטן פייער פון כלערליי סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. ס׳פּילט זיך אין זיי דער אָטעם פון דער איצטיקער צעטריימלנדיקער צייט און זיין גאַנצן ווירוואַר. אַזוי איז זיין פּאָעמע „הערי שיעפּלן” אַ שאַרפע בילדער-אָפּשפּיגלונג פון דער יידישער איבערשמעלצונג אויף דער הי- גער ערד, מיט גאַר די ריסן, ברוכן און אָפּגעפרעמדקייט צווישן די עלטערן און זייערע אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער.

זיין פאַנטאַזיע קלעטערט ניט סתם צו ווייטע שווינדלדיקע רוימען און רעגנבויגנס פון אויסגעטראַכטע ווערטער. זיין דיכטונג איז כמעט תמיד דער פּועל יוצא פון דער אומהיימלעכער צייט, פון יידישע טראַגיק און אומוואַנדלונג; זיין טעמאַטיק איז דער תמציתדיקער תוך און תוכן פון יידישן מאָמענט אין דער דאָזיקער צייט.

אין זיינע לידער זיינען פאַראַן די עלעמענטן פון קלאָג און אוים- געריסנקייט ווי פון שיינער און ליכטיקער גליקזעליקייט. זיין טאָן איז פול מיט בענקשאַפט נאָך דעם היימישן און אַמאָליקן, פול מיט דער ראָמאַנטיק פון יידישן שטעטל, ווי ס׳איז, למשל, זיין געראָטענע פּאָעמע „דער ייד פון בערשאַד”.

אפרים אויערבאַך פאַרמאָגט אין זיך אַ סך רעליגיעזיטעט, און ערפאַר, משמעות, שעפּט ער זיינע מאָטיוון פון דעם לויטערן יידישן וואָל. הגם ער איז אין דער טעכניק ווי אין סטיל היפּשלעך מאָדערני- זירט, איז ער אָבער דער דיכטער פון דעם אויסגעוואָרצלטן יידן.

כ׳לייען אָפּט דערציילונגען, וואָס זיינען דוכט זיך גאַנץ גלאַטיק און ס׳פּילט זיך אין זיי אַ געניטע שרייבערישע האַנט, און דאָך פאַר-

בלייב איך תמיד גלייכגילטיק און אַפּט אפילו אַנטוישט. מיר איז תמיד שווער צו דערזען דעם געמאָלענעם טיף אין זיין אמתן קאָליר, און אָפּט איז מיר אפילו שווער אָנצוטאַפּן דעם עיקר קנופּ פון דער מעשה. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי ? האָט דער דערציילער פאַרפעלט צו געבן איינצלהייטן און פּרטים פון די פּאַסירונגען ? ניין, אַזאַ מאַנגל און קאַרגשאַפט איז דאָרטן ניט פאַראַן. פאַרקערט, ס'איז פאַראַן אַ צו גרויסע שפע, און אָט דאָס דאַזיקע מאַכט די דערציילונג פאַרנעפּלט און פאַרשאָטנט. די זאַצן זיינען אַן אַ מאָס באַלאָדן מיט אַ ים פון ווערטער, און גאָר די שיינקייט ווערט דערטרונקען אין אַ מבול פון איבריקע רייד.

דער טיף ווערט צוליב דעם ניט קלאָרער, ניט לעבעדיקער, נאָר עפּעס אַ מעכאַניש-צוגעטראַכט מענטשעלע אָן כאַראַקטער און אָן געדאַנק. זיינע פריידן און ליידן זיינען פּיקסירטע איינגעהילט אין קונציקער רעטאָריק, און זיי באַווירקן אונדז ניט, ניט אונדזער עמאָציע און ניט אונדזער כוח הדמיון.

דער טעות שטעקט דאָ דוקא אין זייער שרייבערישער גבורה איבערצוגעבן אַלץ וואָס זיי דערזעען מיטן אויג אָן וועלכע צוימונגען און מאָסן. ס'פעלט זיי די דיסציפּלינירטע שפּאָרעוודיקייט ניט צע־טרענצלען דעם טאַלאַנט אויף אומנוציקע רייד.

⁂

יעדער דיכטער האָט זיין וועלט-בילד, אָבער ניט יעדנס בילד שטייט אין אַ געפּאַסטער ראָם. יעדער דיכטער האָט אויך זיין אינ־סטרומענט דורך וועלכן ער לאָזט הערן זיין קול, אָבער ניט יעדער אינסטרומענט איז ריכטיק אָנגעטאָנט. דערפאַר איז איינעמס געזאַנג צאַרט, איידל און געשמאַק, און דעם אַנדערנס — גרילצנדיק און ליאַרמ־דיק. איינער האַלט אין האַנט אַ פידעלע, און דער אַנדערער — אַ קעסלפויק.

XIII

אַ פּאָעטיש געזאַנג איז דער גליענדיקער ריטם פון האַרץ, דער העכסטער אויסדרוק און יום טוב פונעם מענטשלעכן לעבן: ס'איז די צאַרטסטע סטרונע פון אונדזערע שענסטע און איידלסטע עמפּינדונגען. דער קוואַל פון די צעכוואַליעטע געפילן, דער אימפּולס פון אַלע אונ־דזערע פייערלעכקייטן ; ס'איז דער אָנזאָג פון חדוה און טרויער, פון

אויפגאַנג און אונטערגאַנג, פון בליאונג און פאַרוועלקונג, פון לעבן און טויט, פון גליק און טראַגישקייט.

אַ פּאַעטיש געזאַנג איז די כישופדיקע קאָמפּאַזיציע, דער שפּילעוו־דיקסטער וואָרט־געוועב, די האַרף דורך וועלכער דער מענטש גיסט אוים זיינע געלייטערטסטע עמאָציעס, שטימונגען און מעלאָדיעס, זיינע שטיל־טריפנדיקע און רוישיק־אויפברויזנדיקע טענער איבער נאַטור, ליבע, פרייהייט און קאַמף.

אַ גוט האַרמאָניש ליד האָט אין זיך דעם הייסן אָטעם, דעם זידיקן האַרץ־קלאַפּ, דעם וואולקאַנישן כוח און דינאַמיק, דעם פינקעלדיקן, צעפלאַקערטן פייער פון אַלע אונדזערע חלומות, האָפענונגען און גע־זאַנגען, וועלכע באַווירקן אונדז מיט שטורעמדיקער ליידנשאַפט.

אונטער די טענער פונעם ליד זיינען תפיסה־ווענט צעשמעטערט געוואָרן, באַריקאַדן אויפגעבויט און טיראַנען אומגעוואָרפן. עס איז דער שטאַרקסטער ווין וואָס פאַרשיכורט, דער פלאַטערנדיקער מאַסט־בוים פון נצחון, דער צער און פרייד פון אַ פאָלק, וואָס זינגט אוים אין דער אייביקער, ריזיקער טונקלקייט זיינע נאַציאָנאַלע האָפענונגען, זיינע אַספּיראַציעס און באַשטרעבונגען.

⁂

די גרענעץ צווישן עכטן הומאָר און סתם קאַטאַוועס טרייבעריי, איז אַן ענגער און שמאָלער, בלויז אַ פּאָר קליינע טריט ווייט, לייכט אים מיט דער מינדסטער ניט־פאָרזיכטיקייט אַריבערצושפּאַנען.

דער אמתער הומאָריסט פאַרמאָגט דעם איידעלן אינטואיטיוון באַוואוסטזיין צו באַלאַנסירן זיין פעדער, ווי דער קונצענמאַכער אויף די דראָטן, ניט צו פאַרלירן דעם נויטיקן גלייכגעוויכט. הומאָר וואָס איז געבויט אויף צוגעטראַכטע, פאַרשפּיצטע עפעקטן, איינפאַלן און המצאהלעך; הומאָר וואָס שאַפט אומגעלומפּערטע קאַריקאַטורן, אַזוינע וואָס זאָלן אויסזען פאַרחוזקט און אָנהאַלטן קונציקע חכמהלעך און וויצן, איז ניט קיין הומאָר אין קינסטלעכן זין נאָר פּשוטע אימי־טירטע שטיפעריי.

דער טאַלאַנטפולער הומאָריסט דאַרף ניט אָנקומען צו וואָלוועלע שפּאַסן, תנועות און שפּיצלעך. זיין הומאָר פליסט פון קוואַליקע גע־לייטערטע כוחות וואָס באַווירקן אים מיט פרישקייט און גייסטיקער

באַלאַדנקייט, מיט שאַרפער באַנעמונג און קלוגער אויפפאַסונג. דער עכטער הומאָריסט דערהערט קלאָר און שאַרף דעם פולס פונעם אָרו־מיקן לעבן און דערבליקט דעם סאַמע הינטערגרונט פון דער מענטש־לעכער נשמה מיט אַלע אירע קנייטשן און מגושמדיקייטן. אַט די אַלע טעותן און אומבאַהאָלפנקייטן אונדזערע מאָלט דער הומאָריסט אין זייער גאַנצער גייסטיקער נאַקעטקייט. ער חוזקט ניט פון אונדז, נאָר באַווייזט זיי שמייכלענדיק אין זיינע חנעוודיקע בילדער.

יוסף אָפּאַטאָשו

אָפּאַטאָשו האָט אַריינגעשפּרייזט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אימפּעטיקע טריט. און איבערגעלאָזן הינטער זיך דעם גאַנצן דור זיינעם.

אָפּאַטאָשו איז דער פיינער און רייפער קינסטלער פון שפּראַך, סטיל און פאָרם. אַ שפּילעוודיקע חנעוודיקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלע זיינע טיפּן, די מענטשן פון די פאַרגאַנגענע דורות. אָפּאַטאָשו פאַרגראָבט זיך אין די סאַמע טיפסטע וואָרצלען פון זייער מקור, און עס וואַקסן זיך פאַנאַנדער קרעפטיקע, פולבלוטיקע מענטשן וואָס לעבן און אָטעמען טיף.

דער גרעסטער ליטעראַרישער אויפטו זיינער, איז בלי ספק דער אַרויסגעבן מיט אַזאַ אינערלעכן ליכט און העל שאַרפע פאַרב דעם פוילישן יידן. די חסידישע וועלט, די יום־טובדיקייט און וואָכעדיקייט, איז פאַר אונדז געוועז אַן איבעראַשנדיקע רעוואָלוציע און קלאַסיש־נייע אין אונדזער שאַפונג.

אָפּאַטאָשו האָט אין זיין קליינער דערציילונג איבערגענומען די פאָרם פון דער פּאָפּולערער „שאָרט סטאָרי". אויך ער איז בצמצומדיק, קאַרג און שפּאָרעוודיק. דערפאַר אָבער איז ביי אים די קאַנווע אַ ברייטערע. זיין פענזל פאַרמאָגט כוח און פאַרנעם זיך אויסצוברייטערן און פאַרטיפן.

אָפּאַטאָשוס אויג איז שאַרף און קלאָר. ער דערזעט די סאַמע דינסטע ניואַנסן און מאָלט זיי זיכער און עקזאַקט אפילו אין זיין שפּאָ־רעוודיקייט ממש אַ רענדל אַ וואָרט, ליגט קינסטלערישע גבורה.

אַפּאַטאָשום וואָרט איז שטרענג דיסציפּלינירט, וואָרום אפילו אין דער צעשפּרייטקייט און צעגאַסנקייט איז פאַראַן הויך־קינסטלערישער ריטם. אָט אין דעם טאָקע ליגט אַפּאַטאָשום גרויסקייט, אין דער גבורה תמיד צו געפינען דעם פּאַסיקן אויסדרוק און ריכטיקע פאַרב. זיין כוח היצירה איז אָפט אזא אז ער קאָן ממש שאַפן אַ ייש מאין. אַמאָל איז עס מיט אַן אויסדרוק און אַמאָל בלויז מיט אַ דינעם שטריך פון אויס־טערלישער פאַרב.

אַפּאַטאָשו וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן איז מערער קינסטלער איידער דערציילער: תמיד מערער דער מייסטער און באַהערשער פון ווערטער און פאַרבן איידער דער שאַפער פון תוכן און אינהאַלט. פון אַ ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז אַפּאַטאָשו אוודאי דער גרעס־טער מייסטער.

אַפּאַטאָשום „ווען פוילן איז געפאַלן" איז אַ צוזאַמענקלויב פון קורצע דערציילונגען, וואָס שפּיגלען שאַרף אָפּ אַלע אונדזערע וואונדן און ליידן אין דער איצטיקער גרוליקער צייט. די קורץ געפאַסטע מלחמה בילדער זיינען דוקא רייך אין טראַגישע פּרטים, הגם דערביי ווערט אויפגעהאַלטן די פולסטע קינסטלערישע פאַרביקייט מיט וועלכער אַפּאַטאָשו צייכנט זיך אַזוי שטאַרק אויס.

די פּרטים זיינען דאָ די ציגל צום קינסטלערישן בנין, און יעדער פּרט איז דעריבער געשניצט און געשליפן, בצומצומדיק און ריטמיש, אָן אַן איבריקן וואָרט און אָן אַן איבריקן שטריך. אַפּאַטאָשו איז אפילו דאָ, אין דער מאַויימדיקער מהומה און פאַרוויסטונג, אויך דער שפּעדיקער מאָלער. אויך דאָ, אינעם מלחמה־בראַנד, איז ער דער גרויסער פּלאַסטיקער וואָס קנעט אויס אייגנאַרטיקע טיפּן, און באַלעבט זיי מיט זיין גייסטיקייט.

אַפּאַטאָשו איז אין זיין בוך געוואַלדיק דרייסט און געוואַגט. ער איז דאָ קינסטלער־רעאַליסט, וועמענס אויג פאַרמיידט ניט דאָס מינ־דעסטע פונעם צעריסענעם און צעפּייניקטן יידישן לעבן. ער אַנט־פּלעקט דאָס סאַמע סתירהדיקע אין דער מענטשלעכער פּסיכיק, דערזעט דעם גרעאַנגל צווישן מענטש און חיה און דעם גרעאַנגל צווישן יאוש און האָפענונג. מיר דערזעען דאָ גאָר די אכזריותדיקייט און ברוטאַליטעט מצד די באַדריקער, און צוזאַמען דערמיט באַוואונ־

דערן מיר די גבורה און מאָראַלישע אויסגעהאַלטנקייט מיט וועלכער די יידן נעמען אויף זייער אומקום-גורל.

דער גאַנצער בוך דערציילונגען איז אַ געראָטענער אויסוואַל פון דעם מין מלחמה ליטעראַטור, און איז דער סאַמע ערשטער פּרואוו קינסטלעריש צו פאַרצייכנען די סכנהדיקע כוואַליע פון יידישן אי-בערברוך און חורבן אין דער איצטיקער גרויליקער צייט.

ה. לייוויק

ה. לייוויק איז דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער פון די סיבירער קייטן-קלאַנגען. ער איז אָבער אויך דער ערנסטער ליריקער פון אומקום און אויפקום, דער דיכטער פון טיפע, גייסטרייכע אַקאָרדן און וואונ-דערבאַרע טענער. זיינע לידער, איבערהויפט זיין מאָנומענטאַל סים-באַליסטיש-מיסטישער „גולם”, זיינען דורכגעדרונגען מיט דער אוים-געפיינסטער וויזיאָנעריש-בונטאַרער קעמפערישקייט. אין זיי דער-פילט זיך די אויסגעאיידלטע קדושה, די ציטערדיקע בענקשאַפט נאָך גאולה און אחדות.

לייוויק איז דער ברויזנדיקער דיכטער וועמענס רעיון איז פול מיט אידעאישקייט, פול מיט רעוואָלוציאָנערן שטורעם, און דאָך איז ער אָפט צניעותדיק און בנעימותדיק פאַרטראַכט.

לייוויק איז באַשאָנקען מיט אַ ברייטער נשמה, און זי איז עם די נאָרונג, דער אומדערשעפּלעכער קוואַל פון וועלכער ער ציט זיין יניקה.

לייוויק שטרעקט זיך אָפט בלויז צום זון-אונטערגאַנג, צו דער פינצטערער נאַכט וואָס איז פאַרכמאַרעט און באַוואָלקנט. בלויז אַמאָל שלאָגט ער זיך אָן אין דער דערוואַרטונג פונעם ליכטיקן מאָרגן.

לייוויקס לידער פון גרויל און ספקות זיינען אַ צוריקקער צום אָנהייב פון זיין שאַפן. דענסטמאָל איז ער געווען דער דיכטער פון אומקום און סיבירישער פּראַסטיקייט ער האָט אין ערגעץ ניט געזען קיין ליכט-שטראַל, נאָר טאַפּנדיקע פינצטערניש.

אוודאי איז לייוויק ניט מכוון אַרויסצורופן ביים לייענער רעזיג-נאַציע און פחד, אָבער זיינע איצטיקע גרויל-לידער דריקן דעם געמיט, פייניקן ס'האַרץ.

יידן האָבן געהאַט אַ סך מקוננים, אַ סך ירמיהוס וואָס האָבן גע־קלאָגט אויפֿן יידישן חורבן, אָבער אין זייער גרויליקייט האָט זיך ניט געפֿילט קיין ספֿקות און אוודאי ניט קיין רעזיגנאַציע. אין יעדער איכה און אין יעדער קינה איז פֿאַראַן אַ טאָן פֿון בטחון, אַ טאָן פֿון אָנקומענ־דיקער גאולה אַ בשורה פֿון נאָענטער דערלייזונג.

דער דיכטער וואָס טראָגט אויף זיך די אחריות פֿון זיין פֿאָלק, ווערט קיינמאָל ניט באַווירקט פֿון דער רעכטלאָזיקייט און דערשלאָגנ־קייט, פֿון דער ספֿקות און יאוש. ער פֿאַרבלייבט תמיד דער אויפֿמונ־טערער, דער וואָס צינדט אָן אַלע גייסטיקע ליכט און פֿאַרבינדט זיי אין איין גרויסן, פֿלאַמענדיקן פֿייער. אין די סאַמע שווערסטע שעהן, אין די סאַמע פֿאַרנעפּלדיקע מינוטן, באַלעבט ער די באַהאַלטענע און פּאָטענציעלע כוחות פֿון זיין פֿאָלק. מיט זיין פּאָעטישן חוש דער־שפּירט ער דעם שורש און יסוד פֿונעם פֿאָלקס קיום, און באַפֿרוכפּערט אים און פֿאַרכישופֿט אים מיט די קלאַנגען פֿון זיין טרייסטנדיקן געזאַנג.

***

דער אמת גרויסער שעפֿערישער גייסט ווירקט אין זיין סביבה און פֿאַרצווייגט זיך פֿון דאָרטן איבער דער גאָרער וועלט.

דער אמתער קינסטלער געהערט דער גאַנצער וועלט. ער איז דער מאָנער און עטישער כוח פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. ער לערנט און ווייזט די וועגן צו נייע גייסטיקע ליכטיקייטן.

***

אַ קינסטלערישע דערציילונג טאָר זיך ניט פֿלאָנטערן אין רעשיקע קאָנפֿליקטן און אין געקינצלטע סענטימענטאַלע סימבאָלן. די געשיל־דערטע טיפּן טאָרן ניט האַנדלען מעלאָדראַמאַטיש, הפֿקרדיק און באַ־רעדעוודיק. זיי מוזן קודם כל האָבן אַ סביבה און הינטערגרונט, מוזן זיין גוט דורכגעטראַכט, טיף דורכגעלעבט און געצייכנט מיט איינגע־האַלטנקייט און קאָנצענטרירטקייט. דער צוגאַנג מוז זיין שטיל און איידל, און די רייד — קאַרגלעך און אָפּגעשלאָסן.

דורך אַ פּאָר געציילטע שורות מוזן מיר זיין בכוח צו זען אַ בילד

און סצענקע פון מענטשלעכער איבערלעבונג, פון געפייניקטע פאַר־לאַנגען, פון פריידיקע רגעם און איבערגעלעבטן גליק.

יעדעס בילד מוז אָטעמען מיטן הויך פון געזונטן לעבן, פון גע־מיטלעכן רעאַליזם, פון אינעווייניקסטן געפיל.

XIV

אַ סך פון אונדזערע מאָדערנע יידישע קינסטלער האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט אונדזערע אַלט יידישע קולטור־אוצרות. ביבלישע מאָטיוון, תלמודישע פיגורן און געשיכטלעכע העלדן זיינען איצטער די טעמעס אויף וועלכע גאָר אַ סך ווערק ווערן געשאַפן. ס׳איז שיער־שיער ניט געוואָרן אַ מין מאָדע פאַרכאַפּטקייט פון וואָס קיינער וויל ניט אויסגעשלאָסן ווערן.

ניט תמיד אָבער באַרייכערט עס דעם קינסטלערישן וואוקס אין אונדזער ליטעראַטור. אַ סך געברויכן דעם ביבלישן מאָטיוו פּשוט דער־פאַר ווייל זייער קינסטלערישער כוח איז אַ קליינער און באַגרענעצטער, ווייל זיי ליידן פון גרוים דחקות אין אייגענע אָריגינעלע טעמעס. דעם ביבלישן העלד נוצן זיי אוים ווי אַ פאַרפאַרטיגטן און צוגעגרייטן כאַ־ראַקטער אויף וועלכן זיי דאַרפן קינסטלעריש מער ניט האָרעווען. עס איז אַ מין קונציקער געצייג און מעכאַנישער מיטל דערויף זיך אָן מי אָנצושפּאָרן.

דער אמתער קינסטלער וואָס פאַרמאָגט טאַקע אַ סך וויזיע, שוואונג און סטיליסטישע גבורה, דערהויבט זיך צו דער אמתער הויכ־קייט פון דער ביבלישער פיגור און באַהערשט זי מיט אַלע זיינע אברים. אַזאַ קרעפטיקער דיכטער, למשל, איז געווען אברהם ליעסין. ער האָט אין זיינע ביבלישע טעמעס אַריינגעהויכט קינסטלערישע העראָאיזמען, פילפאַרביקע און פולגעשטאַלטיקע יידישע גבורים, און אַרויסגעבראַכט מיט אמת קינסטלערישער שיינקייט די מסירת נפש־דיקייט פון אונדזערע קדושים און מאַרטירער.

די אַמביציעזע שרייבער אָבער, די וואָס האָבן בלויז דעם ווילן זיך צו פוצן מיט די קרוינען פון אונדזער העראָאישער געשיכטע אָבער פאַרמאָגן ניט דערצו די פּאָטענציעלע כוחות, די האָבן אונדזערע פּאַט־ריאַרכן און העלדן דערנידעריקט און פאַרפלאַכט. זיי האָבן אונדזערע

גייסטיקע ריזן אַראָפּגעשלעפּט פון כסא הכבוד, און פאַרוואָרפן אין תהום פון זייער אייגענער עם הארצישקייט.

צו שרייבן איבער היסטאָרישע פיגורן, מוז מען קודם כל אליין זיין אַזאַ פיגור, אליין זיך דורכדרינגען מיט יעדן דעטאַל פון יענער תקופה, קענען געגוי דעם דענסטמאָלדיקן לעבן, וויסן דעם אוצר פון לעגענדן און מעשיות, זיין אַ מלומד און פאָרשער, פאַרמאָגן אַ שאַרפע תפיסה און טיפע בקיאות, און ועל כולם, מוז מען טאַקע זיין דער אמתער גאָט געבענטשטער פיינפילנדיקער קינסטלער.

אַ שרייבער וואָס רירט זיך צו צו היסטאָרישע פיגורן און פּאַסי־רונגען, מוז פריער בטבע זיין אַ היסטאָריקער וואָס זאָל זיך מיט די אייגענע כוחות קענען גריבלען אין פאַקטן און אין לעגענדן, פאַנאַנ־דערטיילן דאָס רעאַלע פונעם ראָמאַנטישן, דערפאָרשן דעם אמת און דעם שקר, און ערשט דערנאָך דאָס דערפאָרשטע און צונויפגעקליבענע אויפדאָסניי באַלעבן מיט קינסטלערישער יצירה.

אָן דעם דאָזיקן נויטיקן צוגאַנג איז אַ היסטאָרישע באַאַרבעטונג טאַקע ניט מערער ווי אַ באַאַרבעטונג אָדער אפשר בלויז אַ פּוסטע איבערחזרונג, וואָס איז אָפּנאַרעריי און פאַלשקייט. דערפאַר אפשר זיינען די פילע היסטאָרישע ראָמאַנען וואָס מען דרוקט כסדר אין די ניו־יאָרקער צייטונגען ניט קיין קינסטלערישע דערגרייכונגען, נאָר פאַרבלאַסטע און אַטראָפּירטע אימיטאַציעס געמאַכט דילעטאַנטיש אָן אַ שמץ טאַלאַנט אָדער וויסן.

***

מיר האָבן צווישן אונדז אַ סך שרייבער וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג צוריק געשמט ווי וואַקסנדיקע טאַלאַנטן, און דאָך זיינען זיי גאָר גיך פאַרשוואונדן פון דער ליטעראַרישער אַרענאַ. זיי זיינען געקומען, אויסגעזונגען זייער ליד, אָפּדערציילט זייער מעשה, און אָפּגעטויט געוואָרן אין זייער אייגן אָנגעצונדענעם פייער. אַ סך פון זיי דרייען זיך נאָך אַרום אין די ליטעראַרישע קאַפּייען, היצן זיך נאָך איבער שפּראַך און סטיל, אָבער קיין שעפערישקייט פאַרמאָגן זיי שוין מער ניט, זיי לעבן מיטן נעכטן, מיט דעם סאָציאַלן לעבנס־באַדינג וואָס האָט זיי דענסטמאָל באַווירקט און אָנגערעגט.

זיי קענען מער ניט מיטגיין מיטן לעבנס־אימפּעט פונעם היינט, און זייערע טריט זיינען דעריבער שליאָבערדיק. דער כוח און גבורה

פון שאפן האט זיך ביי זיי אפגעטאן, און איבערגעלאזן בלויז א צאנ־קענדיקן ניצוץ, א פונק בלויז וואס קאן מער ניט צינדן און לויכטן.

פארוואס זשע אזוי? וואס זיינען די סיבות וואס האבן דערצו גורם געווען?

דער תירוץ איז:

ס'האט געפעלט רחבותדיקייט, שטח און פעריפעריע אין וועלכער מען זאל קענען פריי אטעמען און אויסברייטערן די לונגען. דער שטח פון גייסטיקער באווירקונג איז געווען א באגרענעצטער, א דלד אמות־דיקער, און די אילוזיע א פארבלייכטע און פארעלטערטע.

***

די קינסטלערישע אויפגאבן פונעם שריפטשטעלער זיינען תמיד צו געבן דאס וואס ער דערזעט און דערשפירט מיט זיין וויזיע, דאס וואס איז דער עיקר אין זיין קינסטלערישן פארמעסט און הויך פון זיין שע־פערישן שוואונג.

דער קינסטלערישער שריפטשטעלער איז קיינמאל ניט קיין באַ־זינגער פון א באשטימטן קרייז אדער גרופע, און ווייסט ניט פון פארטיי, שיטה אדער אידייע. זיין שאפונג איז אין תוך. און אין עצם וועזן דורכאוים אידייע, און ער, דער שאפער, איז דער אידייען־טרעגער און אויפברויזער. ער ווערט ניט באוועגט פון אנדערע, נאר באוועגט און באווירקט מיט זיין שעפערישן כוח.

דער אמתער קינסטלער איז ניט קיין הויף־פאעט, וואס זינגט וועדליג דעם אנזאג פון הערשער און רעגירער. ער ווערט ניט דאמי־נירט און אויך ניט באאיינפלוסט; ער איז תמיד דער אריגינעלער מייסטער פונעם געדאנק און בליציקן זאג; ער איז דער אנטפלעקער פון זיינע אייגענע דערפארונגען און איבערלעבונגען, און דורך דער אייגענער זעלבסט־דערקענטניש און זעלבסט־אנטפלעקונג, אנטדעקט ער אויך די מיסטעריעז און געראנגלען פון מענטשלעכן געדאנק.

XV

אונדזערע בעלעטריסטן גיבן זיך על פי רוב אפ מיט דער סקיצע און קורצער דערציילונג. די נאוועלע און ראמאן וואס געפינט זיך אי־אזא גרויסער שפע אין די וועלט־ליטעראטורן, איז נאך לעת עתה ביי

אונדז ניט בנמצא. בערגעלסאָן, אָפּאַטאָשו, אַש און נאָך אַ פּאָר גע־צײלטע האָבן יאָ דעם ראָמאַן אַרײנגעפֿירט אין אונדזער ליטעראַטור בדרך כלל אָבער איז דער ליטעראַריש־קינסטלערישער ראָמאַן בײַ אונדז נאָך אַ גרויסע זעלטנהייט.

אפילו אַש האָט אין אַ סך פֿון זײַנע ראָמאַנען באמת געגעבן בלויז אַ רײע דערצײלונגען, וואָס האָבן צווישן זיך כמעט גאָר קײן פֿאַר־בינדונג ניט. נעמען מיר, למשל, זײַן לענגערן ראָמאַן „די מוטער", זײַנען דאָרטן די קאַפּיטלעך אָן וועלכן שייכות אײנער מיט די אַנדערע און מען וואָלט עם גאַנץ ווייניק אָנגעמערקט אויב זיי וואָלטן דאָרטן ניט געווען. אוודאי איז אַש אַ גרויסער קינסטלער, אָבער אין אַ צאָל פֿון זײַנע ראָמאַנען פֿעלט פּשוט אוים די טעכנישע שלמותדיקייט. דעם אײנציקן וואָס איז אפשר געלונגען אַ גוט־געפֿאָרמירטן ראָמאַן אין וועלכן דער הויפּט מאָטיוו בינדט זיך צונויף אין אײן קינסטלערישער גאַנצקייט, איז בערגעלסאָן.

***

די ליטעראַרישע ווערק פֿון אַ דרײַ־פֿיר צענדליגג יאָר צוריק, וועלכע האָבן אַלע געמאָלן דאָס היימישע שטעטל און דעם היימישן לעבנס־שטייגער, זײַנען איצטער מער ניט דער פּאַסנדיקער לייען־מאַ־טעריאַל. יענער אָרט לעבנס־שטייגער איז דעם אַמעריקאַנער דער־צויגענעם לגמרי פֿרעמד, און ער זעט די געמאָלענע בילדער בלויז ווי דורך אַ שלייער.

אוודאי זײַנען מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם געווען גרויסע קינסטלער פֿון וואָרט, אָבער אויף דעם הי־געבוירענעם וואָס האָט זיך אויפֿגעהאָדעוועט אויף דער פֿרייער ערד און אײַנגעאָטעמט די פֿרייע לופֿט פֿון דער פֿרייער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, מאַכן זיי מער קיין אײַנדרוק ניט. וואָס פֿאַר אַ ליטעראַרישן געגום קאָן אַזוינער האָבן ווען ער לייענט „פּישקע דער קרומער?" דער נע־ונד און הקדש לעבן פֿון יענע פֿאַרוואָרלאָזטע מענטשן, קוקט בײַ אים אוים ווי עפּעס אויסטער־ליש. אַזוי ווערט פֿאַר אים אויך זײַן אומפֿאַרשטענדלעך פּרצעס חסידישע מעשהלעך, ווײַל הגם זיי זײַנען אַנטנומען פֿון אַלטן ייִדיש־גײַסטיקן קוואַל, וואָרצלען זיי אָבער ניט אין דעם היגן ייִדישן לעבן.

צוליב דער זעלבער סיבה קענען אויך אַ סך פֿון שלום עליכמס טיפּן ניט אויפֿגענומען ווערן. אַזאַ טיפּ ווי מנחם מענדל קאָן בײַם אַמע־

ריקאנער יונגן לייענער ניט ארויסרופן דעם זעלבן תענוג ווי ביי אונדז אימיגראנטן. זיי איז אונדזער גלות־פסיכאלאגיע פרעמד, און אוודאי איז זיי דערווידער דער היימישער לופט־מענטש.

אט די דאזיקע שאפונגען זיינען, אייגנטלעך, דער אפשלום פון א געוויסער תקופה אין אונדזער לעבן, און האבן בלויז א היסטארישן און קינסטלערישן באדייט. פאר אונדזער יוגנט אבער, אויב אזא איז באמת פאראן, דארף מען שאפן א נייע יידישע ליטעראטור, ווערק אין וועלכע ס׳זאל זיך געניי אפשפיגלען דער שטראם און שטייגער פונעם יידישן ישוב דא. אפאטאשו, איגנאטאוו, קאברין און עטלעכע אנדערע האבן שוין אזעלכע ווערק געשאפן. אויך שלום אש האט אויפגענומען דאס אמעריקאנער לעבן אין זיין „אנקל מאזעס", אבער דאס אלץ איז בלויז א גוטער אנהויב וואס מ׳מוז ווייטער ממשיך זיין.

***

די קלאסישע ליטעראטור שפיגלט אפ ניט בלויז די ליידן און האפענונגען, די ראנגלענישן און דערגרייכונגען, פונעם אייגענעם פאלק, נאר איז אויך דער אחדות־שנור, די ליכט אנטפלעקונג און ברכה, וואס באניים און פארשטארקט די שעפערישע כוחות פון דער גארער וועלט. זי איז דער צאפלדיקער אבר פון די מענטשלעכע געדאנקען, די דער־וואכטע אויפלעבונג און באנייטער וועג פון כלערליי שפינונגען און געוועבן, דער מקור פון יעדער גייסטיקער שפירונג, דער ניואנס פון יעדער זוכעניש, וואס פארבינדט און פארקניפט אין זיך גאר די מענטש־לעכע וואנדלענישן, די עטישע און עסטעטישע קריסטאליזירונג פון יעדן מאטיוו.

***

די יידישע ליטעראטור האט שוין ביים אנהויב באוויזן ארויסצו־ברענגען בולט איר אייגנארטיקן מהות; שוין ביים בראשית האט די יידישע ליטעראטור זיך פארוועבט אין איר אייגענער מעטאדיק און טעכניק פון שפראכלעכער חנעוודיקייט. דערפאר אבער האט זי גלייך פון אנהויב אויך אויפגעכאפט די שארפע פארבן פון אוניווערסאליזם. די יידישע ליטעראטור האט שלימותדיק תופס געווען דעם יידישן טראגיזם און חורבן, אבער אירע פערספעקטיוון זיינען געווען וועלט־לעכע, ווייט איבער די גרענעצן פון דער ענג־יידישער סביבה. ניט

וועלנדיק, משמעות, זיין יידיש־טענדעציעז, האָט די יידישע ליטעראַ־טור זיך פֿאַרנומען, איבער אירע כוחות, פֿאַנאַנדערצוווייגן די אַזוי גע־רופֿענע פֿאַרדעקטע און פֿאַרשלייערטע אמתן און אַזוי אַרום געוואָרן אַ געמיש פֿון אייגנטלעכן יידיש און ברייט־וועלטלעכקייט.

אויפֿן אָרט פֿון דורכאויסיקן און אייגנטלעכן יידיש, וואָס וואָלט, אגב, געווען מער נאַטירלעך און וואָלט שטאַרקער געצויגן דעם פֿאָדעם פֿון אונדזער לאַנג־דורותדיקן שעפֿערישן המשך, איז די ליטעראַטור פֿון סאַמע אָנהויב אָן אַוועק אויפֿן וועג פֿון הוילער עטישער אידייאיש־קייט און קינסטלערישקייט. אין פֿאָרם איז זי, אייגנטלעך, פֿאַרבליבן יידיש־אייגנאַרטיק, אָבער אין תוכן ווי אין איר גאַנצן מהות איז זי געווען, און איז נאָך ביז היינטיקן טאָג, מער סאָציאַל און אוניווערסאַל.

די אייגנאַרטיקייט אירע ליגט אפֿשר מער פֿון אַלץ אינעם וואונ־דער, וואָס ביים סאַמע בראשית האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שפֿע פֿון קינסטלער און קינסטלערישקייט. מענדעלע האָט דערביי מער ווי אַלע פֿאָרמירט די אייגנאַרטיקע געשטאַלטקייט פֿון דער יידישער ליטעראַ־טור. ער איז געווען ספּעציפֿיש יידיש, און דאָך אוניווערסאַל אין די הויפּט פּרטים. דערפֿאַר, אפֿשר, זיין שטראָמיקע איראָניע און ביטערע גאַליקייט וואָס האָט געשניטן ווי מיט אַ שאַרפֿן חלף.

***

פּרץ האָט זיין טעמאַטיק גענומען פֿון דער יידישער לעגענדע. די גרונט־פֿאַרב און דער לייטמאָטיוו, איז דער פּסיכאָלאָגישער און יידישער באַוואוסטזיין. די כסדרדיקע שטייגערונג און וואָגיקע מיסטיק, איז דורכאויס אַ נאַציאָנאַלע. דערפֿאַר אָבער איז זיין טאָן און נטיה, דער הויך און סוביעקטיווּיטעט, דורכאויס אוניווערסאַל. ווידעראַמאָל די וועלטלעכע פּערספּעקטיוון.

שלום עליכמס הומאָר באַוועגט זיך אַרום דעם יידישן שטייגער, אַרום די יידישע נויט און באַדנלאָזיקייט. מנחם מענדיל, טוביה דער מילכיקער און מאָטל פּייסי דעם חזנס ריידן זיך אָפּ פֿון די הערצער, חוזקן אָפּ פֿון זייער טראַגישער אומבאַהאָלפֿנקייט, און דאָס דאָזיקע איז שוין ווידעראַמאָל ניט דווקא יידישער פּראָטעסט נאָר נויט־פּראָטעסט בכלל, וואָס איז ברייט ווי די גאָרע וועלט און טיף ווי די גאָרע מענטשהייט.

שלום אַשעס ווערק זיינען דורכגעדרינגען מיט ייִדישע מאָטיוון און טענער. זיינע טיפן זיינען אַלע פאַרוואָרצלט אינעם ייִדישן באָדן און דורכגעוועבט מיט ייִדישן עפּאָס, אָבער אין אַלע זיינע קינסטלערישע פאַרמעסטונגען רייסט ער זיך מיט עקסטרעמער תמימותדיקייט צו די דרויסנדיקע וועלט־שליאַכן.

רייזענס קורצע דערציילונגען וועלכע זיינען כמעט אַלע סקיצירט מיט ייִדישע פאַרשוינען און סביבה, פאַרמאָגן אויך דורכאויס אַ ריין אוניווערסאַל־מענטשלעכן טאָן. זיינע געשילדערטע ייִדן ליידן ניט דוקא ווי ייִדן, נאָר ווי מענטשן. אפילו זיין הומאָר, וואָס גיסט זיך אַזוי האַרמאָניש צונויף מיט זיינע ייִדיש־פאָלקסטימלעכע טיפּן, איז אויך אַ ריין־אוניווערסאַלער.

אויך בערגעלסאָן האָט געמאָלן דעם ייִדישן לעבן, אָבער אין דעם ייִדישן געראַנגל איז פאַראַן מער דרויסנדיקער קנייטש, מער וועלט־לעכער פאַרנעם און מער סאָציאַלע פּראָבלעמאַטיק.

אָפּאַטאָשו איז אפשר דער איינציקער צווישן די קלאַסיקער, וואָס איז אויסגעהאַלטן ייִדיש. ער אפשר מער ווי אַלע אַנדערע איז רייך־פאַרביק מיט דורכאויסיקן ייִדיש לעבן. איך וואָלט זאָגן, אַז אפילו זיין סטיל איז אַ מער ייִדישער. אמת, אַז אויך ער מאָלט די דרויסנדיקע וועלט, אָבער ביי אים איז עס בלויז ספער און סביבה; דער גרונט־מאָטיוו אָבער איז תמיד ריין ייִדיש.

שמריהו גאָרעליק

שמריהו גאָרעליק איז געווען איינער פון אונדזערע גאָר ערשטע קריטיקער, און אַזוי אַרום געווען דער ווירקנדיקער כוח אין דער ייִדי־שער שאַפונג. ער איז געווען דער וואָס האָט האַרציק אויפגענומען אונדזערע ערשטע קלאַסיקער, און אויסגעפּורעמט די בולטע פיגורן פון כמעט אַלע אונדזערע עלטערע שאַפער אין ייִדיש.

גאָרעליק האָט פאַרמאָגט אַ וועלט מיט ליבשאַפט צום ייִדישן שאַפער, און דאָס דאַזיקע איז אפשר געווען זיין גרעסטע מעלה. די ליבשאַפט האָט אים ניט פאַרפירט, נאָר, פאַרקערט, אים געגעבן אומ־באַגרענעצטן כוח אַריינצובליקן טיף אינעם געשאַפענעם און אַרויסצו־

ברענגען אין דעטאַל יעדע תנועה, יעדן טאָן און יעדן קלאַנג. זיין אַנאַליטיק איז גרינטלעך, און זוכט תמיד צו דערטאַפּן דעם תוך און תוכן.

כ׳לייען אָפּט לידער וואָס זיינען געדיכט באַשפּרינקלט מיט פּינ־טעלעך. יעדער פּערז אָדער שורה איז באַגלייט מיט אַ ים פון פּינטעלעך. אַזעלכע לידער לייען איך מיט גרויס כונה, שטרענג זיך אָן תופס צו זיין דעם רעיון אָדער רמז וואָס ליגט באַהאַלטן אין די פּינטעלעך, אָבער תמיד איז מיין טרחה אָן אומזיסטע.

דער אמת, מיין איך, איז, אַז די פּינטעלעך אַנטהאַלטן קיין שום הינטערגעדאַנק און זיינען גאַרניט מחדש. גיכער איז עס אַ מין פלינקע אַקראָבאַטיק, אַ מין דילעטאַנטישער קנייטש, וואָס זוכט אָנצעווייזן אויף טיפזיניקייט. די פּינטעלעך בלענדן בלויז פאַרן אויג, אָבער אין דער אמתן פאַרבלענדן זיי גאָר דעם מוח.

אין אַ ליד וואָס בליצט און גליט מיט דיכטערישער פאַנטאַזיע, זיינען אפשר די פּינטעלעך דערלויבט. ס׳גיט דעם לייענער אַ מעגלעכ־קייט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ רגע און טועם־טעם זיין פון דער דיכטע־רישער אָנגעלאָדנקייט. פּרץ האָט אין זיינע לידער אַ היפּש ביסל פּינ־טעלעך, זיינען זיי עכטע און נויטיקע; זיי זיינען געדאַנקלעכע בינים אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט. אין זיינע פּינטעלעך איז פאַראַן הינטער־גרונט און הינטערגעדאַנק, צילבאַוואוסטקייט און צענטראַלע שטייגע־רונג, און זיי אַנטפּלעקן קלאָרער און בולטער דעם עצם מהות פונעם דיכטער און וויזיאָנער.

XVI

יידישע קלאַסיקער האָבן ווייט ניט דעם זעלבן גורל ווי קלאַסיקער אין אַנדערע ליטעראַטורן, האָבן ניט דעם סאָלידן אַנשפּאַר און אוודאי ניט דעם בכבודיקן פאַרנעם און אָנזעעוודיקייט. דעם היינטיקן וועלט־לעכן יידן זיינען די קלאַסיקער לגמרי פרעמד, און זיין באַציאונג איז דעריבער בלויז אַן אַבסטראַקטע פאַרגעטערונג.

איז עס ניט דערפאַר וואָס דער היינטיקער לייענער פאַרמאָגט אַ העכערן ניוואָ און בעסערן געשמאַק, נאָר דערפאַר וואָס דער יידישער לעבנס־שטייגער האָט זיך אַזוי ראַדיקאַל געענדערט לרעה. דער יידי־

THE CHICAGO PUBLIC LIBRARY

שער לייענער האָט אין די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר דורכגעמאַכט אַזעלכע אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע ענדערונגען, אַז מענדעלעס מוסר און פרצעס מיסטיק איז פאַר אים בלויז אַן אָפּקלאַנג פון אַן אַלטער אָפּגעלעבטער צייט.

אַנדערש איז עס מיט די ניט־יידישע ליטעראַטורן. דאָרטן האָט זיך דער געשילדערטער לעבן אין זיין עצם און תוכן ווייניק געענדערט. זייערע געצייכנטע מענטשן האָבן און שטייען נאָך אַלץ אויף דער זעלבער ערד, און זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער איינשטעל איז איצטער כמעט דער זעלבער ווי אַמאָל.

⁂

פּאַטאָס וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך דער דערהויבונג פונעם וואָרט־אויסדרוק און שאַרף רעאַליסטישע אילוסטראַציע־מעטאָדן, איז אַ וויכטיקער קינסטלערישער עלעמענט; ער איז דער שאַרף־געטראַנק און קוואַליקער וואַסערפאַל צו קענען פולבלוטיק מאָלן סיי דעם רעאַלן לעבן און סיי דעם מיסטישן סימבאָליזם.

⁂

גאַנץ אָפט טרעפט אַז אַ קינסטלעריש ווערק ווערט לכתחילה אויפגענומען קאַלט, און ערשט שפּעטער ווערט עס אונדז נאָענט צום האַרצן. עפּעס ווי אַ בליץ וואָלט העל אַ לויכט געטאָן מיט אַ גרויס פאַרביק ליכט. פאַרוואָס אַזוי ?

י ש ר א ל ש ט ע ר ן

ישראל שטערן איז אוודאי געווען אַן אַנגעזעענער פאַרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. זיינע עסייען איבער ליטע־ראַטור זיינען בלי ספק אַ וויכטיקער ביישטאַג, און דערצו איז ער אויך באַקאַנט ווי אַ דיכטערישער כוח אין דער יונגער יידישער פּאָעזיע.

שטערנס דיכטערישע געשטאַלטקייט, איז די ערנסטקייט, טיפ־קייט און פולקייט. זיין ראָל אין דער פּאָעזיע, איז די וויזיע וואַריאירט אין כלערליי ניואַנסן. זיין קול איז פריי פון וואָכנדיקן גערויש, און זיין געזאַנג קוואַלט דורכאויס פון אייגענעם וועזן. אין די געציילטע לידער

אין וועלכע ער באַרירט יאָ דאָס שווער-פּראָבלעמאַטישע פון היינטיקן דור, איז ער אויך אַליין דער געפּייניקטער און געקרייציקטער.

שטערן האָט פאַרמאָגט אַ שעפערישע מיסיע, וואָס האָט זיך כסדר געראַנגלט מיט דער אייגענער קאָמפּליצירטקייט, אייגענעם יאוש און מרה שחורה. עפּעס ווי דער אונטערבאַוואוסטזיין וואָלט אים תמיד געהאַט אונטערגעזאָגט דעם טראַגישן גורל זיינעם הינטער די דיקע ווענט פון וואַרשעווער געטאָ.

אַ קינסטלערישע ווערק ענטהאַלט תמיד די רעיונות, חלומות און געראַנגלענישן פון דעם שאַפערס אייגענעם גייסט. אינעם דאַזיקן ווערק ווערט דער קינסטלער קיינמאָל ניט פאַרלאָרן; ער מאַנעווורירט בלויז מיט דער פאָרם און טעכניק, וואַנדערט אַריבער פון איין אָביעקט צום אַנדערן, אָבער תמיד בלייבט אין דעם אַלעמען ענג צונויפגעבונדן די אייגענע גייסטקייט און די אייגענע געשטאַלטקייט.

***

די אמת גרויסע שאַפונג האָט ברייטע לונגען מיט אַ לאַנגן אָטעם, דעם הייסן בלוט-לויף פון אַ געזונטן גוף וואָס איז תמיד פריש-קוואַליק און קריסטאַל-ריין.

***

די אמת גרויסע שאַפונג איז קיינמאָל ניט אונטערוואָרפן דעם געזעץ פון אַלטקייט; זי פאַרבלייבט תמיד יונג, פריש און אין איר דערהויבענער שיינקייט.

***

וואָס פאַר אַ ווערק האָט אַ מער קינסטלערישע וואָגיקייט: דאָס רעאַליסטישע אָדער ראָמאַנטישע? דאָס ווערק וואָס איז דורכאויס פיקציע אָדער דאָס ווערק וואָס איז שטרענג רעאַל?

אויף דער דאָזיקער האַרבער קשיה איז, אייגנטלעך, שווער צו ענטפערן, וואָרן באמת איז ניט דער עלעמענט פון פאַנטאַסטישקייט און רעאַליזם דער קניפּ צו מעסטן די גרויסקייט פון אַ ווערק. רעאַליזם און פאַנטאַזיע פּונקט ווי סימבאָליזם און דעקאַדענץ, זיינען אייגנטלעך בלויז שאַפונגס-פאָרמען; זיי זיינען בלויז געצייג-מיטלען וואָס צע-מענטירן די איינצעלנע טיילן אין איין גרויסן גוף.

***

וואָס פאַר אַ פאָרם דער שאַפער זאָל ניט באַנוצן, איז דאָס ווערק אָפּהענגיק בלויז אין דעם קינסטלערישן אָטעם און דינאַמיק. דער טראָפּ דאַרף תמיד געשטעלט ווערן אויף די קינסטלערישע שפּירונגען, אויפן אינהאַלט און טעמפּאָ, וואָס ווערן אין ווערק אידייאיש פאַרוואָרצלט און דורכגעלייטערט.

XVII

דער עלעמענט פון ליבע און עראָטיק, שטאַרקע ליידנשאַפטלעכע קאָנפליקטן און תאוהדיקע געשלעכט-אויפברויזונגען, ווערט אין דער יידישער ליטעראַטור אויסגעמיטן. די עראָטיק, וואָס איז אין דער וועלט-ליטעראַטור דער פאַרצווייגסטער און עיקרדיקער אופן פון אַרויסברענגען די קאַמפן פון צעפלאַמטע מענטשלעכע גופים, ווערט ביי אונדז פּאַקטיש ניט באַנוצט ווי אַ מאָטיוו און הינטערגרונט. אפילו דער נאַטור-עלעמענט, די שיינע בלענדיקע לאַנדשאַפטן, ווערט ווייניק וואָס אויסגענוצט.

אונדזער יידישע ליטעראַטור איז נאָך איצטער על פי רוב אַ סאָציאַל-עטישע, און גיט זיך הויפּטזעכלעך אָפּ מיט דעם אייגנאַרטיקן יידישן לעבן מיט דעם שווערן גורל פון אונדזער פאָלק, מיט די היסטאָריש-געשיכטלעכע עפּיזאָדן און געשעענישן. מיט די יידישע האָפענונגען און שטרעמונגען.

אונדזער ליטעראַטור איז דורכגעדרונגען מיט בילדער און שילדערונגען פון דעם יידישן פאַמיליען-לעבן, מיט דער אָרעמער קעלער-שטוב. די גייסטיק אינערלעכע קערנדיקייט, די פּסיכאָלאָגיש-קינסטלערישע קראַפט, פון דער יידישער ליטעראַטור ליגט הויפּטזעכלעך אין די ריין עטישע מאָטיוון. ס'איז דער יידישער געוויסן, וואָס צייכנט אָן אונדזערע ליידן און מאַרטירערטום און פאַרמיידט אַבזיכטלעך די עראָטיק מיט די אָנטבלויזטע לייבער. די דאָזיקע עלעמענטן ביי אונדז איז בלויז אַ לייכטער שפּיל, אַ זייטיקער לייכטזין-מאַניר, אָבער באין אופן ניט אַן עיקרדיקער מאָטיוו.

אונדזערע קינסטלער פילן אַז זיי האָבן אַ גרויסע מיסיע. און אין זייערע ווערק, מוזן זיי אַרויסברענגען ניט בלויז די קינסטלערישע פאָרם נאָר אויך די עטישע פונקציע צו וועקן דעם געוויסן. מענדעלע האָט עס

געטאָן מיט זיין „קליאַטשע", שלום אש מיט זיין „קידוש השם", און די איבעריקע מיט אַנדערע גרויסע ווערק. וואָלט דער ייד געלעבט מנוחה־דיק אויף דער אייגענער ערד און געהאַט די זאַטקייט פון די אַנדערע פעלקער, וואָלטן די יידישע קינסטלער אַריינגעפירט אין דער ליטע־ראַטור אויך די טענער פון זיכערקייט און זאַטקייט. די רחבות פון אַן אייגן ווינקל אויף דער וועלט, וואָלט זיי אַנגערעגט פאַר די עלעמענטן פון דער ראָמאַנטיק און שיינער נאַטור.

אפילו דער הומאָר איז ביי אונדז אַ גאַנץ אַנדערער ווי ביי די אומות העולם. ס'פעלט אין אים דער האַרציקער געלעכטער וואָס קוועלט אַרויס פון אַ געזונט און פריידיק פאָלקסלעבן. מענדעלעס געלעכטער איז אַ ביטערער, אַ סאַטירישער, אַ געלעכטער פול מיט גאַל און ווייטאָג. אפילו שלום עליכמס געלעכטער, וואָס איז שוין אַ מער האַרציקער, איז אויך אַ געלעכטער דורך טרערן. ס'איז דער קלוגער איראָנישער שמייכל, איבער אונדזערע אייגענע וואונדן און ביטערע מערכה.

דער שמייכל אין דער יידישער ליטעראַטור איז אָפט דער טרויע־ריקער שמייכל פון אַ טראַגיש־פאַרקרימט פנים. און פונקט ווי דער יחיד אַזוי איז אויך אַ פאָלק. וואָס באַשטייט אייגנטלעך בלויז פון יחידים. די ליידן פון דעם יחיד זיינען די ליידן פון דעם פאָלק. דער ייד לעבט אַ באַדענלאָזן, שווערן לעבן, ליגט דעם יידישן קינסטלער דערי־בער ניט אויפן זינען די עראָטיק און ליבע — קאָנפליקטן, די יידישע ליטעראַטור איז די פאַרקערפערונג פון דער יידישער נויט, דער געוויסן פון זיין פאָלק.

***

גאָר אָפט מערקן מיר די געשיקטע האַנט פון אַ שרייבער אַרוים־פירנדיק אַ גאַלעריע פון טיפּן, וועלכע זיינען אויבנאויפיק גאַנץ גלאַטיק, אפילו מיט אַ ניצוץ פון טאַלאַנט. און דאָך פאַרבלייבן מיר גלייכגילטיק, ניט פאַראינטערעסירט, ניט פאַראינטריגירט און ניט גערירט. די סיבה איז דאָ אַ פשוטע: זיין וואָרט פאַרמאָגט ניט דעם קינסטלערישן כוח. ער פאַרצייכנט בלויז דאָס בלאַסע, דאָס אויסערלעכע ווי ער וואָלט אין האַנט געהאַלטן אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און ניט קיין פעדער אָדער פענזל. ס'איז אַ מעשה למען המעשה, אַ שרייבן לשם שרייבן, אָן אַ שטריך פון אַן עטישן מוסר השכל, אָן אַן אינעווייניקסטן תוך.

א. לוצקי

א. לוצקים לידער זיינען פילאָסאָפיש-דיכטערישע געוועבן, סימ־באָלישע עמפינדלעכקייטן אַרויסגעטויכט פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, און פול מיט סצענישע בילדער, רעפלעקסיעס און פאַרבן. זיין אָריגינעל וואָרט לויכט אויף ווי אַ בליץ. פול מיט זיין אומעטיקן מיסטישן געפיל. פון זיין דיכטערישן אויסדרוק שפּראָצט מיט ריטמישן שוואונג, מיט רייצנדיקן פאַבעל־קלאַנג און רעטעניש־שפּיל.

ווי יעדער עכטער דיכטער, איז לוצקי דער אַנטפּלעקער פון נייע מוזיקאַלישע טענער, נייע שפּראַך־שאַטירונגען און נייע פאַרטיפטע געדאַנקען. ער מאַנעווירט אַזוי קינסטלעריש מיט ווערטער און ביל־דער, אַז פאַר אונדזערע אויגן זעט זיך לעבעדיק און באַוועגלעך יעדע שטומע באַשעפעניש, יעדער נויג, יעדער קנייטש. זיינע מאָטיוון זיינען די פאַרקייטלונג פון פאַרפיינערטן געפיל און חכמה, שטימונג און אויס־דרוק, כוח און שיינקייט. יעדער פינטעלע, יעדע קלייניקייט, איז פאַר אים אַ טעמע. אַ זעמדל, אַ בלעזל, אַ ציפּערבלאַט, אַ היטל, אַ טעפּל מיט באָב, איז פאַר אים יצירהדיקע מאַטעריע און רופט אַרויס אָנ־רעגונג. אין אָט די אַלע שטומע קלייניקייטן בלאָזט ער אַריין זיין אָטעם. גיט זיי לעבן און ריטם, כוח און באַוועגונג. די באָב אין קאָכעדיקן טעפּל יאָגן זיך און האַוועןן אין זייער גערא‏נגל ווי די ווייזערס פון טאַשן־זייגער. אַלע האָבן זיי השגות און חשבונות, וואָס זיינען אייגנטלעך די השגות און חשבונות פון דעם קלעגלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין די דאָזיקע פיין אײנגעוועבטע פאַרגלייכונגען פון קלייניקייטן מיט וועלט און מענטש, גיט ער אַריין אַ סך שפּילעוודיקייט. אין זיין „אַ חתונה אין אַ קליין שטעטל", גיט ער אונדז טענער און שילדערונגען פון אַ גאָר קינסטלערישן ווערט. ער לעבט צוריק אויף אַ שטיק יידישן שטייגער מיט אַלע זיינע ניואַנסן.

לוצקי איז פילאָסאָף אין דער דיכטונג און דיכטער אין זיין פילאָ־סאָפיע. מיט די דאָזיקע צוויי גרויסע ליכט־כוחות דעקט ער אָפּ גאָר די שלייערן פון דער וועלט, און מיר דערזען איר מיט אַלע אירע נויטן, ברוכן און פּראָבלעמען.

צו זיין אַ דיכטער מוז מען ניט דוקא שרייבן לידער ; מען קאָן זיין אַ בעלעטריסט, אַ פּראָזע־שרייבער, און דאָך זיין אַ באַגאַבטער דיכטער.

וואָס איז דען דיכטונג ? דיכטונג איז צאַרטער אויסגוס, האַרץ, זעלישע איבערלעבונג, וואָס דער קינסטלער דערפילט און לעבט דורך מיט אַלע זיינע חושים און איברים און זינגט עס אַרויס מיט שיינע, פאַרפיינערטע קלאַנגען.

דיכטונג איז ניט דוקא מעטער, ריטם און האַרמאָניע, נאָר אויך און נאָך אַ סך מערער: נשמה־ציטער און פילבאַרער ריטם, אינעווייניקסטער אויפלויכט און האַרציקע געשטאַלטונג. שלום אַשס „שטעטל" איז געשריבן אין פּראָזע, און דאָך איז עס אַ פולשטענדיק פּאָעטיש ווערק.

XVIII

משה נאַדיר

משה נאַדיר איז אַ דיכטער, הומאָריסט און קריטיקער, און אין יעדן פון די דאָזיקע געביטן האָט ער אַריינגעטראָגן אַן אייגנאַרטיקן שעפעריש כוח, אייגנאַרטיק אין וואָרט און אייגנאַרטיק אין סטיל. ער איז אפשר דער איינציקער וועמענס וואָרט און סטיל פאַרמאָגט אַ מין דינע רייצנדיקע עמפינדלעכקייט, וואָס האָט אין זיך אמתע נאַטירלעכקייט און אינטימלעך־פּערזענלעכן אויסדרוק. קאָנטיק, אַז משה נאַדירן האָט אויסגעפעלט סטאַבּיליטעט און פונדאַמענטאַלער יסוד, און דערפאַר איז ער געווען אַזוי רייצנדיק עמפינדלעך.

משה נאַדירס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ פּרוכטבאַרער און פאַרביקער, אָבער ניט קיין גראַדליניקער; דער גאַנג איז געווען אַ זיגזאַגישער, פול מיט קינסטלערישע עליות און ירידות. אָפט איז ער באמת מייסטערהאַפט, פאַרמאָגט אַ סך רחבות און טיפקייט. זיין פאַרנעם איז גרויס, די שפּראַך געשליפן, דאָס וואָרט ריטמיש און צאַרט, דער געדאַנק אָריגינעל און שעפעריש, און אָפט איז ער גאָר שרייענדיק און קאַריקאַטורמעסיק פאַרשפּיצט. זיין שפּראַך איז דאָס איינציקע וואָס קען מכפר זיין אויף די געוואַלדיקע טעותים פון דינע, קוים זעבאַרע פעדעם, קאָנדענסירט און בויגיק, טיף און חריפותדיק.

משה נאַדיר האָט אוודאי אונדז געגעבן אַ סך פּאָזיטיוועס, אָבער דער אָפּטער יאָגן זיך נאָך שיין־שרייבערייַ פּטרט אַוועק זיין קינסטלערישע פאַרבקייט.

משה נאַדירס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור איז באמת געווען אַ פּרוכטבאַרער און פאַרביקער, אָבער דאָך אַ זיגזאַגישער און ספּיראַלער. ער האָט זיך תמיד געוויגט און געבויגן צווישן טיפקייט און אויבערפלאַך, תמיד זיך געפּלאָנטערט צווישן ליטעראַרישן אויפשטייג און גרילצענדיקן געשריי, צווישן ערנסטער באַנעמונג און גראָבער זידלעריי, צווישן אָביעקטיוויטעט און קריכנדיקער פּאַרטייאישקייט.

אפילו דער שרייבערישער מעטאָד האָט זיך ביי אים כסדר געענדערט און דאַדורך במילא געהאַט אַ סך קינסטלערישע עליות און ירידות, מערער ירידות איידער עליות. אין זיין הויט אוןביין איז געווען פאַרוואָרצלט עכטע קונסט ; זיין היים באַוועגלעך בלוט האָט געגעבן וויטאַליטעט זיין עכט-נאַדירישסטישע קראַפט און דאָך האָט ער אַליין תמיד געבראָדזשעט אין אַ מוטנער קאַלוזשע פון פּיקסירטער רעטאָריק און גאַליקן שוים פון חכמהדיקער געקינצלטקייט און זייפענבלאָזיקער געדאַנקלעכקייט.

משה נאַדיר האָט אוודאי פאַרמאָגט סטיל און שפּראַך, פאַרמאָגט אַ בליציקן זאָג און אויפשאַלנדיקן וואָרט, אָבער אַלץ איז ביי אים געגאַנגען לאיבוד, פשוט פאַרלאָרן געוואָרן אין זיין קריכנדיקער פּאַפּסטלעכער פּאַרטייאישקייט און איבערגעטריבענע גרויסקייט. מתכוון געווען האָט ער אפשר צו גיין אין אַ גלייכער ליניע אין אַ פּאַרטייאישער ליניע, אָבער ער האָט זיך שטאַרק אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן אין אַ זומפּ פון גראָבע רייד און זידלערייען. ער האָט קיינעם אַ חוץ זיינע פּאַרטיי מענטשן ניט געשאַנעוועט : אויף יעדן איינעם האָט ער אויסגעגאָסן אַ פּאַמעניצע מיט אומריין וואַסער און דערביי האָט ער געלאַכט מעפיסטאָפעליש און גרויס הנאה געהאַט פון זיין שאַרפן זאָג און כלומרשטן שפּילעוודיקן הומאָר.

דער אמתער דיכטער פאַרמאָגט דעם גרויסן כוח פון התפשטות הנפש פון זיך אויסטאָן פון דער גאָרער וואָכעדיקייט און טומלדיקייט. דער אמתער דיכטער מוז האָבן דעם כוח צו פראַווען התבודדות, זיין מיט זיך אַליין און זיך צוהערן צום אייגענעם האַרץ-קלאַפּ און אייגענעם נשמה וויי, אפילו דענסטמאָל בעת אַרום אים שטורעמט און ברויזט.

***

אַ סך פון אונדזערע פּראָלעטאַרישע דיכטער האַלטן זיך נאָך אַלץ ביים אַנגענומענעם כלל, אַז וואָס העכער ס'זיינען די טענער פון די בראַזנדיקע פּויקן און רעוואָלוציאָנערע אויסרופן אַלץ קלאַנגפולער איז דאָס ליד. אין זייער דיכטונג איז לגמרי ניט בנמצא דאָס יחידישע און נשמהדיקס, ניטאָ קיין שמץ פון עמאָציע און זוכעניש, און אַלץ איז אַזוי בלוטאָרעם, אַזוי אָנעמיש און בלאַס, אָן פאַנטאַזיע און אינעווייניקסטע שפּירונגען, אָן בענקעניש און אומרואיקייט.

דער עכטער פּראָלעטאַרישער דיכטער וואָלט גאָר דאַרפן אַפּריער אויסוויטיקן און אויסלייטערן אין די סאַמע טיפעניש פון קינסטלערישן מהות דעם אַרבעטער לעבן און די סביבה אַרום אים. ער וואָלט דאַרפן פאַרמאָגן דעם גרויסן דיכטערישן כוח פאַנאַנדערצעטרייסלען אַלע סאָציאַלע איינשטעלונגען וואָס זיינען אומעטיש און אומיושרדיק; ער וואָלט דאַרפן איבעררייסן אַנגענומענע באַגריפן און געוואוינהייטן און אַרויסרופן אַ צעטרייסלונג און צערודערונג אינעם מענטשלעכן געמיט; ער וואָלט דאַרפן אויסמיידן דאָס ווילדע רעווען מיט דעם גאַסן-געפּילדער פון סאָלדאַטן-מאַרש און אַריינברענגען אינעם ליד דעם קלאַנג פון עמאָציענעלן אויפשטייג און נשמהדיקער דערהויבונג. דאָס אַרבעטער-ליד טאָר ניט געשריבן ווערן מיטן געטומל פון גאַסן-פּויקן און ווילדן זעלנערישן טאַקט. אַזאַ ליד איז בלויז אַ תהו ובהו פון ווערטער, געיאָגט אין אַ כאַאָטישן קאַראַהאָד פון קנאה און שנאה.

ש. דובנאָוו

ש. דובנאָוו האָט אין דער יידישער געלערנטקייט אַריינגעטראָגן אַ ניי ליכט פון פאָרשונג און אויפפאַסונג, אַפּטרעטנדיק וווייט און ברייט פון די דרכים פון אונדזערע פריערדיקע היסטאָריקער און געבנדיק אַן אייגענעם, פיל מער אומפאַסנדיקן, אויסטייטש צו די געשיכטלעכע פּאַסירונגען אין דעם יידישן לעבן. ער איז אויך געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם סאָציאַלן מאָטיוו און הינטערגרונט, און דערמיט דערקלערט דעם פאַטאַלן גאַנג פון אונדזער געשיכטע.

דובנאָוו איז, אגב, אויך געווען דער בליציקער פּובליציסט און ערנסטער קריטיקער, און אַפילו דאָרטן האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן זיין

גרויסע שעפערישקייט, זיין קלאָרער מוח און זיין שאַרף אויג, וואָס האָט אַריינגעדרינגען אין די סאַמע וויטסטע מקורים.

די שיינע ליטעראַטור האָט קודם כל איר צוועק אַרויסצוברענגען די אור־קראַפט פון גייסטיקער פרייד. סיי די פּאָעזיע און סיי די פּראָזע פירן צו איין איינציקן ציל: אויסצוברייטערן דעם שטראָם פון וויזיע און שטימונג. ביידע פאַרמאָגן זיי די איינהייטלעכע אַנטוויקלונגס מעגלעכקייט צו אַבזאָרבירן כלערליי אייגנשאַפטן, אויסצודריקן כלערליי מאָמענטן פון טיפער לירישער אינטימקייט און האַסטיקע באַוועגונגען אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

*
**

פאָרם איז דרויסנדיקע שיינקייט, די כלי אין וועלכער ס׳טריפן אַריין די מענטשלעכע שעפערישקייטן. פאָרם איז הוילער לבוש, בלויז אַ שאָלעכץ און אויסערלעכער מיטל, אָן וועלכן תוך און תוכן, אָן אַ תמצית און עיקר.

פאָרם האָט בלויז דענסטמאָל אַ קינסטלערישן ווערט, ווען זי ווערט איינגעפאַסט אין אַן אויסגעשליפטן נשמהדיקן אינהאַלט. פאָרם אָן אינהאַלט, איז אַ וואָרט אָן לעבנס־גלי, אַן אָרנאַמענט אַרום דעם ראַם, אָבער אָן אַ בילד.

*
**

די קריטיק איז דער דאַזיקער כוח וואָס באַשאַפט און צעגלידערט אַ יש מאין. די קריטיק איז דער דאַזיקער כוח היצירה וואָס שיילט אַרויס די שעפערישקייט פון יעדן ווערק און באַלויכט איר מיט דעם יראת הכבוד וואָס שטראַלט אַרויס פונעם קינסטלערס וויזיע און פאַר־נעם. די קריטיק איז תמיד דער פועל יוצא פונעם קינסטלערס אייגענער נשמה.

*
**

דער קינסטלער איז מסוגל צו פאַרשטיין די סאַמע איידלסטע סטרונעס פון דעם מענטשלעכן גייסט און תופס זיין גאָר די רייכקייטן פון דער נאַטור. פאַר אים זיינען אָפן גאָר די אוצרות אין דער וועלט, און ער דערבליקט דאָס לעבן און אַלץ אַרום ווי דורך ברייט צעעפנטע פענצטער.

אַ קינסטלער וועט דעריבער ניט באַווירקט ווערן אין זיין שאַפן דורך הוילן אויפגעבליצטן נס און צופאַל, דורך ספּעקולאַטיוון און השערהדיקן חשבון, נאָר וועט ציען די יניקה פון סאַמע גרינטלעכן מקור, פון דעם אייגענעם אינטואיטיוון כוח און שעפערישן טאַלאַנט.

יואל מאַסטבוים

יואל מאַסטבוים איז איינער פון די גאָר וויכטיקע יידישע שריפט־שטעלער אין פּוילן. זיינע סקיצן, דערציילונגען און ראָמאַנען פאַר־מאָגן אַלע דעם קערנדיקן רעאַליזם און ליטעראַרישע פולבלוטיקייט.

מאַסטבוימס שאַפונגען נעמען אַרום נייע ווינקלען אינעם לעבן פון יידן אין נייעם פּוילן. ער מאָלט דעם גרוילעכן מלחמה־פּעריאָד מיט דרייסיק יאָר צוריק, און פאַרצייכנט בפּרטיות אַלע אונדזערעליידן און פּורעניותן צוזאַמען מיט דער דעמאָראַליזאַציע און גייסטיקע חורבנות. מאַסטבוים באַנוצט זיך מיט זיינעם אַן אייגענעם מעטאָד, און גאָר אָפט געלינגט עס אים טאַקע אַ דאַנק דעם דאָזיקן מעטאָד קלאָר און בולט אַרויסצוברענגען די געדאַנקען און געפילן פון זיינע העלדן.

מאַסטבוים אָבסערווירט גרינטלעך יעדע דערשיינונג, און דער־פאַר איז ער אַזוי פּילפּאַרביק. מאַסטבוים איז ניט איבערקלייבעריש אין זיינע טיפּן און כאַראַקטערן, דערפאַר אָבער זיינען זיי ביי אים תמיד דיסציפּלינירט און קינסטלעריש באַלאַנסירט. יעדע סיטואַציע וואַקסט אָרגאַניש אַרויס פון דער סביבה, און די סביבה איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיטן טיפּ.

מאַסטבוים איז דער דאָזיקער רעאַליסט וואָס פאַרפעלט ניט דעם מינדעסטן דעטאַל, דערפאַר אָבער איז ער תמיד עלאַסטיש און גלאַט און דער וואָרט זיינער טראָגט אויף זיך דעם באַטעמטן חן פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט.

מאַסטבוים געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער מדרגה פון זוכן. דער אמתער קינסטלער איז קיינמאָל ניט אָנגעזעטיקט־צופרידן מיט זיינע דערגרייכונגען, נאָר גראָבט זיך אַלץ טיפער און טיפער אין די נשמה־

לאַבירינטן פון מענטש און וועלט. אַזוי איז אויך מאַסטבוים דער קינסטלער, זוכט אין דער טיף און אין דער ברייט ווי ברייט און טיף ס'איז זיין שאַפן.

XIX

דער קינסטלערישער נאָוועליסט מוז פאַרמאָגן אַ געוואַלדיקן כוח הדמיון, מוז וויסן דעם אויסערלעכן און אינערלעכן מעכאַניזם פון זאַכן און פּראָבלעמען, מוז האָבן אַ טיפע פאַרשטענדעניש איבער דעם מהות פון זיינע העלדן און זיין באַפרוכפּערט מיט אַ רייפן אינטעלעקט זיך צו קענען אָרונטערלאָזן אין דער סאַמער טיפעניש פון מענטשלעכן קאָמפּלעקס.

דער קינסטלער מוז מיט קרעאַטיווער שפּראַכלעכקייט מאָנאָפּאָליזירן זיינע אינטימע שטימונגען און נטיות, און מיט שטרענגער דיסציפּלין איינשפּאַנען די רעאַלע וועלט אין אַלע אירע דעטאַלן. ער מוז בפועל ממש זיין דער טיפער זעער פון ווייטע שטחים, און קאָנען אַלץ דערבליקן מיט שאַרפע אויגן. ער מוז קענען מיטן הוילן וואָרט אַרויסברענגען דעם גאַנצן עסענץ פון שטאַרק אויסגעברייטערטע ספערן. און מיט דעם אויפצאַפּלען קאָנפליקטן און האַנדלונגען. ער מוז פאַרמאָגן דעם קינסטלערישן עקסטאַז אַרויסצוברענגען בתכלית השלימות די כאַראַקטעריזאַציע פון זיינע געשילדערטע טיפּן צוזאַמען מיט זייער סביבה און פּערספּעקטיוון.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי איז דער עסייאיסט וואָס האָט אין זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען אַריינגעטראָגן אַ רוח חיים אין דער געשטאַלטיקייט פון אונדזערע שאַפער און זייערע ווערק. געטאָן האָט ער עס מיט זיין דיכטערישן כוח, וואָס איז אַזוי שטאַרק בולט אפילו אין זיין פּובליציסטיק.

ביאַלאָסטאָצקי איז אַ דיכטער פון תמציתדיקן תוך, און ועל כולם איז ביי אים דער לשון מחייהדיק און דער אויסדרוק אייגנאַרטיק און קוואַליק, די ווערטער און שורות קיטלען זיך לייכט, פליסן אָן וועלכער שטערונג און באַוועגן זיך מיט דיכטערישער שיינקייט.

ביאַלאָסטאָצקי איז הן אין דער עסיי און הן אין דער פּאָעזיע דער

דיכטער וואָס גייט מיט זיכערע טריט אויף אַ פעסטן באָדן. זיין באָדן איז די וועלט, דער מענטש, די גרויסע שטאָט, הגם ער איז ניט דורכאויס דער פּאָעט פון שטאָל און אייזן. אפילו אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון פון גרויס שטאָטישן געטומעל און קאָך, הערן זיך וויברירנדיקע אויסגוסן פון זיין אייגענעם געמיט און בענקשאַפט.

קינסטלערישע שאַפונג פאָטאָגראַפירט ניט, נאָר מאָלט מיט אַ פילפאַרביקן פּענזל. זי גיט ניט סתם אויבנאויפיקע כאַראַקטער שטריכן, נאָר אויך וואָס עס טוט זיך אונטער דער הויט. קינסטלערישע שאַפונג איז אין אַלע אירע באַשטאַנדן, פאַרוואַנדלונגען און טראַנספאָרמאַציעס, אַנגעזאַפּט מיט קאָנטורן, צייכנונגען און מאָלערייען. זי איז אַלץ און אַלעם: רעאַל און חלום, לעגענדע און וואָר. צי דאָס איז אַלעגאָריע אָדער פאַבל, פאַנטאַזיע אָדער פאָלקס מעשה, איז אין דעם דאָזיקן תמיד פאַראַן דער קוואַליקער טעמפּאָ און תמצית פון רעאַלן לעבן.

די קינסטלערישע שאַפונג איז דער נשמה יתירהדיקער קודש קדשימדיקער געוועב, וואָס גיט בלוט און פלייש. זי צייכנט די וואָכע־דיקייט מיט יום טובדיקע פאַרבן, און איז דער בלישטשענדער בריליאַנט אויסגעשליפן מיט נגינה פון חדוה און נחת רוחדיקייט.

***

דער קינסטלערישער שאַפער איז דער שמידער פון זיין אייגענעם סטיל. ער שמידט זיין וואָרט אַזוי אַז עס ווערט באַזעלט און באַהויכט מיט קינסטלערישקייט, מיט דעם אייגענעם שעפערישן געמיט. ביים וואָרט קינסטלער איז די שפּראַך דער אָטעם מיט וועלכן ער באַלעבט בילדער און מענטשן; עס איז דער הויפּט אינסטרומענט מיט וועלכן ער קריסטאַליזירט די אייגענע דמיונות און געדאַנקען. דעם גאַנצן צונויפקלייב פון אַראָמאַטן און פאַרבן וואָס אונדזער יידיש לשון פאַר־מאָגט, ברענגט דער קינסטלער אַרויס דורכן איינציקן וואָרט, אַן איינ־ציקן געדאַנק, אַן איינציקן בילד.

***

דער אמת קינסטלערישער שאַפער ליידט קיינמאָל ניט פון וואָרט מאַנגל. ער איז תמיד פול קוואַליק מיט זיין געשליפן וואָרט און שע־

פערישן כוח. זיינע לידער זיינען קיינמאָל ניט פאַרזיגלט אין הפקרדיקן ווינט, נאָר שטרעבן תמיד צו אַן עפּעס, צו אַ באַזינטער ריכטונג, צו אַ לעבנס תוך און תוכן.

דער קינסטלערישער שאַפער דערזעט לייכט דעם כאַאָס פון דער דענערווירטער צייט, און דורך זיינע זעאונגען פאַרוועבט ער דערין פרישע האַרמאָניע און לעבנס-קרעפטיקייט. דורך זיין שאַפונג ווערט אַלץ צוריק האַרמאָניש באַלעבט, און עס דערהערט זיך דאָס קלינגנדיקע קול פון לעבן — דער ריטם פון קינסטלערס שוואונג און פאַנטאַזיע.

⁂

דער באַגאַבטער קינסטלער פאָלגט קיינמאָל ניט נאָך דעם סקאַר־באָון נוסח און מעטאָד. ביי אים איז פריער דאָ יענער וועלטלעכער צושפּיל פון אוממיטלבאַרער פאַרטראַכטונג אין די אייגענע געדאַנקען און שטימונגען, וואָס בליצט, קנעט און פאַרעמט דעם אָנגעזאַמלטן פאַרמעג.

דער באַגאַבטער קינסטלער איז די קרוין פון עכטקייט און גלוי־ביקייט. ער איז דער תמידיקער באַרג קלעטערער וואָס הויבט זיך צו די סאַמע העכסטע הויכקייטן, ווי דער גאָטספורכטיקער אין זיין דער־הויבונג צום כסא כבוד. אויך קינסטלערישע שאַפונג איז אַן עובדה פון אמונה און געטלעכע דערהויבונג אַן עובדה פון דערהערן די זיסע טענער פן די מלאכימס שירה ושבחה.

אפרים קאַגאַנאָווסקי

אפרים קאַגאַנאָווסקי איז אַ גאָר קרעפטיקער בעלעטריסט. דורך זיינע לעבעדיקע, האַרמאָניש געקייטלטע דיאַלאָגן, האָט ער אונדז געגעבן דערציילונגען וואָס שפּריצן מיט קלאָרקייט און דינאַמיק. אין זיי האָט ער אַרויסגעפירט אַ צאָל פרישע טיפּן פון באַשטאַנדיקן ווערט. זיינע אונטערוועלט פאַרגרעבטע פּערזאָנאַזשן גליען און ברענען מיט ברוטאַלער עראָטיק, און פון דער דאָזיקער ברוטאַלער עראָטיק לויכט אַרויס אַ ניצוץ פון ריין-צאַרטער ליבע.

קאַגאַנאָווסקיס טיפּן זיינען הויפּטזעכלעך פרויען, און דערפאַר, משמעות דערזעט ער אַפילו אין דער ווילדעסטער און ברוטאַלסטער

עראָטיק דעם איידעלערן און פאַרפיינערטן געפיל פון אויפריכטיקער ליבע. ווי אַזוי ער באַווייזט אַרויסצוקריכן פון דער דאָזיקער פאַרפלאָנ־טערטקייט, איז אַפילו שווערלעך איינצוזען. קאַגאַנאָווסקי איז אַ פשוטער רעאַליסט, וואָס גריבלט זיך ניט אין די לאַבירינטן פון דער מענטשלעכער נשמה. ער האָט בלויז אויג, שאַרפן בליק און דערזעט דעם טרוקענעם דעטאַל. אויך זיין אויער איז שאַרף אָנגעשטעלט, און ער דערהערט יעדעס וואָרט, יעדן ריר, יעדע באַוועגונג, אָן אונטערשייד צי ס'איז באַשיידן און צניעותדיק אָדער פאַרגרעבט און אויסגעלאַסן.

קינסטלעריש פאַרטיפט איז קאַגאַנאָווסקי בלויז אין די אויסער־לעכע פאַרבן און קאָנטורן, און דער שענסטער מאָדעל איז פאַר אים די פרויען־פיגור. אין איר דערזעט ער נאָר די שיינקייט, און יעדער אבר איז פאַר אים אַ פילפאַרביקער הימל. זיין עמאָציע און התלהבות קריגט ער פון איר געטאָקטקייט און תאוהדיקייט.

קאַגאַנאָווסקיס דערציילונגען זיינען פריי פון קאָנפליקטן און אימפּעטקייט. צייט און רוים האָט אויף אים קיין שליטה ניט; זיין קינסטלעריש וועלטל איז תמיד די זעלבע: די תאוהדיקע פרוי און איר שיין־געטאָקטער גוף...

קאַגאַנאָווסקיס שטאַרקער כוח איז דעריבער ניט אין דער טע־מאַטיק, ניט אין דער נייקייט פון די טיפּן, נאָר אין דעם קינסטלערישן סטיל. אינעם סטיל שווינבלט ער מיט קרעפטיקער שיינקייט וואָס איז אפשר איינציק אין דער עראָטישער ליטעראַטור אויף יידיש. דער סטיל און קינסטלערישקייט העלפט אויך פאַרדעקן די ערוהדיקייט פון זיינע אומעסטעטישע העלדן.

XX

דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו דריקט זיך אויס אין אונדזער זעלישן אויפשטייג, וואָס ציט זיך ווי אַ ווייברירנדיקער ים־שטראָם איבער די די השכלה באַוועגונג, די אויפקלערונגס־עפּאָכע, דעם רענעסאַנס, אין אונדזער גייסטיקער וועלט, און די ראַדיקאַלע ענדערונג אין אונדזער יידישן לעבנסשטייגער.

דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו דריקט זיך אויס אין אונדזער זעלישן אויפשטייג, וואָס ציט זיך ווי אַ ווירבירנדיקער ים־שטראָם איבער די ברייטע ברעגן. דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו האָט אויך באַפרוכט די

קינסטלערישע פאָרם, רייכער געמאַכט דעם קולטור-קוואַל, דעם סטיל און זין פון אונדזער שפּראַך-אוצר.

דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור ציט זיין יניקה פון די געשיכטלעכע עפּאָכן אין דער ביבל, די יאָרן פון אינקוויזיציעס, שייטער-הויפנס און געטאָלעבן, ביז צו דער סאַמער קעגנוואַרטיקער צייט פון גזירות, נגישות און פּאָגראָמען. דער צער און צאָרן פון דידאָזיקע יאָרן שרייט אַרויס דורך די קינסטלעריש-געשאַפענע פיגורן, טיפּן, פּערסאָנאַזשן און כאַראַקטערן פון מענדעלע ביז די סאַמע יונגסטע קינסטלער. אין זייערע ווערק קומען צום לעבן די ביבלישע און געשיכטלעכע פיגורן מיט אַלע זייערע אייגנאַרטיקע שטריכן און כאַראַקטערן.

די אַטמאָספער, די גרונט-באַוועגונגען, פון די דאָזיקע מאָטיוון און שטרעבונגען זיינען אָפט געמאָלן ניט אינעם ענגן קרייז פון נאַציאָנאַלע אויסלעבונגען, נאָר אַרויס אויף ווייטערע שטחים מיט אוניווערסאַלע, אַלמענטשלעכע שטרעבונגען, מיט וועלטלעך-זעלישע סימבאָלן, אויף גאָר ברייטע לייוונטן און קינסטלערישע מאָסן, וואָס ברענגען אַרויס קלאָר און בולט די פונדאַמענטאַלע שיינקייט, די ליכטיקע פעדים און נשמה-קוואַל, פון אונדזער גאַנצן פאָלק.

***

די גרויסקייט און קליינלעכקייט פון אונדזערע דיכטער ליגט אינעם אופן ווי זייער צעברויזטע ענערגיע און וויזיע וואָס פאַרבינדט און שפּיגלט אָפּ די מינדסטע דערשיינונג, דעם קלענסטן ווערט, די מינימאַלסטע דערקענטעניש פונעם יידנטום. דער עכטער דיכטער זינגט אויס גאָר אונדזערע מעלאָדיעס, דעם געזאַנג פון יעדן מענטשן-קינד, וואָרום אין יעדן פון אונדז טליעט דער דיכטערישער פונק, דער שיינער געפיל און נאָגנדיקער חלום, וואָס גאַרט און נאָגט אומעטיק זיס די יידישע נשמה.

אָט די דאָזיקע איינצלנע פונקן, די סאַמע קלענסטע פינטעלעך, מוז דער דיכטער צונויפנעמען און צוזאַמענבינדן, זיי אויסלייטערן מיט זיין פּאַטאָס און גרויס-פלאַמיקן געזאַנג. די דיכטונג מוז אָפּשפּיגלען גאָר אונדזער צער, גאָר אונדזער פרייד, אַלע אונדזערע האָפענונגען און

אַלע אונדזערע פאַרצווייפלונגען, ווי דער וואַסער שפּיגלט אָפּ די וועלט, ווי די זון באַשיינט און באַלויכט דעם גאַנצן חלל.

דאָס דאַזיקע איז די קינסטלערישע דיכטונג פון קלאָרער פשטות, וואָס איז דער קערן פון דער העכסטער טיפקייט. זי איז דער אמתער אָפּגעבליצטער, ווירבל־ציטער פון פּאָעטישער דערקענטניש.

די דאָזיקע דיכטער וואָס האַלטן זיך ביי זייער שול פון אַבסטראַק־טער אומפאַרשטענדלעכקייט, וועלן תמיד בלייבן אין אַן ענגן אָפּגע־זונדערטן שטח מיט זייערע דיסציפּלינירטע פאַרטונקלטע קלאַנגען, וואָס זיינען אייגנטלעך הוילע מוח־ווערטער, בלייך און פאַרשאָטנט, צעשוואומען און המצהדיק, אַ מוטיקער שטראָם אָן גייסט און אָן לעבן.

די אומקלאָרע פאָרם פאַרטיפט ניט און דערהויבט ניט די דיכטונג, נאָר שוואַכט איר אָפּ און פאַרצאַמט איר אין אַ קליינעם, ענגן חדר.

⁂

דער עכטער קינסטלער כאַפּט אויף און מאָלט דעם לעבן ווי זיין אויג דערזעט און זיין האַרץ דערשפּירט. ער שילדערט מיט טיפער ערנסטקייט און אינעווייניקסטע געלייטערטקייט מאָמענטן, עפּיזאָדן און פּאַסירונגען, וואָס זיינען אויסער די גרענעצן פון זיין אייגענער סביבה און איבערלעבעניש. ער צייכנט מיט אינטימער נאָענטקייט, מיט דין־געוועבטע פעדים, אַלערליי קאָנפליקטן און געשעענישן פון אים פרעמדע, אומבאַטראָטענע דערפאַרונגען, ווי למשל, די יסורים און דערוואַרטנדיקע פרייד פון אַ יונגער מעוברתער פרוי, די אַגאָניע און שרעק פון אַ מסוכנדיקן חולה אָדער די גסיסה־ווייען און לעצטע מינוטן פון אַ שטאַרבנדיקן מענטשן. פונוואַנען ווייסט דער קינסטלער אָט די דאָזיקע גליקלעכע און אומגליקלעכע איבערלעבונגען ווען ער אַליין האָט זיי ניט דורכגעלעבט?

דער תירוץ איז: דער אמתער גאָט־געבענטשטער קינסטלער באַגרייפט אפילו אַזוינס וואָס איז פאַר אונדז אומבאַגרייפלעך. דער קינסטלער איז בכוח צו דערזען דאָס אומגעווייניטלעכע וואָס איז פאַר־נעפּלט און פאַרהוילן פונעם פשוטן אויג. ער פאַרמאָגט דעם כוח החזיון, די קראַפט פון וויזיע, די געהיימניספולע שעפערישע קראַפט, וואָס באַווירקט אים אַריינצובליקן אין די טונקעלסטע, פאַרבאָרגנסטע נשמה־לאַבירינטן און זיי צו אַנטפּלעקן.

דער קינסטלער דרינגט אַריין און דערזעט דאָס סאַמע פאַרבאָרגנ־סטע, ווייל ער איז אינעם פּראָצעס פון שאַפן תמיד דער טאָפּלטער און נשמה־יתירהדיקער מענטש, וואָס רייסט זיך אַרוים מיט זיינע הונדערט־פאַכיקע כוחות פון דעם געפאַנגענעם חושים־נעץ. דער קינסטלער האָט אָדלער־פליגלען, וואָס באַפרייט אים פון דער געבונדנקייט און איינגע־צאַמטקייט און ער דערהויבט זיך מיטן כוח פון זיין צעבליטער פאַנ־טאַזיע צו די הויכע רוימען.

***

דעם קינסטלערס באַלוינונג איז זיין שאַפן. אינעם פּראָצעס פון זיינע וויזיאָנערישע, שעפערישע דערקענטנישן, אינעם דיכטערישן פּרואוו פון זיינע אַנטפּלעקונגען, געפינט ער זיין אייגענע שלמותדיקע אויסלעבונג. ער שאַפט ניט דערפאַר וואָס מען פאָדערט פון אים, נאָר ווייל ער מוז, ווייל ער איז געפאַנגען אין אַן אינערלעכער נעץ פון קינסט־לערישע אָנרעגונגס־טראָפּנס, וואָס צאַפּלען זיך אין זיינע בלוטן און רייסן זיך מיט זעלישער קראַפט צום געבוירן ווערן.

מיט זיין קינסטלערישן וואָרט גייט ער אַנטקעגן דעם שטראָם פון אַפּאַטיע און ביטול אַרום אים. ער איז דער וואָס אינספּירירט און באַשאַפט אייגענע סביבה און באַלעבט איר מיט לעבנס־שיינקייט, דרינגט אין איר אַריין מיט זיינע אויסגעאיידלטע פאָרמען און טענער און פאַרטרייבט פון זיך די פאַרשאָטענטע, פאַרטונקלטע וועגן.

***

אין דער קינסטלערישער שאַפונג איז ניט דער עיקר וועגן וועלכן לעבנס־ווינקל ער דערציילט, נאָר ווי אַזוי און מיט וועלכער מאָס ער קריסטאַליזירט עס אוים; ניט צוליב אויסערלעכן גלאַנץ, ניט כדי דעם אָדער יענעם צו געפעלן, נאָר צוליב דעם אייגענעם דיכטערישן דראַנג צו זאָגן אַ ניי וואָרט, צו פאַרצייכענען אַ נייע לעבנס־ליניע.

דער אָריגינעלער מייסטער איז תמיד עפּעס מחדש, באַנייט תמיד דעם לעבן, גיט אים פרישן שוואונג, שטאַרקערע באַוועגונג, לענגערן אויסדויער און ליכטיקערן קאָליר. ער איז תמיד די טרייבקראַפט און צעגליטע זון, וואָס באַלויכט און באַוועגט אַלץ און אַלעמען מיט זיינע שטימונגען, אילוזיעס און חלומות.

***

כדי צו קענען סימעטריש אויפצובויען אַ ווערק, מוז דער שאַפער זיין אַ פּעאיקער אַרכיטעקט און פאַרמאָגן אַלע נויטיקע מכשירים צו אַ קינסטלערישער סטרוקטור. אָן די דאָזיקע מכשירים איז ער ווי אַ פויגל אָן פליגלען, און קאָן זיך קיינמאָל ניט אויפהויבן העכער איבער די אייגענע דלד אמות. דער שטח זיינער איז אָן ענגער, אָן ברייטע ראַנדן און אָן ווייטע האָריזאָנטן.

***

די קינסטלערישע נאָוועלע מוז קודם כל פאַרמאָגן אַ נשמהדיקן אינהאַלט, וואָס זאָל זיך לויטערן אין געטלעכער אַלזעעוודיקייט. דער סיפור המעשה מוז אַרויסגעכשופט ווערן פון טיף מענטשלעכע איבער־לעבונגען און געדאַנקען־געראַנגלען, און אַלץ מוז זיך קייטלען אין איין גרויסן רינג.

***

עס פעלן נאָך אַלץ אָט די גרויסע ווערק וואָס זאָלן אויף אַ גרויסן פּאַרנעם מאָלן דעם איצטיקן אומגליקלעכן דור מיט זיינע וואַגלענישן און חורבונות. אַ ליטעראַטור וואָס פאַרפעלט און פאַרזעט די אייגענע עפּאָכע, איז נעבעך אַ פעלערהאַפטיקע און הינקעדיקע.

***

די שלימותדיקע שעפערישקייט, איז דעם קינסטלערס נשמהדיקער תיקון. ער אַליין ווערט אין זיין שאַפונג קריסטאַליזירט און געלייטערט. די חבלי לידה גיבן דעם קינסטלער די לירישע צאַרטקייט צו קענען מיטפילן און מיטדענקען מיט די טיפן און העלדן פון זיין ווערק; ער אַליין ווערט דענסטמאָל דער צענטראַלער פּונקט, דער צינורות דורך וועלכן עס גייט דורך גאָר די פּיין און פרייד.

XXI

דער דיכטער איז פאַרן קריטיקער ווי אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע, אַ סימפאָניע פון איידעלע וויברירנדיקע סטרונעס, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איז די סימפאָניע פול, לויטער און זאַפטיק אין אירע טענער, ווערט דער קריטיקער דורכגענומען מיט איר מוזיקאַלישער פיינקייט

און זינגט איר איבער מיט דער קראַפט פון זיין אינטואיציע און וויזיאָ־נערישן כשוף. כאַפּן זיך אָבער אַריין פאַלשע טענער, פאַרלירט זי פאַר אים דעם גאַנצן ווערט. דער קריטיקער אין דענסטמאָל אומרואיק, געשטערט, און זיין פעדער ווערט אַ קאָסע וואָס שניידט גרויזאַם און אומבארחמנותדיק.

***

באַגאַבטע דיכטער שאַפן מיט יראת הרוממות, מיט גרויסער פורכט און קדושה. זייערע ווערק קערנדיק, קרעפטיק ווירקנדיק. גייענדיק מיטן דרך המלך, פלאַסטערן זיי אויס דעם סודות־דיקן וועג פון פרייד און גליק — די כאַאָטישע וועלט ווערט דורך דעם פייער פון זייער קינסטלערישן וואָרט איבערגעשמידט אין אַ לעבן פון פאַרכשופדיקייט. פון זייערע מיט גאָלד אויסגעשמידטע פערזן, דער־הערן זיך קולות פון טויזנטער פאַרלאַנגען און בענקשאַפטן, דער איי־ביקער באַגער פון בליען און אויפגיין.

די קינסטלערישע דיכטונג איז דער זין און דראַנג צו ריינקייט און שיינקייט, צו דער געטלעכער חכמה וואָס אַנטפּלעקט די טיפסטע סודות, די נסתרות פון ניט־דערזאָגטע רעיונות, דעם לאַבירינט פון געהיימע אויפברויזונגען און געפילן. ס'איז דער אייביק זודיקער קוואַל פון באַגייסטערונג, וואָס פלאַמט און צאַרנט, מאַניעט און לאַסטשעט, ווי דער שטילער פון־טוי־באַגאָסענער פרימאָרגן מיט זיינע בלומען־ריחות און הימל־פאַרבן.

***

ליטעראַטור איז דער גרויסער אָנגעזאַמלטער אוצר אין וועלכן דער לעבן האָט באַהאַלטן זיינע דעליקאַטסטע פאַרבן ; ס'איז דער גע־דאַנקען־רינג אין וועלכן עס זיינען אַריינגעקייטלט גייסטיקע אַנטפּלע־קונגען, ברייטע זייד־געוועבטע, אַלערליי נשמה־ראַנגלענישן, שטע־רונגען און הייליקייטן, פאַרשוינען און געשטאַלטן, האַפענונגען און אַנטוישונגען, קאָלירדייכע פּאַנאָראַמעס און טראַגישע סצענעס, געט־לעכע דערהויבונגען און מענטשלעכע ירידהס. אַלץ ווערט דערין אָפּ־געשפּיגלט און גייט פאַר אונדז פאַרביי ווי אַ קאַליידעסקאָפּ פון טויזנטער פאַרבן און קאָלירן.

***

קינסטלערישע ווערק וואָס זאָלן מאָלן די צייט און סביבה מיט אמת דיכטערישן פאַרנעם, איז אין אונדזער איצטיקער יידישע ליטע־

ראַטור אַ זעלטנקייט און יקר המציאות. אַזעלכע ווערק, אויב זיי באַווייזן זיך שוין יאָ פּעם אחת ביובל, זיינען ממש אַ נס אין אונדזער שאַפונג. וואָס זשע איז די סיבה פון דעם דאָזיקן דוחק? איז עס ווייל מיר פאַרמאָגן ניט אין אונדזער שפּראַך גענוג קינסטלער?

אַ שטיק אמת ליגט יאָ דערין. קיין גאָר גרויסער שפע האָבן מיר ניט. דאָך איז די צרה וואָס דער גרויסער רוב פון אונדזערע קינסטלער ליידט הונגער און נויט אָדער איז איינגעשפּאַנט אינעם יאָך פון דער פאַבריק-פאַרשקלאַפונג. אַזוינס דריקט דעם געמיט און מאַכט חרוב דעם קינסטלערישן טאַלאַנט. זיינען אונדזערע קינסטלער אפשר עמאָ. ציאָנעל און גייסטיק באַפרידיקט, מאַטעריעל אָבער זיינען זיי טיף דערשלאָגן. זיינען זיי דערפאַר אויך צעברעקלט און צעשפּליטערט ווי אָפּגעריסענע פונקען פון זייער פייער-שטאַם. דער געראַנגל פאַרן טאָג-טעגלעכן קיום נעמט פון זיי אַוועק די ענערגיע און מנוחה, וואָס איז אַזוי נויטיק פאַר דער אייגענער פאַרטיפונג.

***

ניט תמיד איז שיין-שרייבעריי אַ מעלה פאַרן שריפטשטעלער. גאָר אָפט איז עס אַ נעץ, וואָס פאַרכאַפּט דעם קינסטלערישן טאַלאַנט אין קלעם. זיין גאַנצע טרחה און גבורה ווערט פאַרשווענדט אויף הוילע אויסערלעכע עפעקטן, אויף אַן עסטעטיש הנדלען, אויף אַ בויגיקע פראַזע און אויף אַ געפליגלטן וואָרט. זיין גאַנצער קינסטלערישער כוח ווערט אַטראָפירט פון פאָלירטע רייד. גאַנץ אָפט פאַרזעט ער אפילו דעם עיקר און תוכן, און פאַרשאָטנט זיינע בילדער און געדאַנקען מיט פייער-ראַקעטן פון פאַרביילויפנדיקע עפעקטן.

***

דער קינסטלער איז בטבע ניט קיין פילאָסאָף, נאָר אַ צויבערער פון געשטאַלטן; ניט קיין גריבלער און חוקר, נאָר אַ דיכטער און בעל חלומות, אַ טרוימער פון איידעלע ווערטן און פאַרכשופדיקע וועלטן. זיין כוח איז די אינטואַציע, און ניט דער שכל; די סענטיוויטעט, און ניט די אַלוויסנקייט; דער געפיל, און ניט דער ראַציאָנאַליזם.

דער קינסטלער פאַסט אויף דעם לעבן ניט דורך מאַטעמאַטישע פאָרמולעס און דיאַלעקטישע דריידלעך, נאָר דורך דעם כוח היצירה

וואָס זיין האַרץ טראָגט אויס מיט פיל חבלי לידה. זיין שאַפונג איז דעריבער דער פּראָדוקט פון אינעווייניקסטער אָנרעגונג און אויסגע־לייטערטקייט, פון האַרץ־באַנעם און האַרץ־באַוועג.

דער קינסטלער קאָן ניט זיין דער שכל־מענטש מיט דער טרוקענער לאָגיק פון אַ פּריידיקער. ער איז אין זיין שאַפן דער צעשטראַלטער צערודערטער און אויפבראויזער, דער וואָס דערהויבט זיך העכער איבער דער סביבה און געזעלשאַפט.

בעל מחשבות

בעל מחשבות איז געווען דער גרויסער יידישער קריטיקער, וואָס האָט געקאָנט לייכט אַריינדרינגען אינעם סאַמע עצם פון אונדזער לי־טעראַרישער שאַפונג. מיט זיין גוט אַנטוויקלטן חוש, האָט ער לייכט דערשפּירט די אויספּירלעכקייט און אַלזייטיקייט פון קינסטלערס אויפטו, באַנומען זיינע פאַרבאָרגענע שעפערישע כוחות און קלאָר אָנגעצייכנט זיינע ווערטן און פאַרדינסטן.

בעל מחשבות האָט ראשית כל געזוכט קלאָרקייט: וועלכער כוח, וועלכער אומרו און וועלכער פאַרבאָרגענער בת־קול ס׳האָט די שאַפונג אַרויסגערופן צום לעבן; ערשט דערנאָך האָט ער געמאָסטן און גע־וואויגן די טעמאַטיק, די מאָטיוון, דעם תמצית און תוכן, די פאָרם און סטיליסטיק. כדי די דאָזיקע קלאָרקייט צו דערוווערבן, האָט ער זיך פאַרטיפט אין די סאַמע דינסטע קנייטשן און ניואַנסן, אין יעדן איינציקן לעבנסנערוו, דורך וועלכן ער האָט געקענט דערגיין דעם קינסטלערס אייגענעם מהות און וועזן.

בעל מחשבות האָט פאַרמאָגט זיין אייגענעם מעטאָד ווי צו אַנאַ־ליזירן אַ קינסטלעריש ווערק. ס׳איז ניט געווען דער שאַבלאָניש־אָנגענומענער דרך פון דער איצטיקער קריטיק; ער האָט אַליין פאַר־מאָגט אַ חנעוודיקן ליריזם, אַ שאַרפע תפיסה און רייכן סטיל, און איז שוין צוליב דעם אַליין געווען באַרופן צו זיין הויכער פּאָזיציע.

XXII

קונסט פאַרמאָגט אין זיך דאָס אַלמענטשלעכע פון אַלע פעלקער און ראַסן, ווייל דער שעפערישער גייסט, הויכט אַריין אין זיין ווערק

זיינע אויסגעליכטיקטע זעאונגען, די איידלסטע שפּירונגען, דעם האַרץ־ציטערדיקן גליענדיקן געפיל און פלאַמיקן פּאַטאָס פון זיין נשמה. דער עכטער קינסטלער איז אַלע מאָל אוניווערסאַל, ער טראָגט אין זיך דעם רוף פון אַלע מענטשן און דורות, דעם אינעווייניקסטן רוף וואָס ער נערט, לייטערט מיט זיין געניאַליטעט. קונסט איז דערפאַר די העכסטע דערגרייכונג פון מענטשלעכן זשעני, די זון וואָס באַשטראַלט מיט אירע אַלע שעמירנדיקע ליכטיקייטן. דער זעלטענער כוח וואָס סטימולירט מיט די שענסטע פאַרלאַנגען, דער כשוף וואָס נעמט אונדז אַרויס פון דער גרויער וואָכעדיקייט, רעדט צו אונדזער פאַנטאַזיע, רופט אַרויס אין אונדז באַגייסטערונגען. עכטע קונסט איז די וואָס טראָגט אונדז אַוועק אין דעם פאַרבנרייכן גאָרטן פון יענע העכערע וואונדערבאַרע ספערן, וואָס דער גרויסער קינסטלער שפּינט אויס מיט זיין גאונות פאַר אַלע מענטשן און אַלע ציימן.

***

אַ קינסטלער איז אַזוי ווי אַ פויגל, וואָס וויל נישט זיין געצווימט אין אַ שטייגל. ער מוז זיין מיט זיינע שעפערישע אַנרעגונגען פריי אויסצווזינגען זיינע געזאַנגען, ווי דער אָדלער אונטער די פרייע הימלען. דער דיכטער איז דער אַנטפּלעקער, דער טרעגער, און אַנזאָגער פון נייע טענער, פון קינסטלערישן וואָרט, ער הויבט אויף די פאָלקס־מאַסן, מיט זיינע געלייטערטע מעלאָדיען צו זיך. ס'איז זיין שכר, זיין פרייד, ווען ער ווערט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט, און פאַרשטאַנען ווערט ער נאָר דאַן, ווען ער ווערט געלייענט. דער גוטער לעזער איז דערפאַר אייגנטלעך אַליין אַ קינסטלער, ווייל ער גיט אַריין אין דעם לייענען זיין אויפפּאַסונג, זיין צוגאַנג, זיין אָפּשאַצונג, זיין געפיל און נשמה, און תמיד שפּיגלט דער קינסטלער אָפּ די נשמה פון בעסערן לעזער; דער בעסערער לעזער איז אַזוי נאָך זיין גייסטיקער מיטווירקער און מיט־שאַפער, דער אינספּירירנדיקער כוח וואָס באַווירקט אים און דערהויבט אים צו זיין שעפערישקייט.

***

דער שריפטשטעלער איז דער מדריך און לערער, ווייל אין זיינע בעלעטריסטישע ווערק ברענגט ער אַרויס טיפּן, מענטשן און געשטאַלטן, דורך וועלכע ס'קומען צום אויסדרוק זיינע אייגענע אידייען און געדאַנ־

קען. ער איז דער גייסטיקער זעער, דער וואָס ווייזט אונדז דורך זיינע אויפגעמאָלענע פאַרשווינען זייערע השגות, קאַמפן און ראַנגלענישן. דערביי זעען מיר דעם קינסטלערס אַנשוויאונגען און לעבנס־באַגריפן וואָס ער באַקליידט מיט זיין אינטואיציע און טאַלאַנט און גיסט זיי אַן מיט דעם פולבלוטיקן זאַפט פון זיין קונסט.

***

דאָס לעבן פון אַ ווערק דויערט אַזוי לאַנג וויפל אָטעם און בלוט דער קינסטלער האָט אין דעם אַריינגעגעבן. דאָס ווערק פון אַ גרויסן גייסט טראָגט אין זיך די טיפע מאַכט און נביאישן אָנזאָג פאַר דורות. דאָס איז דער געזאַנג וואָס באַווירקט אונדז ווי דער אידילישער צויבער פון אַ זונען אויפגאַנג ; דאָס איז דער פרישער טרונק קוואַל־וואַסער, וואָס גיט אונדז אייביקע נאַרונג און דערקוויקונג.

***

גרויסע קינסטלער זיינען נישט אַלע מאָל אויך גרויסע פּערזענלעכקייטן. דער קינסטלער אָן פּערזענלעכקייט, איז אַ קליין טייכל, וואָס די הייסע זון טריקנט אַלע מאָל אויס. ער גיט אַריין זיין גייסט און טאַלאַנט אין זיינע ווערק, און אַליין בלייבט ער דערנאָך אויסגעשעפּט, ליידיק. זיין פּערזענלעכקייט איז דענסטמאָל בלויז אַן אויסגעליידיקטער כוח. דער קינסטלער וואָס פאַרמאָגט דעם מאַגנעטיזם פון אַ פּערזענלעכקייט, איז ווי דער ים וואָס אייביק שוימט ער, אייביק ברויזט ער, און אייביק בלייבט ער פול. זיינע ווערק קענען אים נישט אויסליידיקן. ער איז אַלע מאָל בליצנדיק מיט זיין קלוג, פאַרביק, גייסטרייכן וואָרט. ער איז דער פרישער קריסטאַל קלאָרער לויטערער קוואַל, וואָס לאָזט זיך נישט אויסטריקענען. אַזעלכע קינסטלער זיינען געווען אונדזערע קלאַסיקער מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם.

***

עס זיינען דאָ שריפטשטעלער ביי אונדז וואָס גיבן אָוועק אַ סך מי, פלייס און ענערגיע צו שילדערן מענטשלעכע גופים. זיי צייכענען געניי זייערע אַלע איברים, מאָלן די מעלות און חסרונות פון רייצנדיקע יונגע פרויען ברוסטן און פון שוואַכע, אויסגעבויגענע רוקנס. זיי מאָלן עס עפּיטעטיש, סענסאַציאָנעל, מיט אַ סך פאַרב, כדי דער לעזער זאָל זיי נישט פאַרלירן פון אויג. די דאָזיקע טיפּן גייען אים אָבער פאַרביי

גלייכגילטיק, ווייל ס'פעלט אין זיי אינעווייניקסטער צוזאַמענהאַנג פון בילדער, קאָנפליקטן און ראַנגלענישן: ס'פעלן אין זיי די סוביעקטיווע טראַכטענישן און בענקענישן, די שטילע ליידן, פריידן און אויפברויזונ־גען, וואָס זאָלן רעדן צום לעזערס געפיל און פאַרשטעלונגס קראַפט. אַט די טיפן זיינען דערפאַר אַלע מאָל פאַרנעפּלטע געמעלן, אַ פּאַנאָראַמע פון פלייסיקע פיגורן וואָס אינטערעסירן נישט דעם בעסערן לעזער. ס'איז בלויז חומר, גוף. ס'פעלט דער רוח החיים, די אידייאישע, קינסט־לערישע געוועבן, די נשמה אין דעם. אַט די דאָזיקע שריפטשטעלער זיינען צו־פּראָדוקטיוו מיט צופיל אַמביציע צום שרייבן און שטייגן, אָבער אָרעם אין מיטלען זייער שטאָף געהעריק צו באַארבעטן און קינסטלעריש פאָרמען.

***

דער ליטעראַטור קריטיקער מוז אַלע מאָל זיין אָביעקטיוו צום ווערק און קינסטלער. ער מוז זיין קלאָר, שטרענג און אַנאַליטיש, ספּע־ציאַליזירט און פאַראַנטוואָרטלעך, ווי אַ כירורג בשעת ער שניידט אַ מענטשלעכן גוף. ער מוז זיין באַגאַבט מיט זעאונגען, מיט די דינסטע, איידלסטע שפּירונגען, און דערפילן באַלד דעם מקור פון ווערק, כדי ער זאָל דאָס געשילדערטע לעבן קענען אַריינגעמען און איינזאַפּן אין זיך מיט אַלע טענער, ניואַנסן, קאָלירן און שאַטירונגען. ער מוז קענען דאָס ווערק צעגלידערן, באַלויכטן און פאַרטייטשן פאַר זיינע לעזער אין דעם ליכט פון קינסטלערישן אמת.

***

אַ ליטעראַטור ווערט נישט געשאַפן בלויז פון קלאַסיקער ווי אַ בנין ווערט נישט אויפגעבויט פון בלויזע ציגל. אַ בנין אַנטהאַלט אויך ליים, האָלץ, אייזן, שטאָל און כלערליי אַנדערע מאַטעריאַלן. אַזוי אויך אַ ליטעראַטור, ווערט געשאַפן פון גרויסע, מיטלמעסיקע און קלענערע קינסטלער. יעדער קינסטלער גיט זיין צושטייער, לייגט צו אַ ציגל, זינגט אויס זיינע טענער אין דעם אַלגעמיינעם גרויסן כאָר וואָס שטעלט צוזאַמען די גאַנצע ליטעראַטור.

***

„איך ליב", „איך האַס" — אַט די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך אין דער פאַרהיסטאָרישע צייט. זיי זיינען באַנאַל און אַלט ווי אַלעס וואָס ווערט געזאָגט און געשריבן, איז שוין פון פריער

געזאָגט און געשריבן געוואָרן. און דאָך זיינען די ווערטער און אַלעס וואָס ווערט איבערגעזאָגט ניי און פריש. איבער ליבע און האַס, איבער לעבן און טויט, איז שוין געדיכטעט געוואָרן מיט הונדערטע דורות פריער און אין יעדן דור קומען קינסטלער און זאָגן עס איבער. האָמער, דאַנטע, שעקספיר און טאָלסטאָי און אונדזערע אייגענע יידישע קינסט־לער, האָבן באַנוצט אָט די זעלבע, אַלטע ווערטער: „איך ליב", „איך האָס" און דאָך זיינען זיי תמיד ניי און אַלע מאָל פריש. אין טויזנטער יאָרן שפּעטער וועלן אַלץ די ווערטער ווערן גענוצט פון דיכטער און פילאָסאָפן, ווייל יעדער גדול הדור, יעדער קינסטלער, גיט אַריין אין די ווערטער זיין איך, זיין סטיל, זיין קינסטלערישן, צעפונקטן פּאַטאָס, זיין געלייטערטן אויסדרוק, זיין אופן, זיין נשמה, און די ווערטער ווערן אַלע מאָל ווי דורך אַ כישוף ניי און פריש געשאַפענע. „איך ליב דיך" און „איך האָס דיך" זיינען אַלטע ווערטער, וואָס זיינען אונטער דעם קינסט־לערס שעפערישע ווירקונג אַלע מאָל ניי, פריש און אָריגינעל, ווי ס'איז אָריגינעל אַלעס וואָס דער געניאַלער קינסטלער שאַפט מיט זיין גרויסן גייסט.

XXIII

דעם קינסטלערס שפּראַך־מייסטערשאַפט ליגט ניט אין דער אימ־פּאָזאַנטקייט און רעטאָריק, נאָר אין עצם צוגעפּאַסטקייט און האַרמאָ־נישקייט צום ענין. שפּראַך איז ווי פאַרב אין מאָלערס האַנט, און די מייסטערשאַפט ליגט ניט אין דער צוציענדיקייט פון דער פאַרב נאָר אין דער צוגעפּאַסטקייט און האַרמאָניע צום עצם בילד.

שפּראַך מייסטערשאַפט איז אפשר גאָרניט דער הויפּט אינסטרו־מענט אין אַן אמת קינסטלערישער שאַפונג. עס איז אפשר אַ גאָר וויכטיקער עלעמענט, אָבער באַין אופן ניט דער עצם יסוד. שפּראַך מייסטערשאַפט גיט צו דעקאָראַציע און אָרנאַמענט וואָס העלפט באַ־ווירקן די עמאָציע, אָבער דער עיקר איז תמיד די עצם מאָלעריי און רעפלעקטירנדיקע געדאַנקען.

דער אמת קינסטלערישער שאַפער קאָן זיך דערהויבן צו שלימות־דיקייט אין אַ פּשוטער ניט געפּליגלדיקטער שפּראַך, אפילו בעת די שפּראַך איז לגמרי ניט געהובלעוועט און געפּאָלירט, אַזוי, למשל, האָט געטאָן איטשע מאיר ווייסענבערג וועמענס קינסטלערישקייט קיינער קען ניט אָפּווענדן.

***

דאָס פּולבלוטיקע ליד איז די העכסטע מדרגה פון דיכטערס באַצוואונגענער קראַפט ; עס איז דער אייגענער דרך, די אייגענע ריכטונג, דער אייגענער סטיל און די אייגענע חלומות און חזיונות.

דאָס פּולבלוטיקע ליד איז דער שאַרפסטער אויסדרוק פונעם דיכטערס אייגענעם גלי און פייער, פון דעם אייגענעם זין און באַשטרעבונג. דאָס ליד איז דעריבער אין דער בחינה פון אַ שליח ציבור וואָס קלאַמערט זיך צום הימל דאָרטן, פאַרן כסא הכבוד, אויסצוגיסן זיין האַרץ אין ריינער, כוונהדיקער תפילה.

***

כדי גענוג משיג צו זיין דעם קינסטלער, מוז מען פריער גוט פאַרשטיין זיין ערשטן אָנהויב, זיין ערשטע קינסטלערישע טריט. ערשט דאַן אין דעם ווייטן עבר זיינעם, קאָן מען דערזען די שפּורן וואָס האָבן דערפירט צו דער הוהדיקער רייפקייט. דאָרטן, אינעם ערשטן אָנהויב זיינעם, דערזעט מען דעם הויפּט מקור פון וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט געצויגן די קינסטלערישע יניקה.

***

אַ קינסטלער מוז זיין פריי, אָן וועלכע געבונדנקייט, אין זיין אויסקלייב פון אַ טעמע. מען טאָר דעם קינסטלער ניט זאָגן אַז דאָס איז אסור און דאָס איז מותר אָבער אויך דער קינסטלער מוז טראָגן טיף אין זיך אַ שטיק נאַציאָנאַלע אחריות.

אוודאי מעג דער קינסטלער מאָלן אָביעקטיוו דאָס פרעמדע און ניט יידישע, דאָס נעגאַטיווע ווי דאָס פּאָזיטיווע, אָבער באין אופן טאָר ער עס ניט גלאָריפיצירן ביז רעליגיעזן עקסטאַז. אזא מעשה נבלה האָט אָפּגעטאָן שלום אַש, און דאָס איז ניט קינסטלעריש און ניט יידיש.

***

דער אמתער קינסטלער איז בטבע אַ מענטשן געשטאַלטער וואָס מאָלט מיט פּשטות און זאַכלעכקייט גאָר די שיינקייט און שוואַכקייט פון טאָג טעגלעכן לעבן. ער לאָזט זיינע מענטשן זיך אויסלעבן אין אַלע זייערע ראַנגלענישן און ליידן, אין אַלע זייערע ליידנשאַפטן און שוואַכקייטן אין אַלע זייערע דערהויבונגען און דערנידעריקונגען.

דער אמתער קינסטלער סטיליזירט ניט זיינע געשטאַלטן ווי מען סטליזירט ליאַלקעס; ער גיט זיי געטלעכע יצירה, שאַפט דעם צלם און דמות, אָבער דערביי טאָר ער באין אופן ניט אוועקנעמען פון זיי דעם אייגענעם רצון, די אייגענע בחירה, די אייגענע אינדיווידואַליטעט.

***

עכטע קונסט איז אין זיין עצם תוך און ווערט קיינמאָל ניט גע־ענדערט. קונסט האָט בלויז איין איינציקע מאָס און וואָג, און בלויז דערמיט קאָן מען געהעריק אָפּשאַצן אַ ווערק. וואָס דעם שאַפערס כונה זאָל ניט זיין און וועלכע מאָטיוון ער זאָל ניט האָבן, סאָציאַלע, נאַציאָ־נאַלע אָדער פּערזענלעכע, בלייבט אַלץ דער עיקר די קינסטלערישע מאָסן און וואָג.

XXIV

דער קינסטלער איז מסוגל צו פאַרשטיין די סאַמע איידלסטע סטרונעס פון דעם מענטשלעכן גייסט און תופס זיין גאָר די רייכקייטן פון דער נאַטור. פאַר אים זיינען אָפן גאָר די אוצרות אין דער וועלט, און ער דערבליקט דאָס לעבן און אַלץ אַרום ווי דורך ברייט צעעפנטע פענצטער.

***

אַ קינסטלער וועט דעריבער ניט באַווירקט ווערן אין זיין שאַפן דורך הוילן אויפגעבליצטן נס און צופאַל, דורך ספעקולאַטיוון און השערהדיקן חשבון, נאָר וועט ציען די יניקה פון סאַמע גרינטלעכן מקור, פון דעם אייגענעם אינטואיטיוון כוח און שעפערישן טאַלאַנט.

***

דיכטונג איז אַבסאָלוטער אמת, און איז דער אויסדרוק פונעם גליענדיקן וואָרט, פונעם געטלעכן דיבור, וואָס קומט אַמאָל אין אַ קול דממה דקה און אַמאָל אין קולות וברקים. ס'איז דער אמת וואָס איז קיינמאָל ניט קיין שותף מיט ספקות און וואַקלענישן; ס'איז דער אמת וואָס איז תמיד יצירהדיק, תמיד קרעאַטיוו, באַנייענדיק מיט יעדער שאַפונג די מעשה בראשית.

***

פון דעם קינסטלער דאַרפן מיר נעמען זיין קונסט, זיין גייסטיקע שאַפונג, זיין שטויגענדיקן איבערפלום פון מערקווירדיקע פאַנטאַסטישע בילדער, פון אייגנטימלעכע, עקזאַלטירנדיקע סימבאָלן, די וואַקסנדיקע,

שטייגנדיקע קראַפט פון זיין שפעדיקער אינטואיציע, זיינע דיכטערישע אַנטפּלעקונגען. זיין פּריוואַטקייט דאַרף אונדז נישט אינטערעסירן; זיין ווערק קען זיין גרויס, שיין, און דער מענטש אין אים קליין און מיאוס. דער קינסטלער און זיין פּערזענלעכקייט זיינען צוויי באַזונדערע קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען אָפט אין גרויסן ווידערשפּרוך: דעם קינסטלערס נשמה דערהויבט זיך צו ספערן פון טריפנדיקע, איידעלע לויטערקייטן און עמאַציאַנעלער איבערוואַנדלונג פון וועלט דערלייזונג. ער איז אין זיין ווערק די פולשטענדיקע אומבאַגרייפלעכקייט, דער קרים־טאַליזאַטאָר פון זיין עפּאָכע, דער אומבאַטראַטענער כישוף, וואָס ברעכט מנהגים, טראַדיציעס און געטער, בויט איבער און פאַרעמט אויס אַ נייעם לעבנס־שטייגער, אָבער אין זיין פּריוואַטקייט איז ער פּשוט מענטשלעך, פול מיט שוואַכקייטן און באַנאַליטעטן, אָן דעם גלאַנץ און העראָאיזם פון זיין גייסט. ער איז דער פּשוטער אומבאַהאָלפענער מענטש מיט אַלע בלינדקייטן און פעלערן. אין זיין קונסט העלפט אים אָרויס די אינספּירירנדיקע וויזיע, די אַנטפּלעקונגס־קראַפט פון דער אונטערבאַוואוסטזיין צו פילן און דענקען גרויס אין דעם אויגנבליקלעכן, אומבאַוואוסטזיניקן פּראָצעס פון שעפערישקייט. דער קינסטלער שטייט דערפאַר אַלע מאָל יחידיש אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט פון דעם מענטש אין אים. זיין פּערזענלעכקייט קען גאָר אָפט נישט נאָכשפּרייזן די ליכטיקע טריט פון זיין גייסט. דאַרפן מיר נאָר געניסן די טיפקייט און שיינקייט פון זיינע ווערק און דערביי נישט מעסטן און נישט פאַרגלייכן זיין פּריוואַטקייט צו זיין קונסט.

⁂

דער עכטער סאַטיריקער, איז ווי אַ פאָטער וואָס פּאַסעוועט זיין קינד כדי עס זאָל וואַקסן אַ לייט. דורך זיין שטרענגקייט וויל ער אויסוואָרצלען פון קינד די נאַרישע געוואוינהייטן און שלעכטע זיטן, פאַרפלאַנצן אין אים שיינע מידות און מענטשלעכקייט. דאָס זעלבע טוט דער סאַטיריקער, ער שטייט אויף דער וואַך פון עפנטלעכן לעבן און שליידערט זיינע בייסנדע, טרעפלעכע פיילן, ווי די קויל פון אַ געניטן יעגער אין סאַמע האַרצן. ער פאַרגלעט נישט דאָס מגושמדיקע, קלאַפּט נישט גוט־ברודעריש אין פּלייצע, שאַנעוועט נישט און חנפעט נישט. ווי גרויס און וויכטיק די באַוועגונג אָדער פּערזענלעכקייט זאָל

נישט זיין, קומט ער מיט זיין שאַרף רעאַגירנדיק וואָרט, וואָס מאָנט, וואָס צוטרייסלט אָפט מיט זיין שטייגנדע דינאַמישע שפּיזיקייט, מיט דער אויסטערלישער קראַפט פון אַ געטראָפענעם דונער. ער איז דער אַגרעסיווער טעמפּעראַמענט, די פּראָטעסטירנדע, שטרענגע שטימע, די זיכערע דערקענטניש, דער געווויסנס פּראַצעס, וואָס ווירקט טיף, ווייט, הויך אין דער גאַרער וועלט. דער ציל און צוועק פון זיין שניידנ־דער סאַטירע, פון זיין גאָליקן אויסלאַכנדיקן טאָן, איז אַלע מאָל ניט צו פּאַרפלאַסטערן די מכה און לאָזן אינעווייניק די קראַנקע באַצילן, נאָר עפענען די וואונד, אויסשניידן, אויסרייניקן ביזן ביין די מאַטעריע און ווילד־פלייש; און ערשט דערנאָך זי היילן; ער איז דער אייביקער שטראָפער, וואָס האָט פיינט פוסטע דאָגמעס, דעם געמאַכטן, פרומען אָנשטעל, דעם פאַלשן זשעסט, די חנדלדיקע, שיין־קלינגנדע פראַזע. ער וואַרפט מוטיק, אָן רחמנות און אָן איינזעעניש זיינע גליענדע פיילן, ווייזט אָן אויף די איבלען, עולות און שוואַכקייטן, אויף אונדזערע פאַלשע פּרעטענזיעס, איינרעדענישן און אַלע געזעלשאַפטלעכע קרומ־קייטן.

דער סאַטיריקער גייט ניט אויף די מאַנירלעכע, אויסגעטראָטענע סטעזשקע פון אָנגענומענע, געזעלשאַפטלעכע מאָראַלן און עטיק. ער האָט נישט קיין דרך ארץ און טאָנצט נישט קיין קדוש פאַר קיין שום גדול כל־זמן ער געפינט אין אים סתירות און חסרונות. ער איז אַלע מאָל דער ערלעכער משגיח, וואָס ווייזט אָן אויף אַלע פּגימות און פעלערן. זיין וואָרט איז בשום אופן נישט דער רעזולטאַט פון פאַרביטערטקייט, ער איז נישט עפּעס סתם אַ בייזער מענטש, אַ סקעפּטיקער אין שוואַרצע ברילן; נאָר אַ גרויסער, רייפער לערער מיט אַ סך וויסן, דערפאַרונג און קענטעניש, וואָס פאַרמאָגט די אינערלעכע שטראַלנדיקייט, די ענטוזיאַסטישע עקשנות פון אַ סאָציאַלן קעמפער וועמענס געווויסן עס זעט דעם לעבן דורך אַ הויכן ליכט־פונקט, דורך אַ ברייטן, ווייטן האָריזאָנט און זאָגט אַרויס דרייסט און געוואַגט דעם אמת.

XXV

דער קריטיקער דאַרף האָבן דעם גרויסן כוח אָנצעווייזן אויפן אמתן ווערט פון אַ שאַפונג, דערגרונטעוודיק זיך דערביי אין אַלע פּאָזיטיווע עלעמענטן; ער דאַרף אויך קענען ממשותדיק אָנטאַפּן דעם

מקור פונעם שאַפערם יצירהדיקער גבורה. דער עיקר אָבער מוז דער קריטיקער זיין דער באַגאַבטער מסביר און מפרש. דערביי דאַרף ער זיין בבחינת רש״י און געבן דעם פשוטו של מקרא כמשמעו.

דער ערנסטער קריטיקער לערנט ניט קיין האָר־שפּאַלטנדיקן פּלפּול, פּשטלט ניט און דרשנט ניט חריפותדיק און לומדותדיק, נאָר איז דער פּשוטער אַנאַליטיקער און פאַרטייטשער.

דער אויפריכטיקער קריטיקער האָט דעם אחריותדיקן חוב צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן שאַפער און לייענער, און אַרויסצוברענגען קלאָר און דייטלעך דאָס וואָס איז פונעם לייענער פאַרהוילן און פאַרבאָרגן.

שאול גינזבורג

שאול גינזבורג איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער טעגלעכער ציַיטונג אין רוסלאַנד, „דער פריינד". פאַרמאָגנדיק גרויס ערודיציע און באַהאַוונטקייט אין יידישע און וועלטלעכע ענינים, האָט ער די צייטונג דערהויבן צו אַ הויכן ניוואָ.

אונטער גינזבורגס איינפלוס איז דער פריינד" געוואָרן אַן עפּאָכע־מאַכנדיקער כוח, שאַפנדיק ביים ברייטן עולם אַ נויגונג צו געזעלשאַפט־לעכע שטרעמונגען.

גינזבורגס הויפּט פאַרדינסט ליגט אין דער שאַפונג פון אַ פּלאַט־פאָרם פאַר בעסערער זשורנאַליסטיק, וואָס איז געווען ניי אין יידיש. אַרום אים האָט זיך גרופּירט אַ גרויסע פּלעיאַדע פון זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער, וואָס האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ פאַרצווייגטער יידישער פּרעסע איבער דער גאָרער וועלט.

דער עיקר אין אַ קינסטלעריש ווערק איז דאָס אַלגעמיינע בילד מיט אירע פּערסאָנאַזשן און כאַראַקטערן. די דעטאַלן זיינען נויטיק, אָבער ניט קיין עיקר שבעיקרים. זיי זיינען בלויז אָרנאַמענטן און באַ־פוצונגען, וואָס העלפן באַלויכטן די קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט פונעם שאַפער און דאָס געשאַפענע.

דאָס קינסטלערישע בילד מוז דעריבער זיין רעאַל און האָבן

דעם פּאַסנדיקן קאָלאָריט, אָן דער אויסגעדראָשענער רעטאָריק און פלאַפּלעריי.

⁂

דאָס ליד וואָס רופט ניט אַרויס קיין טיפע עמאָציע, איז שאַבלאָן און אָן דיכטערישן טאַלאַנט. אַזאַ ליד פאַרמאָגט ניט קיין שוואונג און ניט קיין פּאַטאָס; אַזאַ ליד איז פּוסט און פּרעטענציעז, אָפט אפילו פאַרפירעריש און גראַפאָמאַניש.

⁂

די יידישע דיכטונג רעפלעקטירט בלויז מיט פּרוביר־טענער דעם איצטיקן שעת החירום; זי איז בלויז טיילווייז באַרירט פון אונדזער גרויסער טראַגיק. דאָס גרויסע דיכטעריש ווערק וואָס זאָל אַרויסברענגען דעם גאַנצן ווייי און בראָך פון אונדזער חורבן, איז נאָך ניט געשאַפן געוואָרן. דאָ און דאָרטן באַווייזט זיך אַ פלאַמע פון דעם מין, אָבער ס׳פעלט נאָך אַלץ דער גרויסער פאַרנעם וואָס זאָל מיט עכט קינסטלערישן טעמפּעראַמענט קאָאָרדינירן די מוראדיקע פאַקטישקייט פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שווידער און פאָלקס־אומקום.

⁂

דער שריפטשטעלער וואָס זאָגט אַלץ אַרויס מיט אימפּעט, איז אָפט צו באַרעדעוודיק. קאָנטיק, אַז ער האָט מורא דאָס דער אימפּעט זיינער וועט פאַרטונקלען דעם געדאַנק. ס׳איז אָבער תמיד פונקט דער היפּוך: ניט דער געדאַנק ווערט פאַרטונקלט, נאָר דער שעפערישער אימפּעט.

XXVI

ליטעראַטור קריטיק איז אַ וויכטיקער צווייג פון קינסטלערישער שאַפונג, און טראָגט מיט זיך גאָר גרויסע אחריותן. דער עיקרדיקער צוועק פון ליטעראַטור־קריטיק איז צו געבן דער יצירהדיקער קונסט איר ריכטיקע געשטאַלטיקייט.

דער ליטעראַטור קריטיקער דאַרף זיין דער פון הימל־דערזיגנירטער קענער פון פאָרם און סטיל, און האָבן דעם געזונטסטן און בעסט־אַנטוויקלטן חוש אויפצוכאַפּן דעם סאַמע קלענסטן ניואַנס, די סאַמע דינסטע פּעדים פון דעם קינסטלערישן געוועב און די שטילסטע דממה דקהדיקע טענער.

דער קריטיקער מוז זיין דער טיפער אַנאַליטיקער וואָס זאָל קענען

פאַנאַנדערטיילן די פילע עלעמענטן אין דעם קינסטלערישן געוועב, און פון יעדן באַזונדערן טייל אַרויסברייננגען דעם עסענץ און מקור.

דער קריטיקער מוז אויך זיין אַ פעאיקער אָרגאַניזאַטאָר וואָס זאָל קענען צונויפבינדן און צוזאַמענהעפטן אין איין פולשטענדיקער איינהייט די פילע באַזונדערע וויטאַלע עלעמענטן און אין זיי אַריינבלאָזן דעם רוח החיים.

דער אמתער קריטיקער איז באמת דער וואָס איז משלים און גיט דער נשמה דעם געשמאַקן גוף. זיין חלק אין דער קינסטלערישער יצירה איז דעריבער אַ פּאַרענטאַלע, און איז אַ גלייכער שותף מיטן אויטאָר און דיכטער.

דר. איסר גינזבורג

דר. איסר גינזבורג איז אַ יידיש-וויסנשאַפטלעכער דענקער, וואָס האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט עטלעכע גאָר וויכטיקע און וואַגיקע פאָרשערישע אַרבעטן איבער יידישע געשיכטע. ער איז צווישן יידישע שרייבער דער פיינער מלומד, וואָס האַלט זיך נאָך פעסט געבונדן אין יידישער געלערנטקייט. ער איז אויך דער ערנסטער מתמיד און גרויסער חריף, וואָס שאַרפט דעם מוח איבער ערנסטע שטודיעם און גרינטלעכע דערפאָרשונגען אין די אַלט-יידישע מקורות.

זיין וויכטיק ווערק איז בלי ספק דוקא דאָס לפי ערכדיקע קליין ביכל איבערן תלמוד. דאָרטן האָט ער אויף אַ שטרענג קאָנדענסירטן אופן באַוויזן אַרויסצוברייננגען קאָנקרעטע מוסטערן פון טויזנט יאָריקן שאַפונגס פּראָצעס און זיין השפעה איבערן יידיש-גייסטיקן לעבן.

אַ צווייט וואַגיק ווערק, שוין אויף אַ גרעסערן פאָרנעם, איז איבער דער מיטלאַלטערלעכער יידישער פילאָסאָפיע און דיכטונג, וואָס ער האָט זאָרגפעליק דערפאָרשט און צונויפגעזאַמלט. די צוויי בענד „יידישע דענקער און דיכטער פון מיטלאַלטער" זיינען מאָנומענטאַלע אַרבעטן וואָס ווייזן אָן אויף דר. גינזבורגס אייגנטימלעכער פערזענלעכקייט. דורך אָט די צוויי ווערק ברייננגט ער צוריק צום לעבן יענע גאָלדענע עפּאָכע, יענעם גאַנצן פרוכטבאַרן שעפערישן פעריאָד, אין וועלכן מיר דערזעען קלאָר און בולט די קריסטאַל שיינענדיקע כאַראַקטער-פּאָרטרעטן פון די יידישע גייסטיקע ריזן.

ד"ר איסר גינזבורג איז אויך דער ערנסטער יידישער פובליציסט און עסייאיסט וואָס באַווירקט מיט זיין פּאָלירטן וואָרט און טיפן דענ־קען. זיינע אַרטיקלען איבער ריין־יידישע טעמעס, זיינען תמיד אַקטועל און באַלערנדיק, פול אָנגעהויכט מיט יידיש־עטישע אני־מאמינס. זיין אופן שרייבן איז דער סטיל פון דער מאָדערנער עסיי, זיין וואָרט איז דערפינדעריש און דערפרישנדיק ראַציאָנאַל־שכלדיק, שאַרף־חריפותדיק און פול מיט שריפטשטעלערישן תוך און תוכן.

די מאָדערנע קונסט איז די, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם מאָדערנעם יידישן לעבן, די נשמה פון היינטיקן יידן און דעם מהות פון זיין גע־שטאַלטיקייט. די מאָדערנע קונסט איז די אַנטוויזערין פון די נייע באַגריפן, וואָס באַוועגט און באַאומרואיקט דעם איצטיקן דור.

די מאָדערנע יידישע קונסט איז די, וואָס שפּאַנט אַריבער די אַלטע צוימען און פאַרגרעסערט די מעגלעכקייטן צו געפינען דעם שליסל צו אַלע וואַריאירטע אַקאָרדן און טענער אין דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון דער טראַגישער צייט.

***

די עסיי איז אַ ליטעראַרישער זשאַנר וואָס געהערט צו דער ראַ־פינירטער קונסט. הגם זי פאַרמאָגט ניט קיין אייגן געשאַפענע טיפּן און כאַראַקטערן, איז זי אָבער דער דירעקטער אינסטרומענט וואָס מינעט מיט געדאַנקלעכקייט און וויברירט מיט חכמה און אינערציע.

***

דער טאַלאַנטפולער עסייאיסט איז אויך אַ דיכטער, און פאַרמאָגט אַ חוץ גייסטרייכקייט און פּאָטענציעלע שעפערישע מעגלעכקייטן אויך לירישע עמאָציע און אַן אויער פאַר מוזיק און האַרמאָניע. דער עיקר אָבער מוז ער האָבן אַ שאַרף אויג צו דערזען בילדער, טיפּן און כאַראַק־טערן און אַ קולטיווירטן גייסט און שאַרפן חוש תופס צו זיין די פּראָבּ־לעמאַטישקייט און שווערקייט פון די וועלט ענינים.

דער עסייאיסט מוז האָבן אַ העל־קלאָרן געדאַנק. אַ רייכן שפּראַך־אוצר און פאַרמאָגן סימעטריע און וואָג אין פאָרם. דער עיקר אָבער מוז ער זיין אַ מענטש מיט גרויסער ערודיציע און מענטשלעכער קענטשאַפט, און קענען איבערגעבן זיינע אייגענע פאַרטראַכטונגען, אידייען און אמתן.

זלמן רייזען

זלמן רייזען איז געווען דער בעסטער אויסדריקער פון אינטעליגענץ, ווילן און שאַפנדיקן לעבנס־כּוח. ער איז אויך דער פיינסטער מוסטער פון זעלטענער אַרבעטסזאַמקייט פאַר אונדזער לשון און קולטור.

זלמן רייזען איז איינער פון די ערשטע בויער פון דער וועלטלעכער שול. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אַריינגעטראָגן אַ סך ענערגיע, ליידנשאַפט, קאָמפּעטענטקייט און געוויסנהאַפטיקייט. ער איז, אגב, געווען דער סאַמע ערשטער צו שאַפן אַ יידישע גראַמאַטיק, וואָס האָט געפאָדערט ערנסטן וויסן און פאַרשערישקייט.

זיין גרויסע ליבע צום יידישן וואָרט איז געווען דער שטויס צו גרויסע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, און אוודאי איז דער יידיש וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, וואָס ער האָט געהאָלפן גרינדן, זיין גרעסטער מאָנומענט. ניט קיין קלענערע ריזן־אַרבעט איז אויך דער „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע", אין וועלכן ער האָט פאַראייביגט די יידישע שאַפער אין דער גאַרער וועלט.

זלמן רייזען איז געווען אַ רעזערוואַר פון גייסטיקער שפּרודלקייט, און אַלע זיינע אַרבעטן דורכגעפירט מיט שוואונג און קענטשאַפט.

אַ געלונגענע קאָמבינירונג פון ווערטער און שורות באַשאַפט ניט קיין ליד, און איז ווייט ניט גענוג צו קענען באַווירקן דעם לייענערס עמאָציע און געפיל. אַ ליד קען פאַרמאָגן רייכקייט פון וואָרט און קאָנסטרוקציע, קען אפילו פאַרמאָגן פיין־געמאָלענע בילדער און אָרנאַמענטן, און דאָך פאַרבלייבן פּאָעטיש־אָרעם, טויט און פאַרגליווערט, ווי אַ גוף אָן אַ נשמה.

כּדי אַ ליד זאָל וועקן אונדזער פאַנטאַזיע און געפיל, מוז עס מינען מיט היים־קאָכיקן בלוט און שטראַליקן פּאַטאָס, מוז גליען און ברענען מיט דינאַמישן כּוח און דיכטערישן צעבליאונג און מוזן באַשטראַלן מיט געדאַנקען־פונקען פון וויזיאָנערישער גבורה.

***

אין אָן עפּאָס איז דער עיקר דער געשעענער פאַקט און די בילדלעכקייט אין וועלכער עס איז פאַרוועבט, ווייט אויסגעשיילט פון יעדער

אבסטראַקציע און אייגענער שטימונג. יעדער שטריך מוז זיין אַ פּרט פון אַ בילד אין שייכות מיט דער געשעעניש. און וואָס שטאַרקער די פּרטים זיינען צענויפגעבונדן אַלץ רעאַלער און עפעקטיווער איז דער עפּאָס.

⁂

דער עכטער קינסטלער איז דער גריבלער און ענדעקער פון קלאָר-פאָרמירטע געשטאַלטן. ער איז דער פּסיכאָ-אַנאַליטיקער וואָס גראָבט און דערגרונטעוועט מיט דעם שעפערישן שם המפורש אין דער גרויסער אומענדלעכקייט און קאָמבינירט עס מיט דעם קינסטלערישן פאָדים אין איין איינציקער גאַנצקייט.

XXVII

דער דיכטער איז אַ גרויסע גייסטיקע קראַפט, וואָס פורעמט אויס זיין אַרומנעמענדיקע וועלט, באַרירט און בליקט אַריין אין די טיפסטע לאַבירינטן, און שאַפט פון דאָרטן אַרויס גייסטיקע ווערטן און אייביקע מאָנומענטן.

דער דיכטער שעפּט פון טיפסטן גרונט פון זיין אייגענעם אונטער-באַוואוסטזיין גאַנצע זשמענעס מיט לירישע איידלשטיינער, מאָדולירט זיי און שלייפט זיי מיט זיין שפּראַכלעכער עשירות און הויכט אין זיי אַריין זיין אייגענעם לעבנס-אָטעם, זיין געלייטערטע וויזיע און קינסט-לערישקייט.

דער דיכטער שטייט תמיד העכער איבער צייט און רוים. און דערזעט טיפער און שאַרפער די אומענדלעך, אומבאַגרענעצטע און אומבאַצוואונגענעווירקלעכקייט. ער איז דער דורכגעפילטער ערנסט, דער דיכטערישער געוויסן, וואָס שטייט און ווירקט אין סאַמע צענטער פון פאָלקס-לעבן. ער דערפילט טיפער און אָנגעווייטאָגטער דעם ווײ און צער, דעם פּחד און גרויל, וואָס קלאַמערט דעם רוים און סביבה.

דער דיכטער ווערט קיינמאָל ניט דורכגעדרונגען מיט יאוש; צופיל לעבט ער מיטן גורל פון דער גאָרער וועלט, צופיל איז ער באַ-העפט מיט די ברייטע פאָלקס-מאַסן, צו בולט מערקט ער די אָנגע-זאַמלטע לעבנס-קעמפנדיקע כוחות פון זיין פאָלק. ער איז דעריבער תמיד דער שיינענדיקער ליכט-פּונקט, וואָס דערפרייט מיטן יום טוב פון זיין וואָרט, וואָס דערפירט און אינספּירירט צו געשיכטלעכע מעשים.

אהרן ציטלין

אהרן ציטלין איז אַ דיכטער פון גרויסן ערנסט און פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. זיין ליד, ווי בכלל זיין קינסטלערישע שאַפונג, טראָגט אין זיך זוימען פון אידעאַלן און גבורה.

ציטלין גייט אויף דעם אַלטן, שטאָלצן וועג פון אונדזער פאָלקס־געשיכטע, און שטעלט מיט זיך פאָר אַ פעסטן רצון. זיינע טענער זיינען אינספּירירט פון דער יידישער קבלה און סימבאָליסטיק, ניט פאַרזעענדיק דערביי אויך די אָנגעווייטאָגטקייט פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען און צייט־געשעענישן.

אין זיינע עסייען און דראַמען מערקט זיך בולט אַ פּרואוו צו פאַר־אייניקן דעם וויטן יידישן עבר מיט דעם הוה. דעם אַמאָל מיט דעם היינט, ער איז אין זיין עצם מהות, אין זיין גאַנצן פאָרנעם און תוכן, דער שאַפער וואָס דערזעט קלאָר די אידייאישקייט אין דעם פאַרגאַנ־גענעם פאָלקס לעבן און די טראַגישע צעריסנקייט אין דעם איצטיקן אומרו. דורך זיינע גאולה־טענער קריגט דער איצטיקער אומרו און שגעון אַ תיקון, און ער אַליין דערהויבט זיך מיט זיין פילזייטיקער פערזענלעכקייט.

אהרן ציטלין איז דער אינטעלעקטואַל, און זיין דיכטונג אַנטהאַלט דעריבער אַ שפּאָגל־נייע קונסט פאָרם, אַ פאָרם, וואָס אין שטאַרקן קאָנטראַסט צו די אָנגענומענע לירישע פאָרמען. ער שטרעבט צו דער אַבסאָלוטער דיכטונג פון ריינער עסטעטיק, און רעאַגירט אַ חוץ דורך דער עמאָציע אויך מיטן אינטעלעקט.ביידע עלעמענטן שאַפן דעריבער די פולשטענדיקע האַרמאָניע.

אהרן ציטלין איז פונדעסטוועגן פּראָדוקטיוו, און זיינע שאַפונגען שטראָמען ווי פון אַ פליסנדיקן קוואַל, פול מיט דער גאַנצקייט פון פלייש און בלוט. אין זיין גרויסער פּראָדוקטיוויטעט וויקלט ער פאָר אונדז פאַנאַנדער אַלערליי וואַריאַנטן און ראַנדן, ים־כוואַליעס און ים־ברעגן, מיסטיציזם און האַרטע רעאַליטעט, לעגענדע און פאַקט, פאַנטאַזיע און געשיכטע. און פון דעם אַלעמען טויכט אַרויס זיין אייגענע אומ־מיטלבאַרקייט, מיט אַלע אירע שאַטירונגען און ניואַנסן, פּרואוון און פעסטקייט, שוואַכקייט און גבורה.

אהרן ציטלין טרעט צו צו זיינע שאַפונגען מיט הויכן שוואונג

און גרויסע קענטעניש. ער באַרירט תקופות גאַנצע מיט זייער עב און פלוט, מיט זייער שטייגערונג און צוריקפאַל. די טיפסטע פּראָבלעמען וועגן וועלט און מענטש ווערן פון אים באַרירט, און אין אַלעמען שאַפט ער אַ האַרמאָנישע סינטעז, אַ דיכטערישן תיקון.

מלך ראַוויטש

מלך ראַוויטשעס לידער זיינען פול מיט אויפטרייסלונגען און שטימונגען, דורכגענומען און דורכגעדרונגען מיט כל־ערליי בילדער און פּאַנאָראַמעס פון זיינע וואַנדערונגען.

זיין דיכטערישער אומרו איז ווי דער אומרו פון דער איצטיקער צייט, און עס זעט זיך אַרויס גאָר די וואָגלעניש און נע־ונדקייט. מלך ראַוויטש איז דער מאָדערנער בנימין השלישי, וואָס פאַרשלעפּט זיך אין די סאַמע ווייטסטע וועלט־ווינקלען, וואו עס וויברירט נאָר מיט יידיש לעבן. הערן מיר דעריבער ביי אים טענער און קלאַנגען פון ווייט אומבאַקאַנטע גערטנגלעניש, פון פאַרוואָגלטע יידישע נשמות אין אַ פרעמדער סביבה און פון טיף בענקנדיקע נאָך אינהאַלט און אַנהאַלט.

מלך ראַוויטש איז דער ספוג, דער לעש־פּאַפּיר, וואָס זאַפּט אין זיך איין גאָר דעם וועלט־חלל און נעמט אויף זיין יעדן קלאַנג. יעדן טאָן. יעדן ווי און יעדן צער. אין יעדן לאַנד דערזעט ער דאָס אייגנ־אַרטיקע. דאָס נייע, דאָס פרעמדע. וואָס זוכט זיך צו שטאַרקן איבערן אַלטן, איבערן היימישן און דורות־לאַנגן. ער איז דער חלוץ, דער דיכ־טער־פּיאָנער, וואָס מאַרשירט פאָראויס איבער לאַנד און וועלט טייל און כאַפּט אויף מיט זיין קינסטלעריש־אַנטוויקלטן חוש די נייע יצירה, די יידישע שאַפונג אויף נייעם, אומפאַרזייטן באָדן.

און ראַוויטש האָט אַ שאַרף אויג און כאַפּט אויף יעדן קאָליר, יעדן אויסדרוק, יעדן בילד, און צעשמעלצט עס אין זיין אייגענער איינגע־שלאָסנקייט, אין דער אייגענער וויזיע, אין דער אייגענער האַרציקייט. דערפאַר איז ער אַזוי ליריש־ווייך, און זיין ליד צערטלט אפילו אין דעם געברויז און שטורם. אין די אויפגערודערטע קולות איז פאַראַן פאַר־וויגנדיקע רו, אין דעם אומרו — אַ וועלט מיט שלוה, אין דער טראַגיש־קייט — אַ ים מיט נחמה.

איציק מאַנגער

איציק מאַנגער האָט מיט זיינע פּאָעטישע אויסגערייפטע פערזן, מיט זיין אייגנאַרטיקער שיינקייט און פאַנטאַזיע אָנטפּלעקט, באַרייכערט און אָפּגעפרישט דעם ביבלישן מאָטיוו, געגעבן אונדז דעם עבר מיטן היינט, דורות פּאַטריאַרכאַלישע יידישקייט און אָריגינעלע שפּראַכלעכע שטאַרקייט.

דאָס רעליגיעזע געפיל, אין דעם שטיפערישן שאַרך, דאָס פּרימיטיווע און דאָס מאָדערנע, היינטוועלטיקע, לעגענדע און ווירקלעכקייט, קלאַמערן זיך אין דיכטערישע פולקייט און דירעקטע, אינטענסיווע קינסטלערישע פרישע טענער, — וואָס פאַר אַ פיינער אויער, וואָס פאַר אַ שפּראַכלעכע עמפּפינדלעכקייט ער האָט פאַר ביבלישע מאָטיוון, געשטאַלטן און פאַרבן ! ער באַנוצט די געוויינלעכסטע ווערטער, די אַלט-באַקאַנטע עפּיזאָדן, וועלכע ער פאַרעמט איבער אין עפּעס אַ שפּאָגל נייע בילדערישע ליליען דופטיקייט, אין אַ פּאָעטיש, סטיליסטישע דערציילערישע, חנעוודיקייט, מיט זיין טיפּישן פאָלקסטימלעכן אַרומברייגגען פון די געשטאַלטן. אָט דער מין אָריגינעלע לידער זיינען אַ גאָר וויכטיקע אַנדייטונג אויף זיין פולן פּאָעטישן כוח, אויף זיין גייסטיקער אויסגערייפטקייט מיט וועלכן ער האָט באַפרוכפּערט דעם ביבלישן מאָטיוו, אָפּגעפרישט מיט אידילישן, סימבאָלישן מעלאָדישן פאָרם די עטישע אידייען און שטרעמונגען פון דעם חומש.

איציק מאַנגער איז אין אַלע זיינע לידער און באַלאַדן וואָס זיינען טיילווייז טיף ליריש און טיף אויסטערליש, אומערדיש מיט דעם געמאָלענעם שווידער אין זיי. דער געלייטערטער אויסדריקער פון אַן אייגענעם קלאַנג, פון אַן אייגענעם אוממיטלבאַרן טאָן ; ער איז בכלל דער ווירקנדער פאַקטאָר, איינער פון אונדזערע ענערגישסטע פאַרשטייער אין דעם קאַמף פאַר אונדזער בעסערער ליטעראַטור.

XXVIII

ברוך גלאַזמאַן

ברוך גלאַזמאַן איז אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט אין זיינע דערציילונגען געמאָלן מיט אַ גאָר ניש-קשהדיקער לעבנס-אמתער געניטקייט און אייגנטימלעכער בילדלעכקייט דעם שטורעם און דראַנג פון

גרויס שטאָטישן לעבן. ער האָט מיט לעבעדיקער רעאַליטעט אַרומגע־גומען גאָר די פאַרלוירנקייט פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש, וועלכער איז דאָ אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זיין היימישן לעבן, פון זיין היימי־שער סביבה און דורות־אייגנאַרטיקן לעבענסשטייגער, און דאַרף דאָ, אין די וויטסטע מקומות פון אַמעריקע, זיך צופּאַסן צו פרעמדע באַדינ־גונגען, פרעמדע פירונגען, זיטן און סאָציאַלן איינשטעל.

צו די דאָזיקע מענטשן און באַדינגונגען, גייט גלאַזמאַן צו מיט אַ ציל־באַוואוסטן שאַפונגס־וועג, מיט אַ טיפן קולטיווירטן חוש, מיט אַ פיינעם אויפגעפּאַסטן געפיל פאַרן ניואַנס און פּלאַסטיק. גלאַזמאַן ברענגט בולט אַרויס דעם קינסטלערישן סינטעז, די פּראָבלעמען, שטי־מונגען און ברויזונגען פון די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן. דורך די אַלגעמיינע סאָציאַלע ראַנגלענישן, וויקלט ער פאַר אונדז פאַנאַנדער די פולבלוטיקסטע בילדער פון היגן רעאַלן לעבן.

גלאַזמאַנס פּענזל איז אַ גרויסער און פילפאַרביקער, זיינע קאַנוועס און לייווענטן זיינען אויסגעשטרעקטע און ברייטע. זעען מיר ביי אים דערפאַר דערציילונגען פון פאַרשיידענע מינים: רעאַליסטישע און סימבאָלישע, מיסטישע און עראָטישע, בעל הביתישע און פּראָלעטאַ־רישע. ביי גלאַזמאַנען איז אָבער דאָס פּראָלעטאַרישע ניט צעשוואומען מיט סתם פּאַטעטישע טענער, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי אַ סך אַנדערע, אין וועלכע דאָס סאָציאַל־אַנגעוויטיקטע פאַרבלייבט דאָס קינסטלע־רישע און פאַרשרייט דורך די סאָציאַלע פּרעטענציעס דעם געלייטערטן אינהאַלט.

גלאַזמאַנס דערציילונגען, אפילו די עכט פּראָלעטאַרישע, זיינען פיינסטע מוסטערן פון קינסטלערישער שאַפונג. דער אמתער קינסט־לער איז אין זיי גובר די אַלע טאַנדעטנע פּראָלעטאַרישע קרעכצערייען און אַגיטאַציע־מיטלען מיט וועלכע די פּראָלעטאַרישע שרייבער באַנוצן זיך אַזוי אָפט.

יעדע טעמאַטיק איז פאַר גלאַזמאַנען גוטער מאַטעריאַל, און יעדער איינער טראָגט ער אַריין זיין ראַפינירטן אויסדרוק, זיין קינסטלערישע וויזיע, זיין דיכטערישן סטיל און מוזיקאַלישן וואָרט. גאָר דעם שטורעם און אויפברויז, גאָר דעם קאַמף און געראַנגל, גאָר די טיפקייט און רייכקייט, פון דעם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד, דערזעט ער מיט זיין

קלאָר אויג, און דאָס פול-געזעענע, דאָס פול-פאַרביקע און פול-רויטיקע, שילדערט ער ווי אַ רייפער קינסטלער.

גלאַזמאַן איז דער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, וואָס טראָגט אין זיינע שאַפונגען אַריין אויך די האַרמאָניע פון זיין אייגענער וועלט, פון זיין אייגענעם באַנעם און בליק, דעם גייסטיקן ציטער און צאַפל פון זיין אייגענער נשמה. דערפאַר, וואָלט איך זאָגן, איז ער אפשר אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור דער שטאַרקסטער מאַנער און שטאַרקסטער אַפּהילכער פון אַלע אונדזערע סאָציאַלע פּראָבלעמען און וויטאָקן.

יקיר וואַרשאַווסקי

יקיר וואַרשאַווסקי איז שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר אַ ביישטייערער צו דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. ביידן האָט ער געגערט מיט זיין שפּראַך גלייטערטקייט און קינסטלערישער פּעדער, און אין זיי פאַרעפנטלעכט אַ גאָר גרויסע צאָל דערציילונגען פון אַ רעאַליסטישן פאַרנעם.

יקיר וואַרשאַווסקיס שאַפונגען זיינען זיכער מיט זייער אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט, מיט זייער אינעווייניקסטע אַנוגג און מיט זייער אַפּט דעליקאַטע, פּסיכאָלאָגישע דורכדרינגלעכקייט. ער באַזיצט דעם שטילן, ווייכן קלאַנג צו צייכנען בילדער אין אַלע זיינע דעטאַלן און שטריכן, און דאָך אַרויסקומען קרעפטיק-קינסטלעריש און האַרמאָניש-לעבעדיק.

זיין ליטעראַרישער דערפאָלג דערגרייכט ניט ווייט, און ס'רעשט זיך מיט אים ניט אין אונדזער ליטעראַריש וועלטל. ער האָט זיך ניט דערוואָרבן די אַזוי-גערופענע באַרימטקייט פון זיינע קאָנטעמפּאָראַרן, וועלכע האָבן אים איבערגעיאָגט אין געקליגלטער רעקלאַמע בלויז דורך זייער כלומרשטדיקער מאַסן-פּראָדוקציע און חוצפּהדיקער שטופּעניש.

יקיר וואַרשאַווסקי איז אַליין אויך דער שטילער, בנעימותדיקער און בהדרגהדיקער קינסטלער, וואָס זוכט ניט אין זיינע שאַפונגען אַריינצוברענגען דאָס עפּיטעטיש-פּיקאַנטע, דאָס סענסאַציאָנעל-שרייענדיקע, וואָס זאָל רייצן דעם לייענער זיך צו פאַרקוקן און פּאַסמאַקעווען מיט דעם נאַקעטן פלייש פון די צעוואַקסענע גופים אין זיינע פיגורן.

יקיר ווארשאווסקי יאָגט זיך ניט נאָך ליטעראַרישע סענסאַציעס, און פאַרקוקט זיך ניט אויף דעם חומרדיקן און קערפּערלעכן, אויף דעם פליישיקן און תאוהדיקן. אים אינטערעסירט בלויז דער אינעווייניקסטער באַריר,, דער אינעווייניקסטער צאַפּל, די גייסטיקע געשטאַלטיקייט און די רוחניותדיקע אייגנשאַפטן.

יקיר ווארשאַווסקי איז ניט קיין לייטער־קריכער און ניט קיין סטענגגן־ציער. ער איז ערלעך צו זיך אַליין און גיט אונדז בלויז דאָס וואָס זיין אייגענע ראַפינירטקייט און אויסגעאיידלטקייט איז מסוגל אַרויסצוגעבן. אַזוי האָט ער אונדז געגעבן זיין געראָטן בוך „די לעצטע", אין וועלכן ער ווייזט אונדז אַ גאַלעריע יידישע טיפּן פון דעם אַמאָליקן חסידישן לעבן מיט זייער פּילפּאַרביקן לעבנסשטייגער, וואָס ווערט איצטער כמעט אָפּגעווישט און פאַרגעסן. אַט יענע פּאַטריאַרכאַלישע חסידישע און מתנגדישע פיגורן האָט ער צוריק באַלעבט אין פיין געפורעמטע אידילישע בילדער, דורך וועלכע ער האָט דערגרייכט אַ קינסטלערישן ווענדט־פונקט, דעם ווענד־פונקט צו דערזען און דערפילן זיינע אייגענע שאַפונגס־כוחות.

ניט תמיד זיינען גרויסע מאָטיוון און אידעאַליסטישע פיגורן דער מאַטעריאַל דורך וועלכן דער קינסטלער דערהויבט זיך און אַנטפּלעקט זיך. דער אמתער קינסטלער איז גרויס אפילו ווען ער האָט פאַר זיך אַ קליינע ראַם, אַן אומבאַדייטנדיקע טעמע אָדער אַ נעגאַטיוון טיפּ. אין דעם קינסטלערס האַנט ווערן אפילו די נעגאַטיווע טיפּן דערהויבן און קריגן זייער אמתן תיקון.

דער שרייענדיקער מאָטיוו איז דער מאָדע־מאָטיוו פון מעכאַנישע, קינצלעך־אויסגעטראַכטע עפעקטן, און בלויז טאַלאַנטלאָזיקע פּרובירן זיך דאַדורך אויפצוהויבן. די פליגלען זייערע זיינען פּאַפּירענע, און ווערן צעפאַלן אינעם מינדסטן ווינטעלע.

דער עכטער קינסטלער וועט פונעם סאַמע אומבאַדייטנדיקסטן אויסקנעטן עפּעס גרויסעס, ווייל ניט דער צענטראַל מאָטיוו און אידייע לייטערט דעם קינסטלער נאָר דער קינסטלער לייטערט אויס די אידייע. ער דערהויבט דעם קליין־מאָטיוו מיט זיין קינסטלערישער קדושה, און דורך זיין נאַרוג וואַקסט זי זיך פאַנאַנדער און ווערט גרויס.

***

דער עכטער קינסטלער איז בבחינת אימפּאָרטירער און אָפּנעמער. ער איז דער דאָזיקער וואָס לייזט זיך אויף, גייט אַרויס פון די גרענעצן פון זיין אייגענעם איך, כדי צו זיין אין דער מדרגה אויפצונעמען מיט אַלע זיינע חושים דעם אַנדערנס איך, און זיך אריינצולעבן אין יענעמס וועלט-באַנעם, אין יענעמס געפילן און באַגריפן, אין יענעמס פרייד און צער, אין יענעמס עליהם און ירידות. ר'איז דער שפּינער פון יענעמס איידלסטע פעדים מיט וועלכע ער וועבט זיך גייסטיק צענויף, און אַנטפּלעקט פאַר אונדז גאָר די דעליקאַטע און אומבאַגרייפלעכע שטריכן און פיבערן, גאָר דאָס פאַרהוילענע און פאַרבאָרגענע פון אונדזער אויג און חוש. אָט דאָס דאָזיקע איז דער קינסטלערישער תכלית און עיקר, דער עצם תוכיקער שאַפונגס-אינהאַלט און כוח.

XXIX

א. ראַבאָי

א. ראַבאָי איז געווען אַן אייגנאַרטיקער שריפטשטעלער, און אַזוי איז ער פאַרבליבן אין זיין גאַנצער שאַפונג.

אָנגעהויבן האָט ער מיט די „יונגע", און פון סאַמע אָנהויב אָן פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענעם אָרט.

ער איז אפשר געווען דער ערשטער וואָס האָט זיין קינסטלערישע שאַפונג פאַרבונדן מיט דער מאַשין און פאַבריק, און אוודאי אויך דער ערשטער וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אריינגעפירט דעם שילדערונגס-פאַרנעם פון בהמות. ער האָט געהאַט אַ טיפע ליבשאַפט צו אָט די דאָזיקע שטומע באַשעפענישן, און זיי געמאָלן מיט צאַרטקייט און פאַרשטענדעניש.

שוין ביים סאַמע אָנהויב האָט זיך זיין טאַלאַנט שאַרף אָנגעזען; זיין פעדער איז געווען אַ זאַפטיקע, און דאָס אויג זיינס — דורכדרינגנ-דיק און אַרומכאַפּנדיק. ער איז געווען דער שאַרפער באַאָבאַכטער וואָס דערזעט יעדע פאַרב, יעדן ניואַנס, יעדן שטריך, און זיינע בילדער זיינען דעריבער פולבלוטיק-לעבעדיק מיט אמת אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און טאַלאַנטירטער דערפינדערישקייט.

ראַבאָיס בילדער זיינען אַן איבערראַשונג פון שטילן מענטשלעכן

ליריזם, און אָטעמט מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט צום מענטשן און, להבדיל, בהמה. זיין ווערק „הער גאָלדענבאַרג" איז דורכאויס אָריגינעל ראַבאָיש. ס'איז אין גרויסן קאָנטראַסט צו דער שטאָט מיט אירע גרויע איינטאָניקע פאַבריקן, און רעסטאַווירט דאָס לעבן פונעם יידן אויפן ערד־באָדן וואָס איז אַ דורותדיקער מקור פון דער יידישער גאַנצקייט.

ראַבאָי איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַרקעמפער פאַרן מאָדערנעם קינסטלערישן וואָרט און דעם פרוכטבאַרן יידישן שאַפן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. אין יעדן ראָמאַן זיינעם, ווי למשל אין „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע", זעט זיך בולט אַרויס זיין רייכער אויסוואַל און קינסטלערישקייט. יעדער זאַץ זיינער איז שטראָמיק און פול־פּרטימדיק, באַטאָנענדיק דאָס סאַמע נויטיקסטע אין דעם אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער.

זיין פּראָזאַאישער סטיל איז אין עצם ריינער, שטילער ליריזם. עפּעס פּאָעטיש־אידילישעס הויערט און כוואַליעט אין רייכער רחבות־דיקייט. ס'איז די רחבותדיקייט פון נייעם אינהאַלט און בענקשאַפט נאָך דער גרויסער פּרעירי.

ראַבאָי איז אפילו אין זיינע פּראָזאַאישע ווערק דורכאויס דיכטער, און זיינע טיפן און כאַראַקטערן ווערן ריטמיש אויסגעזונגען. זיינע בילדער פאַרבלענדן ניט, נאָר באַווירקן אונדז מיט דער פילפאַרביקער סביבה און רייכקייט פון טאָן און קלאַנג. צי ער מאָלט די אַמעריקאַנער פּרעירי צי דאָס היימישע בעסאַראַביער שטעטל, פילט זיך אַלץ די קאָאָרדינירטע קינסטלערישע גבורה פון זיין לירישער און שפּראַכלעכער ווירטואָזיטעט.

שאַפער זיינען פאַראַן צווייערליי: אינטעליגענטן און פאָלקס־מענטשן. דער געוויינטלעכער לייענער האָט ניט קיין צו גרויסע ליב־שאַפט צום אינטעליגענטן און אַקאַדעמישן שאַפער. דער דאָזיקער לייענער האָט ניט בדעה און פאַרמאָגט ניט דעם כוח תופס צו זיין דעם ברייטן קולטורעלן־ניוואָ פון געלערנטקייט און גרינטלעכער דערפאָר־שונג. דערפאַר נעמט ער גערן אויף די שאַפונג פונעם פאָלקסמענטשן, וואָס איז הגם טאַלאַנטירט דאָך אויבנאויפיק און פלאַך, אָן חזיונות און געדאַנקען. ביידע, סיי דער שאַפער און סיי דער לייענער, זיינען דאָ שטאַרק צופרידן מיט דער אייגענער גייסטיקייט; ביידע דערפילן

אַ שטאַרקע קרובֿותשאַפֿט מחמת ביידע פֿאַרמאָגן דעם זעלבן פּרימיטיוון וועלט־באַנעם און איינגעשרומפּטן אַטראָפֿירטן מוח.

***

די יידישע דיכטונג האָט אין איר גרויסער אַנטוויקלונג דורכגעמאַכט אַלע פּאַזן און מדרגות. געקומען איז זי אויף דער ליכטיקער שיין אַן אָרעמע און נאַקעטע ווי אַ ניי־געבוירן קינד, און דאָך האָט זי אין משך פֿון די קורצע אומוואַנדלונגס־יאָרן אויפֿגעשפּראָצט אויף אַן אייגענעם פֿאַראַקערטן באָדן און זיך טיף פֿאַרוואָרצלט אין אַן אייגן־געשאַפֿענער טראַדיציע.

איצט איז די יידישע דיכטונג פֿול מיט טענער וואָס זיינען אי עכט־יידיש און אי אַלמענטשלעך, אי שטרענג יחידיש און אי אַלגעמיין־קאָלעקטיוו. די יידישע דיכטונג האָט איצטער שוין דערגרייכט די מדרגה פֿון אויסגעוואַקסנקייט און רייפֿקייט, און אַנטהאַלט דעריבער אין זיך גאָר דעם אוצר פֿון אונדזער שעפֿערישקייט.

***

גרויס איז דער דיכטער וואָס טראָגט אין זיך די ריזיקע אוצרות פֿון אונדזער דורותדיקייט; גרויס איז דער וועמענס ליד האָט אויך די פֿיבערדיקע שיינקייטן פֿון זיין אייגענעם דור; גרויס איז דער דיכטער וואָס איז אַ סינטעז פֿון דעם אייביקן עבֿר און דעם ליכטיקן עתיד.

גרויס איז דער דיכטער וועמענס ליד עס איז אַן אויפֿגייענדיקע לבֿנה און גליענדיקער זוניקער פֿלאַם; גרויס איז דער דיכטער וואָס איז ווי אַ שאַרף אויפֿגעריסן אויג, און ברייט און פֿאַרביק ווי אַ רעגנבויגן; גרויס איז דער דיכטער וואָס טראָגט אין זיך דעם צער און צאָרן פֿון אַ מוכיח און נבֿיא, און איז געגערט מיט דער אהבֿת הבריות פֿון אַ ר׳ לוי יצחק.

גרויס איז דער דיכטער וואָס שפּריצט מיט פֿרישן ברענענדיקן וואָרט, און שטרעקט זיינע הענט אין אַ תּפֿילה־זכותדיקער פֿאַרכמיקייט צום הימל; גרויס איז דער דיכטער וועמענס זין און געדאַנק איז אידייאיש פֿאַרוואָרצלט אין זיין וועזן, און איז געבונדן און באַהאַפֿטן מיט עטישער פֿיינקייט און געטלעכער קדושה; גרויס איז דער דיכטער וועמענס ליד איז באַלויכטן מיט העל־זעערישער דערקענטניש, און איז תּופֿס דעם תּכלית און זינלעכקייט פֿון לעבן.

XXX

פאַראַן ביי אונדז שריפטשטעלער וואָס שרייבן אַלערליי ענינים. יעדער סוביעקט, יעדער פּראָבלעם, יעדער צווייג איבער סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פראגן, איבער וועלט געשיכטע און וועלט פּאָליטיק, איבער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור, און איבער פאַמיליע לעבן און קינדער דערציאונג.

עס איז טאַקע מעגלעך פאר אונדזערן אַ שרייבער, ווי גייסטרייך און פעאיק ער זאָל ניט זיין, צו באַזיצן אין זיך אַזוי פיל גאונות, אַזוי פיל בקיאות, אַזוי פיל ערודיציע, אַז ער זאָל קענען זיין אַ ספּעץ און מומחה אבער אַלץ און אַלעמען? קאָן אַן איינציקער מענטש פאַרמאָגן אין זיך אַזוי פיל וויסן, חריפות און פעאיקייט אַז ער זאָל שרייבן איבער יעדער איינצלנער טעמע גרינטלעך פאַרטיפט און פאַרטראַכט?

דער אמת איז, אַז דער געניאַלסטער מוח קאָן ניט זיין פולשטענדיק, און דער דאָזיקער יידישער שריפטשטעלער טוט זיך גרויסן שאָדן. ער צעוואָרפט זיינע נויטיקע כוחות ווי פייער פונקן אין אַ ים, און ווערט דאַדורך אָפּט קלענער פון אַ מיטלמעסיקן שרייבער. עס פעלט אין זיין שרייבן דער קערנדיקער קיום פון רייפן געדאַנק און וואָרט.

דוד איינהאָרן

דוד איינהאָרן איז איינער פון אונדזערע פיינסטע דיכטער אין דער יונגער יידישער ליריק. זיינע פּאָעמעס, סאָנעטן און באַלאַדעס זיינען שטילע אידילישע טרוימערייען באַהויכט מיט ראָמאַנטיק און סימבאָליזם.

איינהאָרן האָט אויך געשריבן פובליציסטיק אין אַ האַלב בעלעטריסטישער פאָרם אין וועלכע ער מאַכט אַ פאַרזוך צו ברענגען אין דער עפנטלעכקייט דעם יידן מיט זיינע בלאָנדזשעענישן און פאַרצווייפלונגען. זיין כוח ליגט אָבער ניט אין דער פראַזע, אפילו ניט אין דער בעסערער. זיין אָנזען האָט איינהאָרן דערגרייכט דוקא אין דער פּאָעזיע אין וועלכער ער האָט אַריינגעבראַכט אַן אייגנאַרטיקן טאָן.

איינהאָרנס לידער זיינען וויזיאָנערישע פון בין השמשותדיקער שטימונג, פול מיט סודותדיקע געוועבן פון מענטש און וועלט.

משה לייב האַלפּערן

משה לייב האַלפּערן איז דער קרעפטיקער דיכטער פון מעכטיקן, אויסגעשטראַלטן וואָרט, פון אָריגינעלע אַנטפּלעקונגס טענער.

פּעסט און זיכער איז ער געקומען מיט זיינע טיף דורכגעפילטע לידער, און אַ כוואַליע געטאָן מיט עמאָציאָנעלן פלאַמענדיקן פּראָטעסט. געטאָן האָט ער עס מיט זיינע אייגן געשאַפטע מיטלען: מיט זיין אומרו און מוטיקייט, מיט זיין האַס און ליבע.

משה לייב איז דער פּאָעט וואָס האָט געטראָגן אין זיין נשמה דעם פּעסימיזם גליענדיקן האַס און צאָרן קעגן אַלערליי געפאַלנקייטן, און פאַרדרוס אויף די קליינע השגהלעך און גייסטלאָזער פוסטקייט פון גאָר אַ סך. ער האָט מיט דער שאַרפסטער פּראָזירונג פון זיינע דויערנדיקע, געוואָגטע טענער חוזק געמאַכט פון דער וועלט, אַרונטערגעריסן אירע קאָנווענציאָנעלע מנהגים, זיטן, גלויבנס און געטער.

אין אַלע זיינע לידער, הן די סאַטירישע און הן די ליריש פאַר־טראַכטע, פילט זיך דער עטישער חוש, דער טיפער זין און דער אַנט־גילטיקער העלדן מוט און שטורמישע דראַאונגען פונעם בויענדיקן אַרבעטער קלאַס.

זלמן שניאור

זלמן שניאור איז פון די פאָר געציילטע גרויסע דיכטער אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס פאַרנעמט אויך אַ גאָר חשובן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. גאַנץ יונג האָט ער שוין אָנגעהויבן ווירקן מיט זיין רייכן, ליטעראַרישן פאַרנעם, מיט זיין נייעם לעבעדיקן אויס־דרוק, וואָס איז געווען קינסטלעריש געפורעמט און פול מיט פילבאַרן אויסברוך און דיכטערישן אָנזאָג.

זיינע לידער זיינען באַהויכט מיט שוואונג און פּאַטאָס איבערן מענטשן און זיין כסדרדיקן געראַנגל. ער איז דער פּאָעט וואָס זינגט איבער נאַטור און שטילע, פיינלעכע איינזאַמקייטן, אָבער דערהויבן האָט ער זיך אין די ליבע לידער, וועלכע זיינען פול מיט גליענדיקער תאוה, פול מיט זידיקער ליידנשאַפט און געזונטן, מענטשלעכן לעבנס־לוסט.

אין זיינע וואָגיקע פּראָזאַאישע ווערק ווי די „שקלאָווער יידן", מאַניפעסטירט ער אויף אַ ריזיקן אופן זיין קערנדיקן טאַלאַנט. ער איז

דער טיפער פסיכאָלאָג, דער גרונטלעכער שילדערער פונעם פשוטן עמך ייד און דעם לאַנג פאַרגאַנגענעם טיפּ און לעבנסשטייגער.

זיינע פאַרשווינען און טיפּן, וועלכע זיינען דורך זיין גלענצנדער פעדער אויסגעקריסטאַליזירט געוואָרן אין אַ נייעם אויסגעברייטערטן פולגעשטאַלטן ליכט, זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ דינעם קינסטלערישן הומאָר — אַן אַנגענעמענע אַנטפּלעקונג אין אונדזער ליטעראַטור.

XXXI

ש. ר אָ ז ע נ פ ע ל ד

ש. ראָזענפעלד האָט העכער פופציק יאָר נאָכאַנאַנד געשאַפן אין העברעאיש און אין יידיש, און ביידע ליטעראַטורן האָט ער באַפרוכ־פערט און באַרייכערט.

ראָזענפעלד איז קודם כל געווען דער אויסגעצייכנטער זשורנאַ־ליסט און פובליציסט. אַ דאַנק זיין פילזייטיקער ערודיציע און חריפות־דיקייט, האָט ער פאַרמאָגט דעם גרויסן כוח גרינטלעך צו אַנאַליזירן יעדן אַקטועלן פּראָבלעם. ער האָט זיך אויך באַצויגן צו זיין מלאכת הקודש מיט גאָר גרויסער פיעטעט און ערנסטקייט. שרייבן איז ביי אים געווען אַ געוואַלטיקער ענין, וואָס פאָדערט גרוים הכנה און טיפע כוונה.

ראָזענפעלדס לענגערע אָפּהאַנדלונגען און עסייען, זיינען תמיד געווען פריש און לעבעדיק, קרעפטיק און קוואַליק, שאַרף און בליצנדיק. זיין וואָרט איז געווען אַ דרייסטער און זיכערער, אָן ספיקותן און אָן פחדנות. ער האָט אַלץ פריער גוט פאַרטראַכט, געוואויגן און געמאָסטן, און האָט די לאָגיק און געוויסן אים דערפירט צו אַ מסקנא, האָט ער דאָס דאָזיקע אַרויסגעזאָגט מיט דער פולסטער זיכערקייט און טיפסטן גלויבן.

ס'איז ממש צו באַוואונדערן ווי פעסט און זיכער ער האָט זיך געפילט אין פּאָלעמיק. דאָ איז ער ממש געווען אַ גבר און איש חייל, געשלאָגן רעכטס און לינקס, און תמיד געטראָפן אין סאַמע שוואַכן פינטל. האָט ער אָנגעהויבן אַ פּאָלעמיק, איז ער גאָר גיך געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכער קעמפער, פאַרבליבן קנאידיק אָן פשרות און זיך ניט געשראָקן פאַרן סאַמע פּאָפּולערסטן צייט־גייסט. ער איז פון קיין באַווע־גונג און אידייע, ווי ווירקנדיק און אַקטועל זי זאָל ניט זיין, ניט פאַרכאַפּט

געוואָרן און ניט מיטגעריסן געוואָרן. ער האָט זיין תוך און תוכן, זיין אידייע און באַוועגונג, געפונען דורך אייגענער דערקענטניש, דורך דער אייגענער לאָגיק און טיף־יידישן באַוואוסטזיין. ער איז ניט געווען אַ מיטגייער, נאָר דער גייער אַליין. און זיין גאַנג און דרך איז געווען דער יידישער, דער המשכדיקער, דער וואָס רייסט קיינמאָל ניט איבער נאָר בינדט כסדר צונויף דאָס אַלטע מיטן נייעם.

דאָס עכט קינסטלערישע בילד דריקט תמיד אוים די אינדיווידועלע אייגנאַרטיקייט פונעם שאַפער. דאָס דאָזיקע איז דער ראשית כל דבר און עיקר שבעיקרים. ווען די אידייאישקייט און גייסטיקייט פונעם שאַפער קודם כל צום לעבעדיקן אויסדרוק, איז דאָס בילד קינסט־לעריש געגנוג אויסצואיבן אַן השפעה אויף אַנדערע.

וויל מען באמת פאַרשטיין דאָס קינסטלערישע בילד, מוז מען דעריבער קודם כל באַנעמען דעם שאַפערס פּערזענלעכקייט, דאָס וועזנטלעכע וואָס ליגט פאַרבאָרגן אינעם בילד, דאָס גייסטיקע און אידייאישע וואָס איז דערין פאַרוועבט און פאַרוואָרצלט.

⁂

דער ערנסטער קריטיקער איז ניט בלויז אַן אָפּשאַצער און אַנאַ־ליטיקער נאָר אויך אַ פולשטענדיקער מיטשאַפער. דער דאָזיקער קריטיקער פאַרמאָגט די באַגאַבונג דערצו, און פאַרשנדיק די מקורים פון די קונסט־שטראָמען, ווערט ער אַליין אַן עצם טייל פון דער שאַפונג.

היות דער קינסטלער און קריטיקער זיינען ביידע גלידער פון פאָלקס־גוף, מוז דער אָפּהילך זיין אַ בשותפותדיקער.

⁂

דער נעגאַטיווער שטריך מוז תמיד געשילדערט ווערן מיט דער כוונה פון קינסטלערישער שלמותדיקייט. דער שאַפער מוז זיין שטרענג אָביעקטיוו, אָן וועלכע פניות און נטיות, אָן אייגענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. דער קינסטלער מוז זיך אַרויסהויבן פון זיינע פּערזענ־לעכע טראַכטענישן און פאָראורטיילן. ער מוז געבן זיינע טיפן די ריכטיקע פסיכיק און גערעגלענישן מיט פולשטענדיקן גלייכגעוויכט און רואיקייט.

⁂

פּאָפּולערקייט איז ניט תמיד אַ צייכן פון גרויסקייט. אָפט איז עס

גאָר קינסטלערישע ירידה, אָן אַראָפּנידערונג פון דער גייסטיקער הויכקייט און קינסטלערישקייט צו אַ פּשוטער מיטלמעסיקייט אַ פאַר־שווענדערישער באַגער צו געפעלן דער „גאַליערקע", דעם עם הארצישן לייענער, וואָס האָט בטבע פיינט פאַרטיפקייט און פוילט זיך צו גריב־לען אין די ספערן פון גאונותדיקייט.

דער פאַרלאַנג צו געווינען לייענער צווינגט אָפט דעם קינסטלער זיך צו באַנוצן מיט ביליקע זשעסטיקולאַציעס, בלויז אַ פינקל טאָן מיט אַ בילדלעכן דעטאַל, אָן דעם גליענדיקן פּאַטאָס, אָן דער פיל פּנימדיקער דערהויבנקייט, אָן דער אויסגעליכטיקטער פאַרטראַכטקייט וואָס צע־צינדט מאָטיוון מיט פול בלוטיקן לעבן, אָן דער גבורה פון אומרואיקער, זוכנדיקער גייסטיקייט, אָן דער באַפרייאונג פון די וואַכעדיקע פאָרמען און מאַסן־פּסיכאָלאָגיע.

דער אמתער קינסטלער טאָר זיך ניט יאָגן נאָך פּאָפּולאַריטעט און חן אין די אויגן פון די מאַסן לייענער. טוט ער עס יאָ, באַשרענקט ער זיך, קרעמפּעוועט זיך צונויף, און צוימט זיינע קינסטלערישע כוחות. דער קינסטלערישער ציל דאַרף זיין — לערנען, באַרייכערן דעם לייע־נערס וויסן און אים לייטערן, קריסטאַליזירן זיינע השגות און באַגריפן.

דער ערנסטער ליטעראַטור קריטיקער איז ניט בלויז אַן אָפּשאַצער, אָן אַנאַליטיקער, וואָס דערגרונטעוועט זיך און פאַרטייטשט, נאָר אויך אַ פּליסיקער אויספאָרשער וואָס געפינט די פונדאַמענטאַלע יסודות פון דעם קינסטלערס וויזיאָנערישע אָנרעגונג. ער זוכט קודם כל צו דערגיין די עפּאָכע און סביבה, דעם מצב און פעולות, וואָס האָבן באַווירקט דעם קינסטלער אין זיין שאַפונג. חוץ לזה מוז דער קריטיקער אין דעם ליכט פון יענער השפעה דערגיין די אינערלעכע וועלט, דעם סאָציאַלן פּרצוף, דעם אידעאַל און השקפה, פון דעם קינסטלער. בלויז דענסטמאָל קאָן דער קריטיקער באמת דערגיין דעם תוכן און תמצית, דעם פיינעם אָפּשטיין און קערנדיקן מקור פון דעם געשאַפענעם ווערק.

XXXII

דוד פרישמאַן

דוד פרישמאַן איז באַרימט אין דער העברעאישער ווי אין דער יידישער ליטעראַטור, און האָט ביידע באַרייכערט מיט זיין עסטעטישן

חוש פאַרן קונסט־וואָרט. מיט זיין געשליפענעם סטיל, שטרענגן אַקאַ־דעמישן אינטעלעקט און גרויסן וועלט־באַנעם, האָט ער אין דער ליטעראַטור פאַרפולשטענדיקט דעם פעליעטאָן.

דוד פרישמאַן איז אָבער אויך געווען דער קינסטלער אין דער פאַרטיפטער עסיי, וואָס איז אין איר אינעווייניקסטן עצם געווען אַ פרישער אָנזאָג אין זיין עפּאָכע. בכלל איז ער געווען אַ קינסטלער אין אַלע זיינע שאַפונגען, און זיין קינסטלערישקייט האָט זיך בולט אַרויס־געזען אין יעדער פאָרם זיינער: אין דעם פעליעטאָן, אין דער דער־ציילונג, אין דער באַלאַדע און אין דער קריטיק, וואו ער איז געווען דער שאַרפסטער אָפּשאַצער און שטרענגסטער פאָרשער.

פרישמאַן איז אין דער קריטיק געווען דער שטרענגסטער מאָנער, און האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט די ריין ליטעראַרישע ווערטן. פרישמאַן איז געווען דער מפונק און מומחה, דער אייראָפּעאישער אינ־טעלעקט און יידישער למדן, דער קינסטלער און עסטעט, דער חריף און בקי, דער גריבלער און זוכער, און די אַלע אייגנשאַפטן זיינע האָט ער זיך אַריינגעלעבט מיט אַלע זיינע רמ"ח איברים, אַריינגעבליקט מיט דער טיפסטער ראיה און ניט אָפּגעטראָטן אפילו אויף אַ קוצו של יוד.

דורך זיינע שאַפונגען דערזעען מיר אויך זיין אייגענע פערזענ־לעכקייט וואָס איז פול מיט פאַרנעם, פול מיט פאַרבן, פול מיט ענערגיע און פול מיט קינסטלערישער ליידנשאַפט, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט און ניט פּרובירט אין זיך צו דערשטיקן.

דוד פינסקי

דוד פינסקי האָט אין זיינע שאַפונגס יאָרן דורכגעמאַכט אַ פול־שטענדיקע טראַנספאָרמאַציע. אין די ערשטע יאָרן זיינע איז זיין ציל געווען אויפקלערונג און גייסטיקע אויסבילדונג. זיין בליק איז געווען געווענדעט אויף די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, און זיינע שאַפונגען זיינען אַלע כמעט דורכגעדרונגען מיט די סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אויפבויענדיק און שטאַרקנדיק זיין קינסטלערישן כוח, איז ער פון אַ רעאַליסט געוואָרן אַ ראָמאַנטיקער. ווי אַ ראָמאַנטיקער מאָלט ער אין די איבערלעבונגען און נשמה־אויסגוסן פון יעדן מענטשן, פון דעם גליקלעכן און אומגליקלעכן, פון דעם שוואַכן און שטאַרקן.

די דאָזיקע מענטשן מאָלט ער מיט אַ שאַרף, ווייטזיכטיק אויג פון וועלכן ס'לויכט אַרויס דער פולבלוטיקער, שעפערישער קינסטלער.

דוד איגנאַטאָוו

דוד איגנאַטאָוו, דער כאַראַקטערפולער אינדיווידואַליסט, איז דער קינסטלער וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט מיט זיין אייגנאַרטיקן וואָרט, מיט זיין אייגנאַרטיקן טאָן, און מיט זיין פאַרביקן און האַרמאָנישן קלאַנג. אין זיינע שאַפונגען זעט זיך קלאָר די עמפינדלעכקייט פון זיין טאָן און פאָרם. די טיפקייט און רייכקייט פון זיין טאַלאַנט און די גרויסקייט און שטאַרקייט פון זיין וויסן און בליק.

דוד איגנאַטאָוו צייכנט זיך אויס מיט זיין פעאיקייט אַריינצובליקן אין די סאַמע תהומות פון דעם היגן מגושמדיקן קעסלגרוב. דורך אים דערזעען מיר קלאָר דעם אימפעט פון אַלע געשעענישן, די בענקענישן פון אונדזער מאָדערנעם מענטשן זיך צו באַפעסטיקן אויף נייע יסודות.

י. י. זינגער

י. י. זינגער איז דער רייפער רעאַליסטישער בעלעטריסט, איינער פון די גאָר טאַלאַנטפולסטע שילדערער פון דעם אַלטן חסידישן שטייגער. ער האָט באַוויזן אויסצומאָלן טיפן און פאָרטרעטן פון אַ גאָר הויכער מדרגה. ער טיילט זיך אויך אויס מיט זיין פאַרטיפונג אין דער מענטשלעכער פסיכאָלאָגיע, מאָלנדיק אַלערליי געפילן און נשמה-אויסגוסן. דערביי באַווייזט ער ממש גרויסע גבורה, אמת קינסטלערישע דינאַמיק. ער דערזעט די סאַמע דעליקאַטסטע פאַרהעלטענישן, די סאַמע אינטימע איבערלעבונגען, די פריידיקסטע מאָמענטן צוזאַמען מיט די רגעס פון טיפער אַגאָניע.

זינגערס ווערק פאַרמאָגן אין זיך דעם געלייטערטן, יאָדערדיקן ניצוץ פון אַלוועלטלעכקייט. דער געצייכנטער לעבן, הגם אָפט ריין יידיש, טראָגט אין זיך די קערנדלעך און זריעה פון אַלוועלטלעכקייט און אַלמענטשלעכקייט.

יוסף ראָלניק

יוסף ראָלניק איז דער איינזאַמסטער און אומרואיקסטער דיכטער. זיינע טענער זיינען שטילע, אָפט ניט דערהערטע. אויסגוסן, וואָס גיבן

איבער דעם אַנגעווייטיקטן נשמה־ציטער פון עלנטקייט און פאַרלאַרנ־קייט. ליבע, פרייד און לעבנסלוסט, איז ביי אים בלויז אַ פאַרבייגייענ־דיקע בענקשאַפט. דער עיקר איז דער אומעט, צער און האָפנונגסלאָ־זיקייט, דער שווערער, מאָנאָטאָנער לעבן, דער טרויער און שרעק וואָס שמידט אים און באַהערשט אים.

דער גליענדיקער ווילן פון אונדזערע קולטור טוער צו דערהאַלטן די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, איז באין אופן נישט עפּעס אַ בטלני־שער פאַרלאַנג. אַלע קעגנערישע טענות פון אונדזערע סקעפּטיקער, זיינען שוין לאַנג אָפּגעפרעגט געוואָרן. גיכער איז דער דאָזיקער ווילן אַרויסגעוואַקסן פון דעם דראַנג צו דערהאַלטן דעם קיום און גאַנצקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. די יידישע שפּראַך און קולטור פאַרמאָגט אין זיך געגנוג נאַרונג און זאַפט, געגנוג רייפקייט און גאַנצקייט, אויסצו־פאַרמירן אונדזער אייגענעם פאָלקס־שטייגער ; די יידישע שפּראַך און קולטור איז אַ גרויסער אויפטו, אַן אומגעהויערער געווינס, אַ דורכאויס פרוכטבאַרע באַרייכערונג סיי פון אונדזערע אייגענע כוחות און סיי פון דער אַלגעמיין מענטשלעכער.

***

די ערשטע לידער אין דעם אָנהויב פון דער יידישער פּאָעזיע, זיינען כמעט אַלע טענדענציעזע, ספּעציפיש יידישע און שאַבלאָן־מליצהדיקע איכה־טענער, וואָס קלאָגן אויפן גלות און טרויעריקן מצב פון דעם יידישן אַרבעטער. אַט די דאָזיקע שוין לאַנג אויסגעזונגענע טענער און מאָטיוון פון קאַמף און באַריקאַדן, זיינען אפשר געווען צייטיק אין יענער עפּאָכע. לייענען מיר אָבער איצטער יענע לידער, דערפילן מיר גיך די נאַאיוויטעט און אומבאַהאָלפנקייט פון אונדזערע ערשטע דיכ־טער, וועלכע האָבן אין זייער כוונה צו סימבאָליזירן און באַווירקן דעם כלל. לגמרי פאַרזען די אינעווייניקסטע סוביעקטיווע, פּאָעטישע גרונט־דערקענטנישן וואָס דאַרפן דער פּאָעזיע געבן קינסטלערישן לעבנס־אָטעם.

אויך אין דער היינטיקער פּאָעזיע זיינען פאַראַן לידער פון אַ קאָלעקטיוון פאַרנעם, אָבער דער פאַרנעם איז אַ קערנדיקער, אַ דיכטע־רישער, מיט גרעסערע פּערספּעקטיוון און ברייטערער אומפאַסונג. דער

היינטיקער דיכטער איז אַרויס פון די ענגע, איינטאָגיקע ראַמען און דרייט זיך מער ניט אַרום אַ צירקל פון כסדר איבערחזרנדיקע טענער. זיינע כלל־טענער און מעלאָדיעס זיינען קריסטאַליזירט און דורכגעוועבט מיט די אייגענע יחידישע עמאָציעס און איינדרוקן.

XXXIII

אחד העם

אחד העם איז דער שאַפער פון דער מרכז רוחני אידייע, און האָט אין זיין צייט געהאַט אַ גאַר גרויסע ווירקונג. דער עיקר איז די יוגנט געווען פאַרכאַפּט דערפון, און אויסגעזען האָט עס ווי ער וואָלט פּלוצים רעוואָלוציאָניזירט דעם גאַנצן יידישן גדאַנקען גאַנג.

אוודאי האָט אחד העם גאַר גרויסע און מעכטיקע קעגנער, און די געשיכטע האָט דוקא באַוויזן אַז די קעגנער זיינען געווען גערעכט. דאָך איז אחד העמסביישטייערונג צו דער עצם דערוואַכונג פון יידיש נאַציאָנאַלן גייסט געווען איינע פון די סאַמע וויכטיקסטע. עס איז געווען דער וואָס האָט אַמשטאַרקסטן מאַניפעסטירט דעם ברענענדיקן פאַרלאַנג צו צעאַקערן און באַפרוכפּערן דעם יידישן גייסט, וועלכער איז אין לאַנגן גלות פאַרטעמפּט און פאַרחומרט געוואָרן.

אחד העם איז על פּי רוב באַקאַנט אַלס באַגרינדער פון גייסטיקן ציוניזם. דער אמת איז אָבער אַז זיין גרויסער דענקערישער מוח האָט זיך אַ שאַרפער אויסגעדריקט אין פאַרזוך אויפצולעבן די יידיש עטישע באַגריפן, וואָס זיינען פון תמיד אָן געווען די גרונט כוחות פון אונדזער פאָלקס קיום. אונדז איז זיין „משה רבנו" אַ סך ליבער און נעענטער איידער זיין „לא זו הדרך". אין „משה" איז דאָ מוח און האַרץ, גדאַנק און געפיל, און אין „לא זו הדרך" איז דער עיקר מוח און גדאַנק. הגם גאַנץ אָריגינעל און אייגנאַרטיק, איז אָבער מוח און גדאַנק ניט דורכאויס יידישלעך און אוודאי ניט דורכאויס פאָלקסטימלעך.

טאַלאַנט אַליין מאַכט ניט די ליטעראַרישע שאַפונג פולשטענדיק. די שלימותדיקע שאַפונג מוז אויך האָבן אַן אידייאישן גרונט מאָטיוו, וואָס זאָל כסדר באַווירקן די בילדלעכקייט אין אַלע אירע פּרטים.

טאַלאַנט אַליין איז אָפט בלויז אין דער בחינה פון אַ בלישטשענדיק

שטיינדעלע אַן אמתן ליכט, אַ שטיינדעלע וואָס פינקלט און בלישטשעט אָבער וואַרעמט ניט. עס איז דער אידייאישער גרונט מאָטיוו וואָס דערהויבט און לייטערט די שאַפונג און ניט די מאָס טאַלאַנט פון שאַפער.

באמת קאָן אפילו דער סאַמע גרויסער טאַלאַנט ניט שאַפן אַן אַן אידייאישן יש, וואָס זאָל אים סטימולירן מיט אינטואיציע און כוח הבחירה. די אידייע איז תמיד דער אינטואיטיווער רוף און גייסטיקער שליח אויף וועלכן דער שאַפער בויט זיין סיפור המעשה און לאָזט דורך דעם סיפור טריפן זיינע קונסט טראָפנס.

*
**

דעם בעסערן לייענער, אַט דעם וואָס האָט אַ געזונטן חוש פאַר ליטעראַרישע ווערטן, קאָן דער שרייבער ניט פאַנגען מיט דעקאַדענטישע קונצן און סענטימענטאַלע רעטאָריק. כדי דער שרייבער זאָל באמת קענען פאַרכאַפן דאָס האַרץ פון בעסערן לייענער, מוז ער זיין בכוח צו שאַפן לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקע בילדער. צי די שילדערונגען זיינען רעאַלע פון טאָג טעגלעכן לעבן אָדער בלויז אויסגעפאַנטאַזירטע, מוזן זיי אַלץ אָטעמען מיט עכטקייט און גאַנצקייט.

דער בעסערער לייענער ווערט תמיד מיטגעריסן פון אמתער קונסט, ווייל די אמתע קונסט איז תמיד די סימפאָנישע צענויפזאַמלונג פון זעלישן שפיל, תמיד דאָס גרויסע ליכט וואָס באַשטראַלט גאָר די סטאַטישקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, תמיד די גרונט נטיה אַרויסצוברענגען דעם מענטשלעכן אויסגעצייכנטן און אויסגעשטאַלטיקטן לעבנס צוועק.

דעם בעסערן לייענער קען מען ניט נאַרן מיט קונציקער באַפוצונג פון שיינע פראַזן און פאַרכאַפנדיקע פליטערלעך. אים קאָן מען אויך ניט נאַרן מיט דער אויסטערלישקייט פון סוזשעט. דער בעסערער לייענער ווייסט צו גוט, אַז אין אַן עכט קינסטלעריש ווערק איז דאָס וואָרט שטיל, ממש קול דממה דקהדיק. אָבער דערפאַר טיף און ערנסט, דורכגעטראַכט און דורכגעפילט, געצוימט און געלייטערט.

*
**

דער גרויסער קינסטלער איז פאַר זיך אַליין אַ שול, זוכט זיין אייגענעם דרך, זיין אייגענעם מעטאָד, און צייכנט אַן פאַר זיך אַן אייגענעם ציל. דער מיטלמעסיקער קינסטלער, להיפוך, פאַסט זיך לייכט צו צו

יעדער שול און אימיטירט איר בכל פרט ופרט. ביי אזוינעם איז א באגרינדעטע שול ניט א מיטל מגלה צו זיין די אייגענע קינסטלעריש־קייט, נאָר להיפוך צו פאַרדעקן און באַהאַלטן די אייגענע אינדיווי־דואַליטעט.

דער גרויסער קינסטלער איז קיינמאָל ניט קיין אויסבאַרגער און פאַרמשכנט קיינמאָל ניט דעם אייגענעם טאַלאַנט. זיין שעפערישער כוח איז אָרגאַניש צעגויפגעגאָסן מיט זיין עצם מהות און וועזן און שטראָמט כסדר אַרוים פון זיין אייגן בלוט.

***

די יידישע ליטעראַטור דאַרף ניט און זאָל זיך ניט פאַרנעמען דורכ־אויס מיט אייגענע פּראָבלעמען, נאָר דאַרף און זאָל אויך אַריינעמען דאָס ליכטיקע און שאָטנדיקע פון דער גאַרער וועלט. דערביי מוז זי אָבער צייכענען און מאָלן די ניט יידישע וועלט ריין אָביעקטיוו, אָן וועלכע נטיות און פניות, אָן סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס.

מנחם ריבאַלאָוו

מנחם ריבאַלאָוו איז בראשו ובגופו דער העברעאיסט, ווירקט און שאַפט אין דער העברעאישער שפּראַך, און דאָך איז ער דער פיינסטער מוסטער פון א יידישן סטיליסט און שפּראַך־מפונק.

ריבאַלאָוו איז אפשר דער אַנטשיידנסטער ענטפער אויף דער פון ווינט־אויפגעבלאָזענער פראַגע פון יידיש און העברעאיש. אויב א „יידישיסט" מיינט אַזוינער וואָס מאַכט פון דעם יידישיזם א פעטיש, א געצקע, א כל וכל אינעם יידישן לעבן, א תוכן און תמצית פון דער יידישקייט, איז ריבאַלאָוו זיכער ניט קיין יידישיסט. אויב אָבער א יידישיסט איז אַזוינער וואָס אַכט און ליבט די שפּראַך, צערטלט איר און פאַרפיינערט איר, קריסטאַליזירט איר און באַרייכערט איר, שאַפט און בויט אויף איר זאַכן פון ווערט, זאַכן וואָס בינדן אונדז ווידעראַמאָל צענויף מיט דעם עבר און לעבן און דאָסניי די שאַפונגען פון די פריער־דיקע דורות, דענסטמאָלט — דענסטמאָלט איז מנחם ריבאַלאָוו דער אמתער יידישער קולטוריסט.

מנחם ריבאַלאָוו, דער פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער איינציקער אין אַמעריקע העברעאישע וואָכנשריפט, האָט זיך פאַר אונדז גאָר אַנט־

פלעקט ווי איינער פון די פיינסטע יידישע סטיליסטן. זיין ווערק אין יידיש „מענטשן און אידייען", איז אַ האַרמאָנישער צונויפגוס פון קונסט און קינסטלער, ווייל סיי די קינסטלער איבער וועמען ער שרייבט אַזוי באריכות ווערן פאַר אונדז ווידער אויפגעלעבט אין זייער פולסטער געשטאַלטקייט, און סיי די קונסט אַליין קריגט אויך אונטער זיין האַנט דעם פולסטן תיקון.

ווי די התפעלות און התלהבות פון אַ פאַרברענטן חסיד וועלכער דערציילט איבער אַ מופת פון זיין רבין, אַזוי פלאַמט ריבאַלאָווס פעדער מיט כסדרדיקן עקסטאַז. ריבאַלאָוו האָט אין זיינע קריטישע עסייען איבער אַ גאַנצן דור העברעאישע שריפטשטעלער אונדז אַנגעצונדן מיט זיין חסידישן ברען אַז מיר ווערן גערן אַריינגעגאַרטלט אין דעם התלהבותדיקן ריקוד פון העברעאישער שאַפונג און יידישער שפּראַכלעכקייט.

ריבאַלאָוו האָט אין זיין פאַרהערלעכונג פון העברעאיש און העברעאישע שאַפונגען אויף אַ האָר ניט ממעט געווען דעם ווערט און כבוד פון יידיש. ביי אים האָט איינס פאַרגאַנצט דאָס אַנדערע. די יידישע שפּראַך דעם העברעאישן אינהאַלט, און צוזאַמען שאַפט זיך אַ שלימותדיק ווערק פאַר דער יונג-יידישער ליטעראַטור.

ריבאַלאָוו האָט זיך אַגב אַנטפּלעקט פאַרן יידיש-לייענער ווי אַ גרויס געווינס. די יידישע קריטיק איז נאָך ווייט אַ באַגרענעצטע און הינטערשטעליקע, און קאָן ניט אַנהאַלטן מיטן גיכן טעמפּאָ פון דער יידישער שאַפונג. ריבאַלאָוו האָט ביי אונדז געמאַכט דעם אַנהויב מיט די העברעאישע שריפטשטעלער.

ריבאַלאָוו פאַרמאָגט די נויטיקע וואָג און באַלאַנסירונג ניט מיטגעריסן צו ווערן מיט אַ שרייבער. ער דערפילט אין זיך די פולע אחריות פון אַ קריטיקער, און פאַרלירט קיינמאָל ניט די מאָס און גלייכגעוויכט. ריבאַלאָוו רעדט איבער שרייבער וואָס זיינען אים געווען האַרציקנאָענט, און דאָך היט ער זיך אויס פון איבערטריבענע לויבגעזאַנגען.

ריבאַלאָוו גייט צו צו דער קריטישער אָפּהאַנדלונג מיט דעם טיפסטן ערנסט און דרינגט אַריין מיט אַלע זיינע חושים אין די באַהאַלטענסטע פאַרבאָרגענקייטן פון דעם ווערק, אין אַלע זיינע אַנגערירטע אמתן און אין אַלע זיינע לעבנס-פאַרבן און פראָבלעמען. מיט זיין

קינסטלערישער תפיסה כאַפּט ער אויף יעדן גערודער, יעדן אינעוווי-ניקסטן זין, יעדן טאָן און קלאַנג.

ריבאַלאָוו איז ניט מוותר אויפן מינדעסטן, אומעטום דרינגט ער אַריין, אומעטום וואַרפט ער זיין בליק און אומעטום דערטאַפּט ער דעם רעיון. מ׳זעט ממש ווי ער ווערט צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם שרייבער, ווערט פאַקטיש איין איינציקער גוף, און דערגרייכט אַזוי אַרום ניט בלויז דעם זין פון דעם געשאַפענעם ווערק נאָר אויך דעם זין פון דעם באַשאַפער, זיין סאָציאַל-עמישן דרך, זיין באַציאונג צו דער געזעלשאַפט און זיין חלק אין דער יידישער קולטור-געשיכטע.

אָט די דאָזיקע אייגנשאַפט שטריכן, ברענגט ריבאַלאָוו אַרויס גאַנץ לעבעדיק, אפילו אויף אַ גאַנץ ניי, פריש-צאַפּלדיקן אופן. ריבאַלאָוו רעדט אָן דעם מינדסטן צייכן פון שרייענדיקער רעטאָריק, אָן די איבריקע און קאָמפּליצירטע, מעכאַניש-אַריינגעקוועטשטע פּינטעלעך. אין זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען מיידט ער אויס זיך אַליין: ער זוכט ניט אַרויסצוברענגען זיך, זיין אייגענעם טאַלאַנט, נאָר הויפּטזעכלעך דעם שריפטשטעלער און זיין שאַפונג. ריבאַלאָוו באַמיט זיך אפילו זיך אַליין צו פאַררוקן אין אַ הינטערגרונט, אַבי דער שרייבער זאָל זיך שאַרפן און בולטער אַרויסזען.

ריבאַלאָווס עסייען זיינען געשריבן מיט אַ סך שוואונג, אָבער די גאָר געלונגענסטע זיינען אוודאי די אָפּהאַנדלונגען איבער חיים נחמן ביאַליק און זלמן שניאור. די דאָזיקע צוויי אַרבעטן זיינען געהערן צו די סאַמע וויכטיקסטע שאַפונגען.

דער גורל פון דעם יידישן קינסטלער איז ווייט ניט דער זעלבער ווי דער ביי די אומות העולם. דער ייד האָט פאַר זיך דעם שטענדיקן גלות, די אָפּגעריסנקייט פון די יידישע ישובים און די פאַרשיידנאַר-טיקייט פון סביבה און לעבנס-שטייגער. יעדער באַזונדערער ישוב האָט זיך באַשאַפן זיינע אייגנאַרטיקייטן, זיינע פאָרמען, זיין אייגענעם ווערטער-אַרסענאַל, זיינע אויסדרוקן און אידיאָמען, ווערטלעך און חכמהלעך, וואָס איז לגמרי פרעמד דעם יידן אין אַן אַנדערן ווייטער-דיקן ישוב.

די קינסטלער ביי די אומות העולם זיינען פריי פון דער דאָזיקער

אָפּגעריסנקייט, זיינען ניט צעשפּרייט איבער אַלע שבעה ימים און זייער לעבנסשטייגער און סביבה אָטעמט תמיד מיט איינגעזונקייט און פעסטקייט. זייער מקור איז אַ געזונטער, אַ קוואַליקער, און האָבן פון וואַנען צו ציען די יניקה.

אַנדערש איז עס אָבער מיטן יידישן קינסטלער וועמען עס פעלט אַן איינהייטלעכע סביבה. דער יידישער לעבן איז תמיד אַ וואַנדערנ־דיקער, אַ געזונט לעבן, וואָס האַלט זיך כסדר אין איין פאַרמירן, תמיד פול מיט שינויים, תמיד מיט פאַרוואָרצלען און אויסוואָרצלען זיך, תמיד מיט באַנייאונג און אויסראָטונג, באַשאַפונג און פאַרניכטונג.

און ווי דער קינסטלער אַזוי איז זיין שאַפונג. איז עס אפשר אַ געווינס און קולטורעלע באַרייכערונג, אָבער באין אופן ניט פאַר דער נאַציאָנאַל־יידישער קולטור. אָפט איז גאָר די שאַפונג דער דירעקטער פּראָדוקט פון די אומזיכערקייטן און יידישע גלות־פּסיכאָלאָגיע.

XXXIV

ביי אַ רעאַליסטישן שרייבער איז דער רעאַליזם דער תוך און תוכן, און ווי הויך די פאַנטאַזיע זיינע זאָל ניט אַרויפשוועבן און זיך פאַנאַנ־דערשפּילן, וועט אַלץ דער רעאַליסטישער תמצית זיך אָנזען בולט און שאַרף. אפילו בעת ער ווענדט אָן נייע פאַרמען און טרעט אָפּ פון קלאַסישן סטיל און אופן, פאַרבלייבט אַלץ דער רעאַליזם אין זייער פולער קראַפט. דער אמת רעאַליסטישער שרייבער האָט תמיד אין זין בלויז דאָס וואָס איז געטריי צום לעבן. זיינע טיפּן און געשטאַלטן זיינען תמיד געמאָלן אין שטרענג נאָרמאַלע נאָרמען, און די קאָנטורן וועלן קיינמאָל ניט זיין פאַרטראַכטע און פאַרקרימטע.

א. אַ ל מ י

א. אַלמי איז אפשר דער פאַרבנרייכסטער אין דער יידישער לי־טעראַטור; ער איז דער איינציקער אפשר וואָס איז מושלם בכל המעלות, און דוקא ניט לגנאי חלילה. ער איז שעפעריש און האָט זיינע גרויסע פאַרדינסטן כמעט אויף יעדן געביט: ער איז דיכטער, שריפט־שטעלער, זשורנאַליסט, פאַרשער און פילאָסאָף, און אויף יעדן געביט איז זיין קאָלאָריט רייך און אפשר אוניק. פון זיין פעדער הויכט דאָס

לייכט פּאַראַדיש-שטיפעריש לידל ווי דאָס אינטעלעקטועלע און עמאָ-ציאָנעל ליריש-געזאַנג. זיין שרייבערישע שלימות איז פּאַקטיש אומ-באַגרענעצט און אָן צוימען; אומעטום מערקט זיך בולט זיין אייגנ-אַרטיקייט און אינדיווידואַליזם.

אָנגעהויבן האָט אַלמי מיט שטימונגספולע לידער, און איז דער-גאַנגען צום אינטעלעקטואַליזם, צו דער זוכעניש און צו דער פּראָבלע-מאַטישקייט. זיין ליד איז איצט רייף און תמציתדיק מיט דער קלוגער פילאָסאָפישער פאַרטראַכטקייט.

פון אַלמיס ליד שפּרייט זיך דאָס טיף מיסטישע ווי דאָס פּאַראַדיש-פינקלדיקע, דאָס טיף פאַרטראַכטע און לייכטער שמייכל, דאָס גריבלען זיך אין פאַרהוילענע סודות פון גאָט און מענטש און דאָס שטיפעריש-קייט צו איראָניזירן איבער מענטשלעכע שוואַכקייטן.

אַלמי האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַר גרויסע צאָל ביכער: הומאָר און ספּירישואַליזם, פאַראַדיע און ערנסטע דיכטונג, בודיזם און פילאָ-סאָפיע. אין די אַלע ווערק זיינע קומט צום אויסדרוק זיין דיכטערישער טאַלאַנט און די סתירותדיקייט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, וואָס ווייזן אָן אויף די שאַרפע ליניען און ערנסטע שטריכן פון זיין שאַפן.

די יידישע ליטעראַטור איז פאַרן יידישן לייענער די קרוין פון אויסגעשטראַלטע גייסטיקע שאַפונגען, דאָס פאַנאַנדערגעעפנטע פענצ-טער צו דערזען די ברייטע, ליכטיקע וועלט. וואָס מער עמפינדלעך עס ווערט דעם לייענערס באַוואוסטזיין, אַלץ מערער דאַרף די ליטעראַטור פאַרגעסן די וועגן פון אירע קינסטלערישע שטאַפּלען. די ליטעראַטור מוז תמיד שאַפן אַ לעבעדיקן אינהאַלט און תמציתדיקן, פּאָזיטיוון יידישן מאָמענט.

***

פּאָעזיע דערפירט בלויז צו איין איינציקן ציל: צום ברייטן שטראָם פון אינערלעכער מיט געזאַנג אויסגעפילטער שטימונג, וואָס אַנטוויקלט זיך און שטייגערט אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן. איר מקור איז די סטיכיע וואָס לעבט אויף אין האַסטיקן אויגנבליק אין פאַרשיידענע אַז-ישיר-דיקע און שוואונגפולע וואַריאַציעס.

פּאָעזיע איז נישט דער טרויער פון לעבן, נאָר איר גרויסע פרייד,

זי איז דער כוח וואָס דערעפנט די אויגן און מאַכט זען זאַכן אין וועלכע דער פאַרשטאַנד איז ניט ביכולת אַריינצודרינגען.

פּאָעזיע איז ניט דער טרויער פון לעבן, נאָר איר גרויסע פרייד, די פרייד פון שטאַרקע כוחות, די פרייד פון אייביקן קינסטלעכן געניוס.

⁂

דער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער באַנוצט זיך תמיד מיט קאָנדענסירטער שפּראַכלעכקייט און מיידט אויס געשרייען און טומלערייען. דוקא די שטילקייט רעדט הויך און ווירקנדיק, און דאַרף דעריבער תמיד זיין איינע פון די הויפּט עיקרים אין דער קינסטלערישער יצירה.

ז. סעגאַלאָוויטש

ז. סעגאַלאָוויטש איז אי דיכטער און אי דערציילער, און צייכנט זיך אויס אין ביידע געביטן מיט זיין רייכער שפּראַכלעכקייט און לירישע ווייכקייט.

סעגאַלאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק דריקט זיך אויס אין אַ ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט צו אויסערלעכן גלאַנץ, פונקט ווי דער קולט ביי די אַמאָליקע גריכן, אַזוי איז סעגאַלאָוויטש גוואַלדיק פאַרליבט אין דער שיינקייט פון פאָרם. זיין שפּראַך און סטיל איז צוקער־זיס, ממש געטאָקט און געשליפן ווי אַ בריליאַנטענער שטיין, אָבער די טענער גופא פעלט אָפט קראַפט און פאַרביקייט.

דאָך איז סעגאַלאָוויטש אַ גאָט געבענטשטער טאַלאַנט, און דוקא די ניט טיפע סענטימענטאַלע אידילישקייט אין וועלכע געשעענישן ווערן ביי אים תמיד פאַרקנוילט, געפינט אַ האַרציקן אָפּקלאַנג ביים לייענער.

סעגאַלאָוויטש האָט געשריבן גאָר אַ סך פּראָזע, און דוקא אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. דאָך איז ער מער דיכטער ווי פּראָזאאיקער. אין דער דיכטונג איז עס אַ סך מער אויסגעהאַלטן. און מען קאָן גיכער אָנטאַפּן זיין מהות. דאָרטן דערהויבט ער זיך אָפט צו אַ גאָר הויכער מדרגה און די לידער און פּאָעמעס פאַרמאָגן אָפט דעם געשמאַקן זאַפט פון פאָלקסטימלעכער דיכטונג.

אונדזער ליטעראַטור איז גאָר אָפט אַ ליטעראַטור אין יידיש, און

ניט אַ יידישע ליטעראַטור. דאַרפן דאַרף זי זיין דורכאויס יידישע ליטעראַטור, יידיש איז איר סאַמע עצם און תוכן. זי דאַרף כסדר אָפּהילכן מיט יידישן עפּאָס, יידישע גבורה, יידישן אויסדויער און יידישע אידייאישקייט.

די יידישע ליטעראַטור טאָר זיך קיינמאָל ניט פאַרוועלטלעכן, קיינמאָל ניט ווערן ככל הגויים, קיינמאָל ניט אין זינען האָבן בלויז די קינסטלערישע שיינקייט. אוודאי טאָר זי זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן נאָר פאַרבלייבן אַן אייביקער המשך פון אונדזער דורותדיקן שאַפונגס פּראָצעס, וועלכער איז אפילו אין זיין נביאישן אוניווערסאַליזם געווען דורכאויס יידיש אידייאיש און יידיש געשיכטלעך.

XXXV

די דראַמע איז דער שווערסטער קינסטלערישער געביט אין דער פּראָזע. דער דראַמאַטורג דאַרף ניט בלויז שילדערן דעם יחיד, זיין כאַראַקטער און געדאַנק, זיין סביבה און אומגעבונג, נאָר מוז אויך אַרויסברענגען בולט און קלאָר די האַנדלונג ווי זי אַנטוויקלט זיך ממדרגה למדרגה. יעדע באַוועגונג, יעדער טריט, מוז זיין אַ המשך און לאָגיש און רעאַל אַרויסוואַקסן פון פריערדיקן.

דער מקיצן שרייבער דאַרף בלויז אַרויסברענגען איינעם אָדער צוויי כאַראַקטערן, און ער האָט שוין פאַר זיך אַ רעאַל בילד. אפילו אין דער לענגערער נאָוועלע וואו דער פאַרנעם איז אַ סך אַ גרעסערער און עס גייען פאַר אונדז פאַרביי פּאַנאָראַמעס פון כלערליי געשטאַלטן, שאַרפע געראַנגלענישן און נשמה אויפברויזונגען, איז ניט אַזוי קאָמפּליצירט ווי די דראַמע. דער דראַמאַטורג קאָן זיך ניט, ווי דער נאָוועלליסט, פאַרלאָזן הויפּטזעכלעך אויף זיינע מאָלערייען און כאַראַקטערן. אין דער נאָוועלע קאָן דער שרייבער זיך באַנוצן מיט פאַרבן און ניואַנסן, מיט פּאָרטרעטן און כאַראַקטערן, און דאָס וואָס אים געלינגט ניט אַרויסצוברענגען דורך פּסיכאָלאָגישער קלאָרקייט, דערגאַנצט ער מיט דער שיינקייט פונעם וואָרט און סטיל. ער קאָן מיט זיין באַרעדעוודיקן פּענזל אָנוואַרפן אַ ים מיט שטריכן, אַ גלאַנץ טאָן מיט אַ דעטאַל, וואָס זאָל אי גלעטן און אי ברייען, אי פרעגן און אי מאַניען, און אַזוי אַרום פאַרדעקן די קינסטלערישע חסרונות, די רעאַליסטיש ניט-אויסגעהאַלטנקייט און פאַלש געשילדערטן לעבן.

אַנדערש איז עס אָבער מיט דער דראַמע, וועלכע האָט זיך איר אייגענע סטרוקטור און אייגענע פאָרמען. די דראַמע מוז פאַרקערפּערן אין זיך די גאַנצע מאַלערישע פּלאַסטישקייט, דעם פּראָבלעמאַטישן קאָמפּלעקס און אידייאישן קאַמף. דאָס דאַזיקע מוז באַוויזן ווערן ניט דורך רייד, שילדערונג און דערציילערישע דעטאַלן, נאָר דורך כּסדר־דיקער האַנדלונג אין וועלכער סיי דאָס צענטראַלע און סיי דאָס אינדי־ווידואַליסטישע זאָל זיך בולט אַרויסזען און לאָגיש צענויפבינדן.

אין דעם קורץ געפּאַסטן, שטרענג־קאָמפּאַקטן דיאַלאָג מוזן זיך האַרמאָניש קאָמבינירן די אַרויסגעפירטע פיגורן און זיי לאָזן פריי זיך קייטלען אינעם געוועב פון זייערע קאָמפּלעקסן, ראַנגלענישן און פּראָב־לעמען. די פאַרשיידענע איינצלנע עפּיזאָדן מוזן זיך צענויפגיסן און צענויפבינדן אין איין איינציקער אַקטועלער טאַט און געשעעניש. די פיגורן מוזן זיין פולבלוטיקע מענטשן, וואָס זאָלן זיך באַוועגן און אָטעמען מיט זייער גאַנצן געמיט, מיט אַלע זייערע ריסן און ברוכן, מיט אַלע זייערע וואַנדלונגען און טראַנספאָרמאַציעס.

דערצו פאָדערט זיך אַן עכט־מייסטערישע האַנט, אַ בריה אַן אַרכיטעקט, וואָס זאָל קענען תּופס זיין דעם גאַנצן אַרומיקן גערויש, דעם גאַנצן ווירוואַר פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

⁂

אַ גוט בוך איז ווי אַ בנין מיט אַ סך פענצטער דורך וועלכע מען קאָן אַרויסקוקן אינעם ווייטן, ברייטן דרויסן און דערביי ניט פאַרשטעלן די אייגענע דלד אמות. אַ גוט בוך איז דער פענצטער דורך וועלכן ס׳זעט זיך מיט קרישטאָלענער קלאָרקייט דער לעבן אין אַלע זיינע פּאָזן.

דורך אַ גוט בוך דערזעען מיר אויך דעם שאַפער אין זיין גאַנצער געשטאַלטיקייט. דער בוך איז דעם שאַפערס אויסגעוויטאָגטער ליכט־טראָפּן, וואָס באַלויכט אונדזער גדאַנק און האַרץ צו פאַרשטיין און דערפילן זיין אידייאישקייט און זיינע זוכענישן.

⁂

דער קריטיקער טאָר זיך ניט אַריינלאָזן אין אַבסטראַקטע, פילאָ־סאָפישע חקירות וועגן שולן, ריכטונגען און ליטעראַרישע סיסטעמען און שיטות, און דערמיט פאַרנעפּלען דעם עצם תּוכן פונעם ווערק. דער אמתער קריטיקער דאַרף קודם כּל אַליין זיין אַ קינסטלער וואָס זאָל

דורך דעם אייגענעם נשמה־צאַפּל זוכן צו דערגיין די קראַפט און באַ־דייטונג, די מיטלען און צוועקמעסיקייט, פונעם געשאַפענעם. חוץ לזה מוז ער זיין אַ פשוטער אינטעליגענטער לייענער, וואָס זאָל קענען מיט חדווה און תענוג, מיט אהבה און יראה, אויפנעמען די פאַרבאָרגענע מעלאָדיעס און טענער און זיי ברענגען ווי אַ בשורה טובה צו דער ברייטער וועלט. ער דאַרף זיך דערפאַר האַלטן אינעם הינטערגרונט פונעם שאַפער, ניט זיך אַנטפּלעקן נאָר דעם אויטאָר, ניט באַווייזן די אייגענע קענטשאַפט נאָר דעם שרייבערס.

גאַנץ אָפט לייענען מיר אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג איבער אַ ווערק, וואָס איז אַזוי שווער, אַזוי אַבסטראַקט, אַזוי דילעטאַנטיש געחקירהט, אַז אַלץ וואָס מיר דערזעען פאַר זיך איז אַ מבול פון ווערטער אַריינגע־פלאָכטן אָן וועלכער נויטיקייט. ס'איז דענסמאָלט שווער צו דערגיין וואו עס ענדיקן זיך די אויסגעמאַטערטע פלפולים, וואָס דער קריטיקער זוכט מיט געמאַכטער חכמה אויסצופּשטלען, און וואו ס'הויבט זיך אָן די קריטיק איבערן ווערק. ס'פעלט דער צוזאַמענבונד און צוזאַמענהאַנג וואָס זאָל צונויפקייטלען די צעשפּליטערטע ווערטער און געדאַנקען; ס'איז רייך אָן אַ טאַלק, אַ שפּיל פון פליטערלעך, אַ קאָמבינאַציע פון פרעמדע ווערטער מיט וואָס מען איז אויסן צו נאַרן זיך און דעם לייענער, זיך זעלבסט אויסצופּיינען אין מאָדערניסטישע בגדים און זיך צו באַווייזן מיט דער כלומרשטדיקער טיפקייט און קענטשאַפט. די טענדענץ פון דעם דאָזיקן מין קריטיקער איז תמיד גורם צו פאַרנעפּלען דאָס געשאַפענע און מיט נייע מחיצות אָפּצוזונדערן דעם לייענער פו־נעם שאַפער.

י. י. שוואַרץ

י. י. שוואַרץ געהערט צו דער ערשטער פעריאָדע יונגע, און איז אפשר דער סאַמער פרוכטבאַרסטער פון יענער תקופה. זיין מייסטער־ווערק איז „קענטאַקי", אַ ווערק פול מיט אַמעריקאַנער לאַנדשאַפטן און פיגורן. אינעם דאָזיקן ווערק האָט ער דערגרייכט זיין מאַטוריטעט, דערוואָרבן די פולשטענדיקע רייפקייט. „קענטאַקי" פאַרמאָגט אין זיך דעם רייץ פון דער אַמעריקאַנער פרעירי, אָוונט־ווינט און זון־אויפגאַנג, וואַלד און פעלד, וואָס איז לגמרי ניי אין דער יידישער ליטעראַטור. די זעלבע רייפקייט איז אויך בולט אין זיינע שאַפונגען פון דעם רייץ

יידישן לעבן. אויך דאָרטן דערפילט זיך זיין לירישער טאָן און ווייכ־הארציקע מעלאָדיע.

XXXVI

פּ. בימקאָ

די יידישע ליטעראַטור איז איצטער רייך אין פּראָזע שרייבער, וואָס האָבן אין זייערע ווערק אַרויסגעבראַכט בולטע און פיין־געשליפענע געשטאַלטן, אַזעלכע וואָס זיינען ניט סתם דעקאָראַטיווע און אויבנאויפיג־עפעקטיווע טיפּן, נאָר אַזוינע וואָס קלאַמערן זיך אין טיף־אַריינגעבליקטעווירקלעכקייטן.

זייערע טיפּן און געשטאַלטן האָבן שאַרף אָנגעצייכנטע קאָנטורן, קלאָרע ליניען און שטריכן, און ועל כולם, אוניווערסאַליזם, שלמותדיק צונויפגעוועבט מיט קינסטלערישן רעאַליזם.

פּ. בימקאָ איז בלי ספק איינער פון די דאָזיקע, באַדייטנדיק און טאַלאַנטירט סיי אין כמות און סיי אין איכות. זיין גאַנצער שאַפן איז אין תוך דער סאַמע קלאָרסטער אויסדרוק פון אַט דעם עכטן ליטעראַרישן באַנעם, וועלכער האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעפירט די פּולבלוטיקע, פאַרפלייצטע און פאַרוואָרצלטע פיגורן.

פּ. בימקאָ האָט זיינע העלדן זעלטנס געזוכט צווישן אינטעליגענטן, אידעאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן. פּראָפּעטישע מאָטיוון, אַבסטראַקטע וועלט־אָנשויאונגען און די אָנגעצונדענע לופט פון דער איצטיקער צייט, זיינען ניט אַריין אין סכום פון זיינע שאַפונגען, דער טראַגיזם וואָס פילט אָן די איצטיקע וועלט, האָט אים ניט אָנגערירט און ניט באַווירקט.

זיין וויזיע, זיין פּראָטעסט, זיין אומפאַנג, זיין שעפערישע דינאַמיק, איז אמת־טרייע ווירקלעכקייט, זיינע דערציילונגען און כמעט אַלע זיינע דראַמען, נעמען ניט אין דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט אָדער אין דער אידייאישער וועלט. בימקאָ האָט זיך זיין אייגענעם ציל און אייגענעם דרך. ער סינטעזירט ראַפינירטקייט און איז רואיק און לאַקאָניש, און דאָך איז ער תמיד דרייסט און געוואַגט. אָן וועלכער מורא און צוריקגעהאַלטנקייט, דעקט ער אָפּ אין דער פולער נאַקעטקייט אַלע פעלערן און מיאוסקייטן אין אונדזער לעבן.

זיינע מענטשן זיינען ניט קיין פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, וואָס

זוכן אַ תּיקון און ענטפער אויף נייע געשעענישן און פּראָבלעמען. זיי זיינען אויך ניט די פאַרהערלעכונג און גלאָריפיצירונג פון גרויס-מאָטיוון און אידעאַלע וועלטן. ביי בימקאָ איז דער מאָטיוו בכלל ניט קיין עיקר. ער האַלט, קענטיק, אַז ניט תּמיד איז דער גרויס מאָטיוו און אידעאַלע פיגור דער מאַטעריאַל דורך וועלכן דער קינסטלער קאָן זיך דערהויבן. בימקאָ איז אַ מסתּפּק במועט, און אפילו דער פּחות שבפּחות, די סאַמע אומבאַדייטנדיקע טעמע, איז די והותר פאַר זיין קינסטלערישן חוש. אפילו דער סאַמע נעגאַטיווער טיפּ ווערט אין זיינע הענט דערהויבן צו אַ פּאָזיטיווער הויך און צו פולער שלמותדיקייט.

פ. בימקאָס ליטעראַרישער טאַלאַנט זעט זיך בולט אַרויס פון זיין פּראָדוקטיוון קינסטלערישן וואָרט, וואָס ער האָט קערנדיק און מיט פיבערישן טעמפּעראַמענט אויסגעשמידט אין אַ גרויסער צאָל רעאַליסטישע דערציילונגען און דראַמען.

בימקאָ צייכנט זיינע פּערשוינען אין זייער פולשטענדיקער נאַקעטקייט, ניט פאַרשלייערט און ניט פאַרפּוצט. ביי אים דערזעען מיר דעם מענטשן אין זיין גאַנצער רויקייט. גאָר די תּאווה, גאָר דיליידנשאַפט, גאָר דער עראָטיזם, שטורעמט און ברויזט פון זיי. בימקאָ איז דעריבער דער פּסיכאָלאָג און אַנאַליטיקער, דער דאָזיקער קינסטלער וואָס קאָן דורך זיין גרויסן שאַפונגס-כּוח זיך דערגרונטעווען אין די סאַמע אינטימסטע ווינקלעך, אַנטפּלעקן דעם ברען-פּונקט אינעם געשלעכטס-געראַנגל, דעם אומרו און רעגונג אינעם ליבע-שפּיל, די יסורים און ווייען פון אומבאַפרידיקטער תּאווה.

זיין טעמאַטיק איז על פּי רוב תּאווה און געפאַלנקייט, די רויע און פּרייגעלאָזענע אינסטינקטן וועלכע ווערן אומאויפהערלעך און אומבאַוואוסטזיניק געטריבן דורך די אומגעצוימטע און אומקאָנטראָלירבאַרע גייסטיגונגען. אויף די הינטערוועגן פון אונדזער לעבן כאַפּט בימקאָ אויף זיינע געשטאַלטן, און גיט אין זיי אַריין הוילן גוף, בלויז בלוט און פלייש, תּאווה אָן טוגענד, מענטש אָבער אָן דעם צלם אלקים. אויך זיינע מענטשן האָבן צוזאַמענשטויסן, אויפטרייסלונגען און דערשיטערונגען, אָבער זיי זיינען תּמיד תּאווהדיקע, זינדיקע און עראָטישע.

מיט זיין שטרענג רעאַליסטישער פאָרם און רעגנבויגנדיקער פאַרביקייט באַווייזט אונדז בימקאָ גאָר די צעיושעטע רויקייט און פּראָסטקייט, נאָר די הויליקייט און נאַקעטקייט, פון די הינטער געסלעך

און הינטערוועגן. און אין אַט די דאָזיקע דעגענערירטע, פֿאַרלוירענע און אומהיימלעכע טיפֿן און געשטאַלטן, דערזעט בימקאַ דאָס מענטש־לעך־פּאָזיטיווע, ווי אַ געניטער טויכער לאָזט ער זיך אַרונטער אין די טונקעלע לאַבירינטן פֿונעם מענטשלעכן לעבן, בליקט דאָרטן אַריין מיט זיין שאַרף אויג, און פֿאַרצייכנט רואיק און געלאַסן יעדן ריר און באַוועגונג, יעדן ציטער און צאַפּל, יעדן אויפֿלויכט און געפֿאַלנקייט, יעדע עליה און ירידה.

אַמאָל, כאָטש ניט אָפֿט, פֿאַרלירט בימקאַ זיין אָביעקטיוויטעט און דערלויבט זיך צו איראָניזירן איבער זיינע העלדן. איבערהויפּט פֿילט ער זיך שאָקירט פֿון זייער צירלעכקייט און מאַנירלעכקייט. דענסטמאָל דערלויבט ער זיך האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס אויך אַ שמייכל צו טאָן, אָבער באַלד קומט ער צוריק צום עיקר פֿון זיין שאַפֿן: צו דער אַרויסשיילונג פֿונעם סוד דעם קאַמף און געראַנגל פֿון דער צעיושעטער תאווה. און דורך די דאָזיקע פֿאַרשווינען מיט אויפֿברויזנדיקע בלוטן, גליענדיקע פֿייערן און ווילדער ליידנשאַפֿט, ברוטאַלע טעמפּעראַמענטן און צעשפּילטע געבליטן, שוועבלט פֿאַר אונדזערע אויגן אַ מערקווירדיקע בילדער־גאַלעריע פֿון די הינטערגעסלעך און הינטערוועגן.

זיינע דערציילונגען פֿולסירן מיט מוסקולן־קראַפֿט. זיין פֿאַרמעסט איז באַרג אַרויף צו העכערע שטאַפּלען, צו ברייטערע קינסטלערישע שטחים. זיינע דראַמען זיינען פּלאַסטישע קונסט אַרבעט פֿול מיט זעל־טענעם לעבנסשטייגער, מיט אַלע ריסן, בראָכן און ברויזונגען, וואָס זיינען אַ פֿולשטענדיקער טריט פֿאָראויס צו אַ פֿרייערן אויסדרוק און ברייטערע, פֿאַרטיפֿטע, רעאַליסטישע שילדערונגס מעגלעכקייטן פֿון יענע ברוטאַלע אינסטינקטן ווי פֿון יענע צאַרטע אינטימע איבערלע־בונגען אין אונדזער מענטשלעכן עצם.

בימקאַ האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין אייגענעם נוסח, זיין אייגענעם דרך און אייגענעם אויסדרוק. אין זיינע דערציילונגען ווי אין זיינע דראַמען זעט מען בולט און קלאָר זיין אייגענעם ליטעראַרישן פּרצוף. מען הערט זיין אייגענעם קול, די שטים פֿון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט. מען זעט דאָס וועזנטלעכע פֿון זיין גייסטיקער וועלט, דאָס אייגנטימלעכע פֿון זיין אומרואיקייט.

יעדע דראַמע זיינע איז דעריבער ניט עפּעס אַן עפֿעקטיוו̇ער ספּעקטאַקל, אַ רייע פֿון רעשיק צוגעגרייטע דראַמאַטישע דיאַלאָגן,

גאָר אַן איינהייטלעך אויסגעקריסטאַליזירט און קערנדיק שטיק לעבן, אָן אָנשטעל און פּאָזע, אָן איבערגעמאָסטנקייט און אויבנאויפיקער דעקאָראַציע.

XXXVII

גאָר אָפט טרעפט אַז מיר לייענען אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס איז שוין אויסגעטאָקט און אויסגעגלעט, פאַרביק דעקאָרירט און באַפּוצט, און דאָך בלייבן מיר גלייכגילטיק אָן וועלכער עמאָציאָנעלער רעגונג. וואָס איז די סיבה דערפון? פאַרוואָס פאַרבלייבן מיר נעגאַטיוו און גלייכגילטיק?

דער תירוץ איז: ס'פעלט דער באַווירקונגס־כוח, דער כוח הפועל, וואָס זאָל רעגן און וועקן, ווירקן און באַווירקן; ס'איז אַ ווערק אָן אַ נשמה, אָן אַ לעבנס־אָטעם; ס'איז אַ ליימענער גולם, אַ יצירה, וואָס האָט סימעטריע און מאַטעריע, אויסגערעכנט און אויסגעשטעלט פאַר־טיק און גלייכליניק, אָבער אָן אַ שעפערישן מקור, אָן אַ באר מים חיים, אָן אַ לעבנסקוואַל פון וואַנען צו ציען די יניקה און חיונה.

אָן אמת קינסטלעריש ווערק איז לעבן. דער לעבן וואָס האָט געטלעכע יצירה און טראָגט אויף זיך דעם צלם אלוקים, דעם חותם און שטעמפּל פונעם באַשאַפער אַליין, זיין נשמה און זיין בלוט, זיין חוש און זיין הארץ, זיין מהות און זיין אייגנאַרטיקייט, זיין אויסגעליטערטקייט און זיין פערספעקטיוו.

אַ קינסטלעריש ווערק איז דער פּראָדוקט פון דעם באַשאַפערס דערהויבענער גייסטיקייט. פון זיין געלייטערטער שטימונג און פון זיין דורכגעציטערטן געפיל. אַ קינסטלעריש ווערק איז ניט אויסגע־פּלפּולט פון מוח, ניט אויסגעקריצט פון דער טעכנישער קנעכטשאַפט און ניט אויסגעפאָרמירט פון דער אַרכיטעקטאָרישער האַנט.

אַ ווערק לאָזט אונדז גלייכגילטיק און אומגערירט ווען דער רעאַ־ליזם איז אַ געקינסטלטער, די טיפן אויסגעטראַכטע, די בילדער אויפ־געכאַפּטע ווי מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. ס'איז דאָ אין זיי גערויש, אָבער ניט דער עכטער טאָן, ניט דער עכטער לעבנס־אָטעם, ניט דער געטלעך־קינסטלערישער באַשאַף. ס'פעלט די האַרמאָנישע איינהייט, דער דערהויבענער באַגריף, די דורכזיכטיקע וויזיע, וואָס דאַרף דעם לייענער מיטרייסן אין דער דיכטערישער ספערע, אין דער דיכטערישער נשמה.

דוד בערגעלסאָן

דוד בערגעלסאָן איז פאַרוואָרצלט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין אָריגינעלן, קרעפטיקן טאָן, מיט זיין אומדערשעפּלעכער גבורה און מיט זיין ערנסטער אַנאַליטישער אַריינדרינגונג אין די נשמות פֿון זיינע געשאַפענע טיפּן און געשטאַלטן.

דורך זיין הויך טעמפּעראַמענטפולער קינסטלערישער פאָרם, האָט בערגעלסאָן באַוויזן צו שאַפן דעם ליטעראַרישן ראָמאַן, וואָס אין אַ מוסטער פאַרן יונגערן דור שריפטשטעלער. אין זיינע ראָמאַנען שיל־דערט ער על פי רוב דעם אומעט און נויט, די פאַרלאָשענע חלומות פון די צעריסענע לעבנס, וועלכע בלאָנקען אָרום ווערנדיק אויסגעריסן און דערדריקט. מיט זיין פיינעם לירישן טאָן און מיט דער שאַרפקייט פון זיין אויג כאַפּט ער אויף די גרונטשטריכן און גרונט־טענער פון זייערע פאַרביטערטע און צעוויטאַקטע געמיטער, פון זייער צער און חורבן, פון זייער פיין און בראָך.

בערגעלסאָן איז דער מאָלער פון מלחמה בילדער, דער דערציילער פון מלחמה־יאָרן, דער מקונן וואָס באַוויינט די צעטרייסלטקייט און צעבראָכנקייט פון אַ יידיש לעבן. ער איז אָבער אויך דער באַשאַפער פון נייע פּערספּעקטיוון און אָנזאָגער פון אַ נייעם לעבנסשטייגער. אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק איז שוין פאַראַן דער איבערבוי פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דער שוואונג און אויפברויז פון דער אָרומיקער פּסיכיק, וואָס ער פאַרקערפּערט און פאַרגייסטערט מיט אַ קלאָרן רעאַליזם.

עכטע קונסט אַנטהאַלט די טיפסטע אומפאַסונג פון געדאַנק און געפיל, דעם קלענסטן פּרט פון יעדער לעבנס דערשיינונג און אָפּקלאַנג. זי איז די מאָס און מעטאָד פאַר דער סאַמער אינעווייניקסטער אויפ־לייזונג, און האָט אַ דויערנדיקע ווירקונג אויף אונדזערע חושים און פירונגען. דורך דער קונסט דערזעען מיר דעם עטיקער מיט אַלע זיינע פאַרצווייגטע דרכים, מיט זיינע דורכגעגליטע עמאָציעס און וואַנדלונ־גען, מיט זיינע געניאַליטעטן און שוואַכקייטן.

עכטע קונסט איז דער אייביקער אויפשטראַל פון כשוף־פאַר־כאַפּנדיקע אַנטפּלעקונגען, דער אויפלויכט פון נביאיש־דיכטערישע

ווייזיעס, וואָס צעצינדט און צעפלאַמט, דערהויבט און שטאַרקט אַלע אונדזערע כוחות און געדאַנקען.

***

אונדזער קינדער־ליטעראַטור איז נאָך אַלץ אויף אַ שפּלדיקער מדרגה, און אַנטוויקלט זיך ניט איבעריק גיך. דאָס ביסל קינדער־לידער און קינדער־מעשהלעך, וואָס זיינען פאַראַן זיינען ווייט ניט גענוג אויסצופילן די גרויסע באַדערפעניש און ווייט גאָרניט אַזוי צופרידנ־שטעלנדיק.

די יידישע שולן האָבן שוין לאַנג פריער דערפילט דעם גרויסן דוחק אין אַ שפּרודלדיקער, לעבעדיק־קינסטלערישער קינדער ליטעראַטור. די געצייילטע שאַפער פון קינדער ליטעראַטור אין יידיש, האָבן נאָך ניט באַוויזן אויפצוכאַפּן דעם ריטם פון דער קינדערישער נשמה, און פאַר־נעמען זיך מערסטנס מיט אַ האַמעטנער, שווער־ערנסטער טעמאַטיק.

ביי די אומות העולם איז די קינדער ליטעראַטור רייך און פאַרביק. זי ווערט קינסטלעריש אַנגעהויכט און גענערט און באַנעמט די פּסיכיק און אילוזיע פונעם קינדערישן מוחל, מיט זייערע חנעווודיקע מעשהלעך שלייפן זיי און שניצן דעם קינדערישן געדאַנק, זיין פאַנטאַסטישן האָ־ריזאָנט און באַגריף. זיי דערציען אינעם קינד אַ ליבע און פאַרערונג צום קינסטלער און פאַרזייען אין די סאַמע ערשטע טריט די זוימען פונעם קינפּטיקן לייענער.

***

פאַר אַ שרייבער איז די שפּראַך־רייכקייט אַ גאַר וויכטיקער געצייג, פּאַקטיש ווי דער אינסטרומענט פאַרן מוזיקער. די שפּראַך איז פאַר אים דער פּיאַנאָ־קלאַוויש דורך וועלכן ער שפּילט אויס זיינע גייסטיקע אויסשפּירונגען און לאָזט הערן דעם אָפּקלאַנג פון זיין צייט. אָן שפּראַך רייכקייט איז דער שרייבער ווי אַ מאָלער אָן פאַרבן, און קומט אַרויס בלאַס און מאָנאָטאָן, הארט און טרוקן.

שפּראַך־רייכקייט איז אַ מיטל פאַרן שרייבער צו באַלאַנסירן זיין בילד, צו שאַפן דעם ריכטיקן קלאַנג און בויגיקייט. זי איז אויך דער גרונט־יסוד פון זיין דערפאָלג און מיסדערפאָלג, דער קליינער ניצוץ וואָס העלפט אים באַלויכטן זיין טאַלאַנט.

***

דער גרויסער גייסט איז דער לערער און פאָרמירער פון אונדזער

לעבן, דער מעכטיקער רעזערוואואַר פון אונדזערע שאַפונגען, דער אַרכיטעקט פון אידייאישע בנינים, דער געניאַלער געדאַנקען־ליכט, וואָס צעטרייבט דעם חושך פון אונדז און באַזעלט אונדז מיט מוט און האָפענונג.

דער גרויסער גייסט איז דער נביא און וויזיאָנער, דער אַנטפּלעקער און פרייער אָפּהילך, וואָס צעפּלאַקערט מיט זיין דינאַמיק די ברייטסטע שליאַכן און באַווירקט דורות לאַנגע מיט זיין רייצנדיקן וואָרט.

***

אַ שריפטשטעלער וואָס געהערט צו אַ באַשטימטער פּאָליטישער ריכטונג, דאַרף האָבן אַ ניכטערן צוגאַנג און בליק אויף די פּראָבלעמען און שטרעמונגען פון זיין צייט און סביבה. ער טאָר אָבער ניט באַקליידן זיינע העלדן מיט דעם באַנאַלן פּאַרטיי־לאָזונג און פּאַרטיי־פּראָגראַם. טוט ער עס, איזאָלירט ער דעם העלד זיינעם און דערווייטערט אים פון דער געזעלשאַפט. דער פּאָליטישער שרייבער האָט אַ טבע צו אידעאַליזירן גוזמאדיק זיין פּאַרטיי העלד, און אים לאָזן פּלאַפּלען רייד וואָס זיינען פול מיט פאַראַכטונג צו יעדן אַנדערן לעבנסשטייגער.

אַ שרייבער דאַרף לאָזן זיינע מענטשן זיך פריי באַוועגן, אַריינ־נעמען אין זיך נאָר די ניואַנסן, קולות און קאָלירן. זיי מוזן זיך אויסלעבן אומגעשטערט ווענדליק זייערע נייגונגען און איינגעוואָרצלטע מנהגים.

אין זיין קונסט, איז דער שרייבער דער דאָזיקער וואָס שפּרייזט מיט פאַרפיינערטע געפילן איבער אַלע פאַרבאָרגנהייטן פונעם לעבן. ער דערשפּירט און דערזעט יעדן וועג און שטעג, יעדן קוואַל פון אומעט און גענאַנג. ער איז דער דיכטער וואָס מוז מאָלן דעם מענטשן ניט ווי ער וואָלט אים וועלן זיין, נאָר ווי ער איז, מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. ער טאָר זיי ניט צייכנען אונטערן איינדרוק פון זיין פּאָליטי־שער ריכטונג, אונטער דעם רושם פון די פּאַרטיי צוויסטיקייטן און צעריסנקייט, ווייל דענסטמאָל קומט דער מענטש ביי אים אַרויס בלויז אַ מעכאַנישע פיגור, אַ געשטאַלט וואָס באַווירקט ניט און וועקט ניט.

דער דיכטער וואָס זוכט באמת אַ וועג פאַר זיין אויסדרוק און אַנטפּלעקונג, מוז זיך דערהויבן איבער דער פּאַרטיי פּראָגראַם, איבער די אייגענע דאָגמעס. ער מוז קודם כל אין זיך פאַרקערפּערן דעם דורכ־געפילטן אַבסאָלוטן אמת, דעם ריטם און קלאַנג פון זיין שעפערישן

כוח, וואָס בינדן צענויף די צוויי באַזונדערע פּערים, די פייער־פונקען פון פרוכט און ברכה, שעפערישקייט און קינסטלערישקייט.

י. ז. אנכי

י. ז. אנכי האָט מיט זיינע לירישע בילדער געגעבן אונדזער בע־לעטריסטיק אַ קינסטלערישן צושטייער פון גאָר אַ הויכער מדרגה. מיט זיין ממשותדיקער, קלאָרער פעדער צייכנט ער די באַהאַלטענע טרערן פון דער אַמאָליקער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך אין דער אויסגעוואָרצלטקייט פונעם יידישן לעבן געפונען דערשלאָגן און אויסגעריסן פון זייער סביבה און היים. הויפּטזעכלעך קריצט זיך איין אין אונדזער זכרון זיין איינגעהאַלטנער פייער מיט וועלכן ער מאָלט די פרומע וועלט מיט אירע חסידישע געשטאַלטן. ער רירט אונדזער געפיל און רעדט צו אונדזער פאַנטאַזיע מיט זיין וואַרעמען ליריזם, דורך וועלכן ער דערהויבט די מיסטיק וואָס זינגט אַרוים פון דעם חסידישן עקסטאַז.

XXXVIII

אברהם משה דילאָן

אברהם משה דילאָן האָט אין דער דיכטונג אויסגעדריקט די איינ־זאַמקייט און געדריקטקייט פון זיין אייגענעם געמיט. דער פּאָזיטיווער עלעמענט אין זיין שאַפונג איז די צער־שטימונג, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אָפט אין אַ מין פחד און מורא. ער זעט תמיד פאַר זיך בלויז דעם תהו ובהו סיי אינעם מענטשן און סיי אינעם סדר העולם, און פאַלט דעריבער תמיד אַריין אין אַ שטימונג פון ייאוש און סקעפּטיציזם.

דילאָן איז געווען אַ באַהעמיער, און זיך ניט געלאָזט פּענטן פון מאַנירלעכקייט און קאָנווענציע. פּרימיטיוו און טעמפּעראַמענט האָט ער כסדר געשטורעמט מיט פאַרביטערטקייט און פּראָטעסט, אָט פונקט ווי ס׳וואָלט גאָר קיין זון ניט געווען וואָס לייכט און וואַרעמט. אין זיין קול האָט זיך קיינמאָל ניט געהערט דער אַזוי מענטשלעכער אויסדרוק פון פרייד און האָפענונג, זיין געזאַנג איז קיינמאָל ניט באַשטראַלט געוואָרן פון דער ליכטיקער זון און פון די מענטשלעכע אידעאַלן און גלויבונגען.

דילאָן איז געווען ברייט־שטראַליק און אימפּעטיק־דינאַמיש, און

איז פּאַרפּלייצט געוואָרן אין דער אייגענער שטראָמיקייט, אין דער אייגענער כוואַליקייט. אפילו דער טאָן זיינער איז געווען אימפּעטיק־שטורמיש, אָן וועלכער לירישער ווייכקייט און צאַרטקייט, און פון אַלץ און אַלעמען האָט געשאָטנט בלויז מיט טויט און אומקום.

אליעזר שערמאַן

אליעזר שערמאַן איז דער שריפטשטעלער וואָס גייט מיט שטילע און באַשיידענע טריט. ער איז דער זאַמלער, מאָנאָגראַף און קריטיקער וואָס זוכט ניט צו באַווייזן זיין וואוילקענערישקייט און מאַדימקייט. זיין וואָרט איז ניט קיין געפליגלטער, ניט געציקלט און געקינצלט מיט פּעדאַנטישע פליטערלעך, נאָר אַ תמימותדיקער און נחות דרגאַדיקער, שטעלנדיק זיינע טריט פּאַמעלעך, איינס ביי איינס, זיכער און איבער־צייגנדיק.

סיי אין זיין העברעאישער מאָנאָגראַפיע פון הערשעלע אסטראָ־פּאָליער און סיי אין זיין יידישער פון אחד העם און א. ד. גאָרדאָן, איז שערמאַן דער אָביעקטיווער אַנאַליטיקער, שטעלנדיק זיך אַליין אין סאַמע הינטערגרונט פון זיין ווערק. מ׳זעט בלויז די יראת הכבודיקע באַציאונג זיינע, די חסידישע פאַרהיילונג פון זיין רבין דער תורה־זאָ־גער, אָבער זיין אייגענע לומדות, זיין אייגענע גדלות, ליגט פאַרבאַ־האַלטן ווייט אין הינטערגרונט. מ׳זעט באַשיינפּערלעך אַז ער איז בלויז פאַראינטערעסירט אין דער אויסשיילונג פון דער שעפערישער פּער־זענלעכקייט פון זיינע רביים, אָבער ניט אָנצואווייזן אויף זיך, אויף זיין חסידות און לומדות.

שערמאַן איז אַ הייסער חסיד פון זיינע „שעפער און בויער" און איז ממש אַן עצם חלק פון ביאַליק, אחד העם און גאָרדאָן, אָבער די חסידות זיינע איז ניט קיין בלינדע און פאַנאַטישע. שערמאַן איז קודם כל ערנסט און אָביעקטיוו, אַנאַליטיש און פאָרשעריש, און פאַרפעלט דעריבער ניט אָנצואווייזן אויך אויף נעגאַטיוו, אומקלאָרקייטן און סתירות. ער נעמט ברייט אַרום די צייט און סביבה, דערגרונטעוועט זיך גאָר טיף אינעם מהות פונעם שאַפער און בויער, אַ וועקרשט דענסט־מאָל טרעט ער צו מיט התמדה און סאָלידקייט אַרויסצוברענגען די שאַפונג גופא.

שערמאַן לאָזט ניט דורך קיין איינציקן עפּיזאָד, קיין איינציקן מאמר און קיין איינציקן שטריך און דעטאַל, וואָס בולטער אַרויסצו־ברענגען די גייסטיקע געשטאַלט און נשמה־שייַנקייט פֿון זיין שאָפֿער און בויער, אַזוי גיט ער אונדז אַן אוצר פֿון לעבעדיקע בילדער, מעשה־לעך, שמועסן און געדאַנקען וואָס ברענגען צום ליכט די סאַמע צאַרטסטע און איידעלסטע שטריכן, גאַר די עמאָציעס און שטימונגען, פֿון אונדזערע גייסטיקע ריזן.

שערמאַן טרעט צו צו זיינע שאַפֿער ניט ווי אַ געוויינטלעכער באַאָבאַכטער, נאָר ווי אַ תלמיד ותיק, ווי אַ בן בית מקורב, וואָס שטייט תמיד פּנים אל פּנים און רעדט פּה אל פּה. שערמאַן האָט ביז איצטער אויסגעקליבן צו שרייבן מאָנאָגראַפֿיעס בלויז פֿון אַזעלכע שאַפֿער און בויער וועמען ער האָט נאָענט געקענט, פֿאַרבראַכט אין זייער סביבה און פּערזענלעך אויפֿגעכאַפּט זייערע מינעס און העוויות, זייער שמייכל און געבייזער, זייער געזאַנג און זיפֿצעניש. צוליב דער דאָזיקער נאָענ־טער באַרירונג האָט שערמאַן באַוויזן תופס צו זיין און צו אַבסאָרבירן גאָר זייערע געדאַנקען, גאָר זייער לעבנס־באַנעם און גאָר זייער שעפֿע־רישקייט.

און אָט דערפֿאַר איז שערמאַנס שאַפֿונג אַזוי אייגנאַרטיק אין אונדזער מאָנאָגראַפֿיע־ליטעראַטור. אָט דער זיין אַ מקורב אין „רבינס הויף" און מתאבק בעפר רגליהם, גיט אים דעם גרויסן כוח און רצון אַזוי בולט און פּשוט אַרויסצוברענגען די לעבעדיקייט אַן רייכקייט פֿון אונדזערע שאַפֿער און בויער.

דער אמת קינסטלעריש־געמאָלטער טיפּ איז תמיד פֿולבלוטיק און לעבעדיק אין יעדן פּרט, און מוז זיין די פֿולשטענדיקע פֿאַרקייטלונג פֿון כאַראַקטער און פֿאַרביקייט. דער אמת קינסטלערישער טיפּ מוז זיך פֿאַרגראָבן אין אונדזער כוח הדמיון מיט פֿולער רחבותדיקייט און גרויס־שטהדיקייט, און מוז זיין אָנגעפֿולוערט מיט דער דינאַמישקייט און טיפֿקייט פֿון פֿאַרנעם און גאַנצקייט.

***

גרויס איז בלויז דער דאָזיקער דיכטער וואָס שטעלט זיך ניט צופֿרידן מיט הויכער פֿאָרם, מיטן הוילן לבוש, נאָר זוכט אויך אינער־לעכע האַרמאָניע און תוכנדיקע קערנדיקייט. לבוש און פֿאָרם איז

עסטעטישע שיינקייט, אַנגענעם פאַרן אויג און אויער, אָבער ניט נשמהדיק־עמאָציאָנעל, ניט רוח הקודשדיק און נביאיש, צו באַווירקן און פאַרפיינערן אונדזערע געדאַנקען און מעשים.

טאַלאַנט איז דער סאַמע ערשטער געבאָט און עיקר וואָס אַ שריפט־שטעלער מוז פאַרמאָגן כדי צו טאָן די הייליקע עבודה פון שרייבן. טאַ־לאַנט אַליין איז אָבער ניט גענוג, טאַלאַנט איז בטבע רוי און ניט קולטיווירט גענוג צו זיין באמת שעפעריש און נוצלעך. אַ חוץ טאַלאַנט מוז אַ קינסטלערישער שרייבער אויך פאַרמאָגן אַ גוט אַנטוויקלטן חוש צו זען און פילן, מוז קענען צעמענטירן און פאַרבינדן זיין אינטואיציע מיט די רעאַלע געשעענישן און ריטם פון דעם אַמאָל און היינט.

דניאל טשאַרני

דניאל טשאַרני איז סיי אַ פעאיקער זשורנאַליסט און סיי אַ טאַ־לאַנטפולער דיכטער. אין זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן איז ער ערנסט און שאַרף, און מאָלט על פי רוב בילדער פון יידישער נויט און צעריסנ־קייט. אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען איז ער דוקא דער צאַרטער, סענטימענטאַלער ליריקער וואָס איז תמיד פאַרחלומט און פאַרליבט. אַמאָל הערט זיך פון אים אויך אַ בונטאַרער אויסגעשריי, אָבער אפילו דענסטמאָל איז דער אויסגעשריי ניט קיין צאַרנדיקער און שטורעמ־דיקער. דער ריטם זיינער איז תמיד אַ געלאַסענער און רואיקער, און זיין געשריי איז מער אַ בענקענדיקער און זיפצנדיקער איידער אַ צאָרנ־דיקער און פאַרביטערטער.

נפתלי גראָס

נפתלי גראָס, איינער פון דער אַמאָליקער פלעיאַדע יונגע, האָט אין דער דיכטונג אַריינגעבראַכט די אינטימע, צאַרט־איידעלע און שטיל־אידילישע ליריק. זיינע מאָטיוון זיינען על פי רוב דאָס היימישע שטעטל וואו ס'האָט געהערשט אידיליע און שבתדיקע קדושה. אפילו זיין טאָן איז אַ בנעימותדיקער, וואָס האַמערט ניט מיט צערודערטן אויפבוי, דונערט ניט מיט פייער־שפּריצנדיקע לאַזונגען און פּולווערט ניט מיט סאָציאַלן צאָרן און כעס.

נפתלי גראָס איז דער דיכטער פון שטילע סוביעקטיווע לידער און

ראָמאַנטיש־באַחנטע סטראָפן, וואָס האַרמאָנירן פולשטענדיק מיט זיין אייגן וועלטעלע און געמיט. זיינע טענער זיינען טיפע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, און טראָגן מיט זיך דעם טעם און ריח פון שטעג און סטעזשקע אין זיין אויסגעחלומטער פּאָעטישער געשטאַלטקייט. זיינע טענער זיינען ניט תמיד קינסטלעריש־טעכניש דורכגעוועבט און שמען אוודאי ניט מיט זייער אָרגינעלקייט און קרעפטיקייט, אָבער דאָך זיינען זיי דערפרישנדיק און מיניען מיט ניואַנסן און קלאָריט פונעם אַמאָליקן היימישן שטייגער.

די איצטיקע גרוילעכע צייט און אירע מוראדיקע קרייצונגען, עפענען אַ ברייט פעלד פאַרן ניכטערן קינסטלערישן אויג. די איצטיקע צייט נויטיקט זיך אין קינסטלער מיט געלייטערטע נשמות צו זיין בכוח אויפצוכאַפּן יעדן וויי־געשריי פון אונדזער מאַרטירער־פאָלק און אים איבערגעשטאַלטיקן אין אַ לעבעדיקן עדות פון אונדזערער שוידער און אומקום עפּאָכע.

***

די יידישע ליטעראַטור האָט אין די פאַרגאַנגענע פאָר צענדליגג יאָר זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער מדרגה פון דער בעסערער וועלט־ליטעראַטור. איר פאַרנעם איז ניט מער דער אַמאָליקער דלד אמותדי־קער און ענג־לאָקאַלער, נאָר שפּרייט זיך אויף גאָר גרויסע שלאַכטן און ברייטע וועגן. דער פאַרנעם איז איצטער אַ וועלט־גרויסער: ס׳הערן זיך שוין קלאָר די ריין־אוניווערסאַלע טענער, און אפילו דער סטיל און עצם געדאַנק איז שוין מערער אַ ריין־וועלטלעכער. פאַרלירט טאַקע אַזאַ מין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור איר אייגנאַרטיקן פנים, איר פּאָזיטיוון אידייאישן כאַראַקטער און איר נאַציאָנאַל־יידישע געשטאַלט־קייט, וואָס דאַרף אייגנטלעך זיין דער תוכן און עיקר פון יידישער פאָלקס שאַפונג. די קאַנווע איז אירע איצטער אַ ברייטערע און גרעסערע און שטח פאַר קינסטלערישער שאַפונג, אָבער אין דעם אַלעמען פעלט די עטישע נאַרונג, די יידיש־אידייאישע השפעה און דער כוח פון יאָר טויזנטער יידישע שעפערישקייט. דער ווערט פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור איז ניט איר ברייטקייט און קינסטלערישקייט, נאָר איר אייגנ־אַרטיקייט און אידייאישקייט.

***

אמתע פּאָעזיע איז האַרמאָנישער אויסדרוק און עמאָציאָנעלע גבורה פאַרוואָרצלט אינעם דיכטערס וועזן; ס׳איז דער כוח וואָס באַלעבט

ווערטער און פאַרהילט זיי אין שיינקייט און אין רייכקייט ; ס׳איז די גבורה וואָס רייסט זיך פון פלאַמיקער פולקייט און אימפּולסיווער רייפ־קייט ; ס׳איז דער שם המפורש פון גבורהדיקער אינטואיציע און רוח הקודש פון צעברענטע בלוטן און די קוואַליקייט פון צעפלאַמטע גע־דאַנקען ; ס׳איז דער ריטם פון ראַפינירטער ליידנשאַפט און האַרצנאַגנ־דער בענקשאַפט, דער ריטם וואָס אי ער מאַניעט און אי ער רעגט, אי ער באַרואיקט און אי ער צערודערט, אי ער צערטלט און אי ער דערצאָרנט.

ה. רויזענבלאַט

ה. רויזענבלאַט איז דער יידישער פּאָעט אויף דער אַמעריקאַנער ערד, דער קינסטלער וואָס האָט זיך באַהעפט מיט דער נאַטור. בלויז אין זיינע נאַטור־לידער שטייגט און דערגרייכט די פּאָעטישע רייפקייט פון זיין טאַלאַנט. דאָרט בלויז דערזעט מען זיין רייכע פאַנטאַזיע און מאַלע־רישע פעאיקייט. יעדע נאַטור דערשיינונג ווערט פולגעשטאַלטיקט אויפגעכאַפּט און רעפּראָדוצירט. יעדע לאַנדשאַפט ווערט פאַרפיינערט מיט רייכע פאַרבן און בליענדיקע קוויטן.

די מעמואַרן־ליטעראַטור מיט וועלכער מיר זיינען לעצטנס באַ־רייכערט געוואָרן, האָט באמת אויסגעפילט אַ שטאַרקן און טיפן חלל אין אונדזער קולטור. ערשט איצט קענען מיר אפשר זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן דער יניקה און השפעה אויף דעם שאַפונגס־פּראָצעס אין די פאַר צענדלינג יאָר.

דורך די מעמואַרן דערזעען מיר דעם באַווירקנדיקן כוח וואָס האָט אַרויסגערופן די כלערליי פאָרמען און איבערוואַנדלונגען אין דער שאַפונג פון אַ יידישער ליטעראַטור, און מיר דערזעען אויך דעם מקור וועלכן דער קינסטלער האָט געצויגן זיין יניקה און כוח צו שטעלן די סאַמע ערשטע טריט.

שילדערן דעם לעבן ווי ס׳איז, מיינט געבן אַ רעאַלע אָפּשפּיגלונג אָן שינויים און אָן באַפּוצונגען, מיינט געבן אַ קאָפּיע פון דער וויר־קלעכקייט מיט אַלע אירע שיינקייטן און שאָטנס, מיט אַלע אירע פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון. אָט דאָס דאָזיקע איז, אייגנטלעך, אַן עכט קינסטלערישע מדרגה וואָס לאו כל אָדם זוכה.

צו קאָנען מאָלן זאַכן אמת רעאַליסטיש דאַרף מען האָבן אַ גאָט געבענטשטן טאַלאַנט חלילה ניט נכשל צו ווערן. דער מינדסטער פאַרלוסט פון גלייכגעוויכטיקייט, די מינדסטע נטיה און אָפּנויגונג, צעשטערט די אמתדיקייט און ווירקלעכקייט.

XXXIX

דר. א. קאַראַלניק

דר. א. קאַראַלניק איז געווען אין דער יידישער פּובליציסטיק דער ברייטסטער און פאַרביקסטער עסייאיסט. ער איז געווען דער בליציקער מייסטער וואָס האָט מיט זיין טיפזיניקן געדאַנק, ניכטערן בליק און געשליפענער שפּראַך דערהויבן די עסיי צו אַ פּאָעטישער פאָרם. ער האָט אין איר אַריינגעבראַכט אַ נייעם טאָן, אַ נייעם שוואונג, נייע שפּראַך־זאַפטיקייט און נייע קינסטלערישע בילדערישקייט. די שפּראַך איז אונטער זיין מייסטערישער האַנט געוואָרן פולער, שענער, בויגיקער, ריטמישער.

קאַראַלניק איז געווען ליריקער און פילאָסאָף, פּאָעט און עסייאיסט, קינסטלער און פּובליציסט, און איבער אַלץ און אַלעמען האָט געשוועבט אַ העלע ליכטיקייט, אַ נייקייט פון סטיל און שעפערישקייט פון וואָרט. ער איז געווען אַ פאַרביקער גאָרטן, וואָס פאַרבלענדט דעם אויג מיט בלומען און אַראָמאַטן. ער האָט געברויזט מיט דיכטונגען אין דער קונסט און אין דער פילאָסאָפיע, וואָס איז געווען דער אויסגאַנג פון זיין דיכטערישער אומרואיקייט. אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פון כלערליי טעמעס האָט ווי אַ פאָנטאַן געפּלאָסן פון זיין פּראָדוקטיווער פעדער. די אַלטע ליטעראַטור, די ניי־מאָדערנע, אונדזער אייגענע יידישע שאַפונג, האָבן זיך גראַציעז צענויפגעפּלאָכטן און געוואָרן איין איינציקע איינקייט, אַ צונויפגוס פון שפּראַך פאָרם, רעיון, טאָן און קלאַנג. זיין פּובליציסטיק איז געווען אַ דיכטערישע באַנייאונג, געבויט אויף מעלאָדישע קלאַנגען.

זישע לאַנדוי

זישע לאַנדוי איז דער דיכטער און עסטעטיקער, וואָס האָט געזוכט אַרויסצוברענגען פון יעדן וואָרט די שפּילעוודיקייט און האַרמאָניע,

דעם צויבער און ריטם. ער איז דער דיכטער פון פאָרם און שיינקייט, וואָרט און קלאַנג, שפּראַך און קונסט. ביי אים איז קונסט אַ קולט צו וועלכן ער דינט און בוקט זיך מיט אַלע פיבערן פון זיין דיכטערישן געפיל. ממילא האָט ער אויך מבטל געמאַכט און פאַראַכטעט די דאָזיקע דיכטער וועלכע פאַרנעמען זיך מיטן קאָלעקטיוו, מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, און פאַרלירן דערביי די אייגענע אינערלעכע, סוביעקטיווע דערקענטניש.

לאַנדוי איז געווען דער דיכטער מיט גרויסע אינערלעכע כוחות, מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר עסטעטיק און שיינקייט. אין זיין שטענדיקן אומרו, האָט ער כסדר געזוכט נייע וועגן אין דער פּאָעזיע, אַ וועג וואָס זאָל פירן צו דער ריינער אויסגעלייטערטער עסטעטיק, צו דער קריסטאַליזירונג פונעם וואָרט, צו דער שלמותדיקייט פון פאָרם און ריטם. זיין ליד איז דער איינהייטלעכער געפיל, דער ווירברירנדיקער ציטער און אינערלעכער נשמה-פייער אין וועלכן ס'אַנטפּלעקט זיך זיין אייגענע דיכטערישע וועלט.

———

אָפט לייענען מיר לידער פון די מאָדערנע דיכטער וואָס זיינען אויבנאויפיק גאַנץ גלאַטיק אויפגעשריבן. די טעמאַטיק, דער גרונטמאָטיוו, דער ריטם און פאָרם, פליסט לייכט אָן שוועריקייטן און אָן שטרויכלונגען, אָפט אפילו היפשלעך פאַרביק, און דאָך פאַרבלייבן מיר גלייכגילטיק, ניט באַפרידיקט און ניט גערירט. מ'זעט בחוש אַז זיי זיינען הוילע מוח-שאַפונגען, אומבאַווירקט פונעם האַרצן, ניט דורכגעפילט און ניט דורכגעלעבט. ס'פעלט אין זיי די אייגענע אינדיווידואַליטעט, די דיכטערישע אומרואיקייט, דער רוח הקודש און זעלןשטימונג, די עמאָציע וואָס זאָל זיך דערהויבן צו פּאַטעטישער גבורה און הויכקייט, דער סם החיים וואָס זאָל דעם געשאַפענעם געבן לעבנס-אָטעם און לעבנס-עלעקסיר.

***

דער אמתער קינסטלער האָט תמיד דעם אומקאָנטראָלירבאַרן דראַנג זיך אויסצולאָדענען, פון זיך אַראָפּצוואַרפן די שווערע משא פון זיין קינסטלערישער יצירה. זיינע אָנרעגונגען זיינען דער אויסדרוק פון דער אייגענער באַווירקנדיקער בענקשאַפט, פון דער נאַטירלעכער באַפרוכפּערונג. ער באַנוגענט זיך ניט מיט די אָנגענומענע פאָרמען און צוגעגרייטע מיטלען, נאָר גייט דורך דעם גאַנצן פּראָצעס פון חבלי

לידה און מעשה בראשית. ער איז אליין אַ באַשאַפער, אליין אַ בורא עולם, אליין דער בויער און אַרכיטעקט. דורך זיין אייגענעם איך, דורך דער דיכטערישער אינטואיציע, נעמט ער צענויף די פעדים און פונקען וואָס וועבן זיך דורך טויזנטער פאַרלאַנגען, און באַלויכט זיי מיט דעם פייער וואָס זינגט און ברענט אין זיין אייגן בלוט. ער איז דער כּוח המושך, די מאַגנעטישע קראַפט, וואָס זאַפּט אין זיך איין יעדן מענטש־לעכן, גייסטיק דערהויבענעם געפיל, גיסט אין דעם אַריין אַ נשמת חיים און מאַכט דערפון אַ פולשטענדיקע בריאה מיט אַלע אייגנשאַפטן און כוחות.

***

דער טאַלאַנטפולער איבערזעצער איז דער איבערגיסער פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער. ער איז דער וואָס איז מגלה די קונסט־אוצרות פון זיין אייגן פאָלק צו דער ברייטער וועלט, גיט זיי דערנערונג, באַרייכערונג, און פאַרוואַנדלט זיי אין אַן אַנגעזעענעם חלק פון דער מענטשלעכער גייסטיקער שאַפונג.

איבערזעצן איז ניט סתם עפּעס אַ מלאכה, אַן אומנות, נאָר אַ קונסט וואָס פאָדערט אחריות, פליים און ליבשאַפט. דער איבערזעצער מוז אַליין פאַרמאָגן אַ קינסטלעריש־דיכטערישן חוש זיך צו דערגרונ־טעווען אין דער סאַמער טיפקייט פונעם געשאַפענעם. ער מוז זיין אַ מיטבויער און מיטווירקער אַריינצולעבן זיך אינעם סאַמע מקור, און איבערצובויען דעם גאַנצן תוכן מיט אַלע זיינע כמות און איכות, סטיל און ריטם, פאָרם און ניואַנס, וואָרט און קלאַנג, רייץ און כישוף, וויזיע און חלום, עס זאָל ניט פאַרלאָרן גיין דער מינדסטער דעטאַל, די מינדסטע חנעוודיקייט.

XL

ראובן ברײנין

ראובן בריינין איז געווען עסייאיסט, קריטיקער און ביאָגראַף. אויף אַלע דריי געביטן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטעלעק־טואַליזם און אייראָפּעאישקייט. בריינין איז אין דער העברעאישער ליטעראַטור געווען דער זעלבער ווי דוד פרישמאַן, און ביידע האָבן זיי דוקא געזוכט די אייראָפּעאישקייט אַריינצוברענגען אין דעם ענגן יידישן לעבנס־אינהאַלט.

דער עיקר האָט מען דעם דאָזיקן שטריך בולט אַרויסגעזען אין

זיינע קריטישע אָפּהאַנדלונגען. דאָ איז ער געווען דער שטרענגער מאַנער, און געמאָסטן די יידישע שאַפונגען מיט דער אייראָפּעאישער וועלט-מאָס הגם ער האָט דוקא צוגעגעבן זיינעם אַן אייגענעם קאָלאָ-ריט, זיינע אַן אייגענע השקפה, וואָס איז על פי רוב געווען אָריגינעל און געוואַגט. אָט די דאָזיקע אָריגינאַליטעט און געוואַגטקייט האָט זיך געפילט אין זיין גאַנצן שעפערישן פאַרנעם. ער איז דענסטמאָל געווען כלו חידוש און ברייניניסטיש. דער טאָן, די פאָרם, די שפּראַך און אפילו דער עצם געדאַנק איז געווען אייגנאַרטיק און געטראָגן אויף זיך דעם ספּעציפישן ברייניניסטישן חותם. זיינע אַ קריטיק איז געווען פאַר-פעקטע כירורגיע, וואָס האָט געשניטן און געפּאַלמעסט יעדן אבר. זיינע אַ מיינונג איז געווען שאַרף, אָפט און געוואַגט. ער האָט זיך ניט, ווי עס איז דער שטייגער, אָפּגעשטעלט בלויז אויף אויבנאויפיקייט, נאָר האָט טיף אַריינגעדרונגען אין דער אויסגעהאַלטנקייט פונעם טיפ און כאַראַקטער, אין דער אויפבליציקייט פונעם געדאַנק, אינעם אויפ-ברויז פון דער עמאָציע און אין קאָמבינירונג פון דעם מחברס אינטו-איציע. ער האָט מיט זיין טיף אַנטוויקלטן אינטעלעקט און פייער-שפּייענדיקער פעדער צוגלידערט כירורגיש סיי דעם תוכן און סיי דעם מקור, סיי אויף דעם פּאָזיטיוון און סיי אויף דעם נעגאַטיוון, און אפילו ניט פאַרזען דעם מהות און עצם וועזן פונעם מחבר אַליין.

אין דער ערשטער פאַזע פון זיין שאַפונג, האָט ברייניני, ווי אַלע אַנדערע העברעאישע שרייבער אין זיין תקופה, געקוקט מיט אַ גע-ווויסער מאָס פון ביטול, אויב ניט מיט אַנטאַגאָניזם ,צום וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור. ערשט אין די לעצטע צוויי צענדלינג יאָר פון זיין לעבן, האָט ברייניני געביטן זיין באַציאונג צו יידיש ווי ער האָט בכלל געביטן בהדרגה זיינע אידייען און פּאָליטישע גלויבונגען. ער האָט דענסטמאָל געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן רייפקייט און אויסגעוואַקסנקייט פון די ווירקנדיקע קינסטלערישע כוחות אין דער יידישער ליטעראַטור.

ברייניני איז ניט געווען סתם אַ שיין-שרייבער, נאָר האָט תמיד געהאַט פאַר זיך אַן עיקר תוכן און תכלית. ער האָט אין דער יידישער עסיי אַריינגעבראַכט די טיף-ברייטע וועלט השקפה מיט אַלע אירע פּאָטענציעלע כוחות און מעגלעכקייטן. זיין שפּראַך און סטיל אין יידיש

איז אפילו געווען אַ שווערער און האַמעטנער, אָבער דערפֿאַר האָט בולט אַרויסגעלויכטן זיין אייגענע פּערזענלעכקייט און שאַרף געלייטערטער געדאַנק.

י. י. סיגאַל

י. י. סיגאַל איז איינער פֿון די באַגאַבטע דיכטער ביי וועמען די מוזיקאַלישקייט פֿון וואָרט און מעלאָדישקייט פֿון טאָן איז ניט איינגעוועבט אין דער הוילער דיסציפּלינירטער טעכניק. זיין כּוח ליגט אין דער טיפֿקייט פֿון זיין אייגענער נשמה, אין די אייגענע געפֿילן און איבערלעבונגען, אין די אייגענע שטימונגען וועלכע שטייגן און פֿאַלן צוריק ווי דער עבֿאַ און פֿלוס ביים ברעג ים.

סיגאַלס דיכטערישער איינשטעל איז אַזעלכער, אַז ער ווערט דורכאויס באַווירקט פֿון דער בלאַנדזשנדיקער פֿאַרלוירנקייט. ער וואַנדערט תּמיד אַרום על פּרשת דרכים צווישן דער אייגענער יידישער וועלט וועלכע איז ענג און איינגעצוימט, און די פֿרעמדע גויאישע וועלט וועלכע איז ברייט און רחבֿותדיק.

סיגאַל איז דעריבער ניט דער טריאומפֿירנדיקער דיכטער און זינגער פֿון אויפֿברויז און נייע אָריענטאַציעס; זיין ליד איז צונויפֿגעוועבט פֿון רירנדיקע לירישע פֿאַרטראַכטונגען, פֿון דינער באַשיידנקייט שטילקייט און פֿאַרלוירנקייט. ער זעט בולט דעם געראַנגל סיי אין זיך און סיי אין יענעם, אָבער דער געראַנגל איז ניט קיין שטורעמדיקער, ניט קיין קעמפֿנדיקער, נאָר אַן אומבאַהאָלפֿענער און אַרויפֿגעצוואונגענער דורך דער אייגענער גייסטיקער צוריסנקייט און צעשפּליטערטקייט. די אינספּיראַציע קומט צו אים דורך דער איינזאַמקייט, טרויעריקייט און פֿאַרבלאָנדזשנקייט, און דערפֿאַר זעען מיר ביי אים דעם געמיש פֿון טאָג און נאַכט, זון און וואָלקן, ליכטיקייט און חשכות, גוטס און שלעכטס.

די פּראָבלעמען פֿון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע, ווערן אין דער יידישער ליטעראַטור כּמעט ניט באַרירט. אונדזערע שרייבער ווערן נאָך אַליץ, על פּי רובֿ, אינספּירירט פֿון דעם אַמאָל. דאָס היימישע שטעטעלע איז נאָך אַלץ דער איינציקער מקור פֿון אָנרעגונג. אין זייערע ווערק קומט צום אויסדרוק דאָס היימישע לעבן מיט זיין סבֿיבֿה

און גערעגנגל, און בלויז זעלטן אַמאָל קריגן מיר אויך אַ בילד פון דעם יידישן לעבן דאָ אין לאַנד.

די סיבה איז אוודאי ניט די פרעמדקייט און ניט־איינגעבירגער־קייט; דער יידישער שרייבער איז בעצם שוין אַ פאַרפונדעוועטער תושב דאָ אין לאַנד און האָט שוין באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך דעם זין פון אַמעריקאַנישקייט; ער האָט אָבער דעם באַגער צו האָבן פאַר זיך אַן אוידיטאָריע, אַ לייענער וואָס זאָל אויפנעמען זיין וואָרט. עס איז אָבער פאַר אים אַ שווערער און אָנגעווייטאָגטער ענין צו שרייבן וועגן דער יוגנט און פאַר דער יוגנט; זיי זיינען אים טאַקע ניט פרעמד, אָבער ער זיי איז יאָ פרעמד.

קאָן מען אוודאי צו די יידישע שרייבער וועמענס דאָליע איז ניט קיין איבריק פריילעכע ניט האָבן קיין טענות. דאָך וואָלטן זיי מעגן אָנהויבן זוכן אַ דערנענטערונג און ווענדן זייערע אויגן צום לעבן פון דער יידישער יוגנט דאָ.

עוזר וואַרשאַווסקי

עוזר וואַרשאַווסקי האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ צוויי צענדלינג יאָר צוריק, אויפגעבליצט אויף אַ ווייל ווי אַ לויכטנדיקער שטערן און באַלד דערנאָך אונטערגעגאַנגען. זיין אויפ־בליץ איז געווען דער ראָמאַן „די שמוגלערס". אין אים האָט ער געגעבן אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג פון דעם יידישן שטעטעלע אין פוילן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. די וועלט־מלחמה האָט דענסטמאָל רואינירט און צובראָכן דאָס יידישע לעבן און געלאָזן הונדערטער טויזנטער יידן דאַכלאָז און אויסגעריסן פון דעם דורות לאַנגן איינגעפונדעוועטן מצב. אין יענער צייט איז פאַר דעם רוב געבליבן בלויז איין איינציקער פרנסה, די שמוגלעריי, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אמתר מסירת נפש. אַט יענעם סכנהדיקן לעבן מאָלט ער מיט שאַרפע קאָנטורן און ברענגט אַרויס די גאַנצע רויקייט. מיט פיינעם רעאַליזם און פרישן אייגנאַרטיקן סטיל וויקלט ער פאַנאַנדער איין סצענע נאָך דער אַנדערער, ניט איבערלאָזנדיק דעם מינדסטן דעטאַל.

וואַרשאַווסקי האָט אַ רייכע גאַלעריע פון טיפּן און פאַרשוינען, טעמפּע נפשות און פיין־פילנדיקע מענטשן, עם הארצישע גראָבע יונגן און יידן לומדים און ירא שמים. יעדער טיפּ איז ביי אים אַ גאַנצע

שאַפונג, וואָס מיר דערזעען מיט אַלע פּרטים און דקדוקים. וואַר־שאַווסקי איז ניט שפּאַרעוודיק, און דאָך מערקט זיך אפילו אין דער פּרטימדיקייט אַ געוויסע מאָס און סימעטריע.

וואַרשאַווסקיס ראָמאַן ווייזט אָן אויף אַ געזונטן קערנדיקן טאַ־לאַנט מיט ראַיעלע גרונט־פאַרבן און קינסטלערישער רייכקייט אויפ־צוכאַפּן מאָמענטן און פּאַסירונגען, שטריכן און ניואַנסן און דאָס אַלץ איבערצוקנעטן אין רעאַליסטישע פולגעשטאַלטיקע בילדער.

ש מ ר

צו שמרס פינף און דרייסיקסטן יאָרצייט האָט זיך אין דער יידישער פּרעסע אויפגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן זיין טאַלאַנט און אויפטו. מען ריוווידירט איצט זיין גאַנצע ירושה, און מען איז אגב אורחאדיק זיך מתוכח וועגן שלום עליכמס משפט איבער אים.

ש. ניגער איז שטאַרק ברוגז וואָס מען זאָגט נאָך איצטער אַ גוט וואָרט אויף שמרן, און ער דערלאַנגט דערביי אַ פּאָרציע מוסר הגם אויף אַ קאַלעגיאַלן אופן. דער אמת איז, אַז ביידע צדדים פאַרקריכן אַביסל צום עקסטרעם. שמר איז טאַקע ניט געווען קיין קינסטלער און רעאַליסט און אפשר בכלל ניט געווען קיין יידישער שרייבער אין דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן זין, דאָך איז זיין צושטייער צו דער אויפבויאונג פון דער יידישער ליטעראַטור אַ גאַר גרויסע. שוין דערפאַר אַליין וואָס ער האָט בשעתו צוגעצויגן דעם יידישן לייענער און באַאיינפלוסט די ברייטע מאַסן זיך צו פאַראינטערעסירן מיטן יידישן וואָרט און יידישן בוך, קומט אים שוין אַ בכבודיק אָרט אין מזרח וואַנט. זיכער טאָר מען עס ניט באַטראַכטן פאַר אַ זינד איצטער אַרויסצוזאָגן אַ גוט וואָרט וועגן אים.

דיכטער וואָס טראַכטן אויס זייערע לידער, טראָגן אין זיי ניט אַריין דעם ריינעם אמת און פאַרמאָגן ניט דעם פולשטענדיקן אויסדרוק פון זייער געמיט און שטימונג. ס׳פעלט דענסטמאָל די אומבאַגרענעצטע אמונה, וואָס זאָל זייער שאַפונג געבן דעם אידייאישן אינהאַלט, פאַר־טיפן זייער געפיל און באַלויכטן זייערע חזיונות און טונקלקייטן.

די פונדאַמענטאַלע קערנדיקע פּאָעטישע פולקייט ווערט געצוימט אין פיקסירטע, אָביעקטיווע דעקאָראַציעס פון הוילער רעטאָריק, מאַ־

נאַפּאַלירט פון אַלט־מאָדישע שאַבלאָנישע עפּיגראַמען און חכמהלעך, וואָס קריצט ניט אויס די פולגעשטאַלטיקייט פונעם דיכטער. אין זייערע דיכטונגען פעלט נשמה — דער שוואונג פון דער איבערגעלעבטער עמאָציע. דער טרייער לעבנס־טאָן און לעבנס־ריטם איז רעדוצירט צו פלאַכקייט פון הוילן גראַם־שטראַם. ס'פעלט דער געטלעכער, שעפע־רישער אויפשטייג, דער שוואונגפולער גאַנג פון קינסטלערישער טרחה, די קריסטאַליזירטקייט פון זייערע חלומות.

***

די קינסטלער וואָס שרייבן „פּאַ פּריקאַז" און באַשטעלונג, גיבן על פּי רוב אַ ליטעראַרישע סחורה וואָס איז איינגעשרומפּן קליין און נישטיק. זיי זיינען געצוואונגען צו פאַרוואַנדלען די קונסט אין אַ קונץ, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין עובר לסוחרדיק, וועדליק דעם געשמאַק פון „געערטן" ראָמאַנען־לייענער. אויפן אָרט פון אינטואיציע, וויזיע, טאַלאַנט, קינסטלערישן טאַלאַנט, גיבן זיי חכמהדיקע מלאכה. זיי שטעלן צו די נויטיקע צאָל שורות צייטונגס־ווינקעלע, אָבער אָן דעם פלאַם און פיבער פון קינסטלערישן שאַפן.

די צייטונגס־דיכטער גיבן אַ געצווימטע, פאַרפרוירענע קונסט, אַן אויסגעבלייכטע, צעברעקלטע שרייבעריי. קונסט, אמתע קונסט, פונקט ווי אמתע ליבע, ווייסט ניט פון געצאַמטקייט און אויסגערעכנטקייט. זי קומט פון טיף געלייטערטע מקורות, פון אַן אינערלעכן געטלעכן רוף, פון אָנגעזאַמלטע ברוויזונגען און געראַנגלען, וואָס רייסן זיך צום אויס־דרוק פון אַן איינהייטלעכן געדאַנק און מיסטעריעזן עפּעס.

קונסט, אמתע קונסט, איז אַ חסד, אַ מתנת אלוקים, וואָס קומט צום שעפער דורך אַ ברענענדיקן סנה, בליצנדיק ווי די קולות וברקים ביים באַרג סיני און אין רגעים פון רייפער שאַפונגס מעגלעכקייט, פון רוח הקודשדיקייט.

XLI

אין יעדן קינסטלערישן ווערק ליגן אָפּט באַהאַלטן די אויטאָביאָ־גראַפישע איבערוואַנדלונגס שפּורן פונעם קינסטלערס אייגן לעבן. די שילדערונגען שפּיגלען אָפּט אָפּ דעם הינטערגרונט פון זיינע אייגענע דערפאַרונגען און דורכגעלעבטע פרייד.

וואָס טיפער און שטאַרקער עס קריצן זיך אין אים איין די איינ־

דרוקן, מאָמענטן און בילדער, אַלץ רעאַליסטישער, פולפאַרצווייגטער און פולגעשטאַלטיקטער מאַלט ער דעם איבערגעלעבטן לעבן מיט קינסטלערישן באַדייט און עשירות פון זיינע וויזיעס.

דעם קינסטלערס פערזענלעכע איבערלעבונגען זיינען גאַר אָפּט די גייסטיקע אַנרעגונגען און גרונט-שליסל פאַר אַלע זיינע עמפינדלעכקייטן, דיכטערישע דערקענטנישן און שעפערישקייט.

חיים נחמן ביאַליק

חיים נחמן ביאַליק איז דער גרעסטער דיכטער און מייסטער אין דער העברעאישער שפראַך. ער איז דער אינטעלעקטועלער ריז, די געניאַלע פערזענלעכקייט, וואָס האָט ווי אַ בליץ אויפגעשיינט אין אונדזער ליטעראַטור.

זיין טאָן איז דער פלאַקערדיקסטער עקסטאַז פון מענטשלעכער דערהויבנקייט, פון פאַטעטישן צאָרן און קראַפט. זיין „שחיטה שטאָט" איז דער שאַרפסטער אויסדרוק פון האַס און עקל צו די אַלע מערדערייען און רציחות פון די בלוטיקע הענקער.

אין זיינע לידער איז ביאַליק ליריש צאַרט און סאַטיריש בייסנדיק. זיין וואָרט גלעט ווי אַ קילער ים-ווינטל און שלאָגט מיט פונקען ווי אַ האַמער איבער דער קאָוואַדלע. עס גיסן זיך ביי אים אַרוים טענער פול מיט באַגליקטער פרייד פאַר דער וועלט מיט אירע וואונדערבאַרע נאַטור שיינקייטן. עס גיסן זיך אָבער אויך טענער פול מיט ווייטאָק און פאַרצווייפלונג, תהומות פון אומעט און חושכדיקייט. אָט איז ער לייכט, פאַרחלומט און שפילעוודיק. די טענער פול מיט אידילישער צאַרטקייט, און אָט ווערט ער צעצונדן פון צער און צאָרן מיט אַ בייזער קללה צו דער גרויסער, ברוטאַלער וועלט.

ביאַליק איז דער אויסדערוויילטער פּאַנען-טרעגער, דער נאַציאָנאַלער דיכטער, וואָס האָט אַמשטאַרקסטן אויסגעדריקט דעם נאַציאָנאַלן באַגער פון זיין פאָלק. אין זיינע לידער האָט ער אַמקלאָרסטן אָפּגעשפּיגלט אַלע יידישע עליות און ירידות, זיין גאַנצן העראָאיזם און זיין מאַרטירערטום.

ביאַליק איז דער דיכטער פון ריזיקן, קינסטלערישן גלאַנץ, פון טיף דורכגעפילטע, וואולקאַנישע טענער, וועלכע האָבן דורכגעשמידט מיט

פייערדיקן פּאַטאָס געמוטיקט און געטרייסט, געלאַסטשעט און געהיילט ווי דאָס גליענדיקע וואָרט פון אונדזערע אַמאָליקע נביאים און קדושים.

ה. ד. נאָמבערג

נאָמבערג איז איינער פון די באַגאַבסטע שריפטשטעלער אין דעם אָנהויב פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער קינסטלער מיט אַ סך אינטענסיווער טעטיקייט, און רעאַגירט מיט עסטעטישע פעליעטאָנען און באַלערנדיקע עסייען אויף אַלע קולטור דערשיינונגען.

נאָמבערג איז געווען דער כל יכול און געשאַפן אויף יעדן געביט. אין זיינע דערציילונגען איז ער געווען דער קינסטלער־פּסיכאָלאָג וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין דער טיפעניש פונעם מענטשן. מיט דער קראַפט פון זיין שאַרפן אַנאַליז, האָט ער זיך איינגעלעבט אין די אינער־ווייניקסטע וועלטן פון די אינטעליגענטן און זייער איינזאַמקייט, עלנט־קייט און טראַגישקייט, און אַזוי אַרום אַרויסגעבראַכט אַ פולשטענדיקן טיפּ מיט זיין גאַנצער סביבה און פּראָבלעמאַטישקייט. אָט די דאָזיקע פאַרביטערטע שטימונגען, אומבאַהאָלפנקייט און באַדנלאָזיקייט פון דער אַמאָליקער יידישער אינטעליגענץ איז אַ באַזונדער ווינקל אין זיינע שאַפונגען און האָבן נאָך איצטער אַ קינסטלערישן און אַלמענטש־לעכן ווערט.

מ נ ח ם

מנחם איז אַן עסייאיסט און דיכטער, וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט נייע פאָרמען און טענער. זיין ליריש־עפּישע פּאָעמע „זאַוול רימער" איז אַ שילדערונג וואָס מאָלט מיט פיי־נעם פּאָעטישן פּאַטאָס די מלחמה־יאָרן. די פּשוטע פאָלקס געשטאַלט זאַוול רימער איז אַ שאַפונג פון פאַרנעם און ווערט, אַ שילדערונג פון אָריגינעלן באַדיים. אין דער דאָזיקער פּאָעמע זיינען פאַראַן מערקוויר־דיקע טראַגישע סצענעס, פול מיט רדיפות, ליידן און חורבנות אין וועל־כע עס פילט זיך דער פולס פון אַ דיכטעריש האַרץ.

אין אַלע זיינע לידער און פּאָעמעס איז פאַראַן דער טיף מענטש־לעכער בליק, דער טריפנדיקער טעם און תענוג פון אַ נייעם לירישן אינסטרומענט, וואָס זינגט אויס די דיכטערישע אַנטפּלעקונגען, דעם

פּאַטעטישן אומרואיקן אויפבראַוז, די קרעפטיקע באַוועגונג, דער שטור־רעמדיקער ליכט־פונק פון אַ רייכער האַרמאָנישער סימפאָניע.

קאַדיע מאַלאַדאָווסקי

קאַדיע מאַלאַדאָווסקי איז אוודאי איינע פון אונדזערע טאַלאַנטס־פולסטע דיכטערינס, וואָס האָט אין אַ משך פון גאָר אַ קורצער צייט זיך דערהויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה. אירע לידער זיינען ניט סתם עפּעס אַן אויסגוס פון סענטימענטן און איבערלעבונגען, ניט סתם עפּעס אַ שטימונג וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך פרייד אָדער דורך צער, דורך אַ קאַפּריז אָדער דורך אַ שפּילעריי; אירע לידער זיינען אַלע איין געצויגענע און געפלאָכטענע קייט, און וואַקסן אַרויס אַלע פון איין איינציקן מקור — די אייגענע נשמהדיקייט.

קאַדיע איז אַ באַלאַדענע מיט קאַמפן, גערانגלען און אידייען, און די דיכטערין אין איר זוכט דורך די לידער אויסצולאָדן די שווערע משא און צו געפינען אַ פרייידיקע רגע, אַ נוצלעכן תכלית און אַן אידעאַלן אויפטו. איר תכלית און אויפטו דערגרייכט זי אין איר פּאַרוויי־טאַקטן אויסגעשריי און נקמה־רוף, הגם זי איז באמת מער ריטערלעך ווי בונטאַריש. איר גאַנצע אָנשטרענגונג צו אַנטלויפן פון דער אַלט־מאָדישער באָבע מיט אירע זיבן שלייערן און זיך באַפעסטיקן אין דער רעוואָלוציאָנערישקייט, איז, דוכט זיך, אַן אומזיסטע און אַרויסגעוואָר־פענע. אַ יידישע קינסטלערין קאָן זיך פון דער טראַדיציאָנעלער סביבה ניט אַוועקרייסן, און אוודאי קאָן זי ניט אויסמעקן פון זכרון איר מאַמע און באָבע מיט זייער שלמותדיקער יידישקייט און הייליקייט. יידיש־דיכטעריש בלוט ווערט ניט פאַרגליווערט, און אפילו קאַדיע קאָן ניט פאַרבויגן איר בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היימישקייט, נאָך דעם געסל און הויף וואו איר באָבעס פיס האָבן געטראָטן.

און אָט דערפאַר אפשר זיינען אירע לידער פול מיט דעם גערانגל פון נייקייט און אַלטקייט, די אָפּגעלעבטקייט און קאָכעדיקייט פון יונג בלוט. ס'רייסט איר צו דער היינטיקער פרוי און איר ראָל אין דעם נייעם לעבן, און ס'ציט איר מאַגנעטיש צו דער אַלטער אידיליע אינעם היימישן שטעטל. זי וויל זיין מאָדערנע פרוי, און איז גאָר פרומע באָבע. זי זעט די דזשיקע גאַס, אָבער לעבט בחוש וברוח אין דער באָבעס שטוב.

אסתר שומיאַטשער

אסתר שומיאַטשער איז איינע פון אונדזערע באַגאַבסטע דיכ־טערינס אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. אירע לידער זיינען אמתע דיכטערישע אַנטפּלעקונגען, פול מיט אויפטרייסלנדיקן קלאַנג פון די אייגענע וואַנדער־וועגן.

איר אָפטער ריין־פּערזענלעכער טאָן, באַווירקט און דערפרישט דאָס געמיט. זי זינגט ניט אין כאָר, נאָר איז אַ סאָליסטן. זי לאָזט תמיד הערן איר אייגענעם קול, אירע אייגענע טענער, איר מוטערלעך — אינטימען און פריידיקן טאָן. פאַר איר וויקלט זיך תמיד פאַנאַנדער די פּילפאַרביקע נאַטור מיט איר בילדלעכקייט און האַרמאָניע, און זי דערזעט די וועלט אַ קלאָרע און ליכטיקע, אַ האַרמאָנישע און רחבותדיקע.

אין אירע אומפּערזענלעכע לידער איז זי אויך באַהעפט און צוזאַ־מענגעבונדן מיט דער וועלט פון אומרו; ס׳איז איר אייגענער אומרו אין דער גאָר גרויסער און ליכטיקער וועלט.

XLII

יעקב גלאַטשטיין

יעקב גלאַטשטיין איז אַ דיכטער מיט אַ ברייטן פאַרנעם, גרויסן שוואונג און אומגעהויערער געוואַגטקייט. דורך זיינע דרייסטע עקס־פּערימענטן האָט ער אויסגעברייטערט די מעגלעכקייט פון נייע שאַ־פונגס־פאָרמען. ער האָט אין דער יידישער דיכטונג אַריינגעבראַכט נייעם סטיל, נייע פאָרם און נייע ניואַנסן. בכלל האָט ער פאַר זיך גע־שאַפן אַ נייעם דרך. און אפילו געוואָגט אָפּצונויגן פון דעם „אינזיכיזם״, מיט וועמען ער איז, אייגנטלעך צונויפגעקניפּט און צונויפגעבונדן.

קודם כל איז גלאַטשטיין ניט תמיד דער אינזיכיסטישער מוח־מענטש. אָפט דערלויבט ער זיך אָפּנויגן פון דעם אינטעלעקטואַליזם, און געבן אויסדרוק דאָס ריין סוביעקטיווע. דעם אייגענעם געמיט און דעם אייגענעם געפיל. ער ווערט דערפאַר אָפט געשטויסן פון אַ מין אינערלעכן ויתרוצו. מוח און האַרץ, אינטעלעקט און געפיל, עסטע־טיק און גאַס, ראַנגלען זיך אין זיינע קינסטלערישע וואַנדלונגען.

דערפאַר אפשר איז אין זיין דיכטונג פאַראַן אַזוי פיל גאַליקער סאַרקאַזם און ביטערע איראָניע, הגם עס קומט ביי אים אַרויס פאַראיידלט און ראַפינירט, בילדלעך און מוזיקאַליש. אָט דערפאַר איז זיין ליד אַמאָל גראָטעסק-שפילעריש, אַמאָל פילאָסאָפיש פאַרטראַכט און אַמאָל ליריש-צערטלנדיק. אין אַלע איז אָבער תמיד פאַראַן קרעפטיקער אויסדרוק, שפראַכלעכע עשירות און קינסטלערישע מדרגה.

אַן אמת קינסטלעריש ליד איז אַ געוועב פון בילדער, געדאַנקען און קלאַנגען. יעדער וואָרט פולסירט מיט נערוו און בלוט; יעדע שורה בליצט מיט מוזיקאַלישקייט, גאַנצקייט און בילדלעכקייט. דאָס ליד איז בלויז דענסטמאָל קינסטלעריש ווען עס איז פולבלוטיק און גליענדיק. אַזאַ ליד מוז אַרויסגעזונגען ווערן פון אַ שטורעמדיק האַרץ און ראַפינירטע נשמה, און מוז זיין געלייטערט אין די אייגענע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען.

אַ ליד איז אמתדיק קינסטלעריש בלויז ווען עס ווערט אַרויסגעזונגען פון אַ נשמה-גריבלער, פון אַזוינעם וואָס גיט אונדז דעם הילכיקן אָפקלאַנג פון זיין אייגענעם און אונדזערן האַרץ-קלאַפ, פון אַזוינעם וואָס נעמט אויף דעם טיפן צער און רוישיקן אימפעט, די שטורמישע פרייד און אידילישע רואיקייט, דעם ברענענדיקן צאָרן און לירישע ווייכקייט, און שמידט זיי אַלעמען איבער מיט זיין וואָרט און קלאַנג, באַקליידט זיי מיט זיין דיכטערישער אינטואיציע און קינסטלערישער אַרכיטעקטור.

אָרעם און בלאַס איז דאָס ליד וואָס האָט מוזיקאַלישן געבוי און האַרמאָנישן קלאַנג, אָבער ציט ניט זיין יניקה פון דעם דיכטערס פנימיות, פון זיין אינערלעכן געמיט און געפיל. דענסטמאָל איז עס בלויז הוילער קלאַנג, מעכאַניש און גולמדיק, פאָרם אָן אַן אינהאַלט, גוף אָן אַ נשמה. מיר כאַפן טאַקע אויף די מוזיקאַלישע קלאַנגען, אָבער בלויז מיט אונדזער אויער; אונדזער האַרץ באַרירט עס ניט. מיר באַוואונדערן אפשר די געשיקטקייט און בעל מלאכהשע דערפאַרונג מיט וועלכע דער שרייבער האָט צונויפגעשטעלט די ווערטער און שורות, אָבער מיר בלייבן צו דעם אַלעמען גלייכגילטיק און אומבאַווירקט. מיר באַוואונדערן דענסטמאָל די דעקאָראַציע, אָבער ניט דעם

געדאַנק ; די אַמביציע, אָבער ניט דעם פּאָעטישן כוח ; די מלאכה, אָבער ניט די נוצלעכקייט. אַזוינס איז פּאָעטישע פּסולת, ריטמישע קאָמבינירונגען פון איינגעשרומפּענע און פאַרטונקלטע וויזיעס, פון בלוטלאָזע ווערטער און ציללאָזע גראַמען, פון קונציקייט אָן קינסט־לערישקייט, פון קלאַנגען אָן פּאָעזיע.

***

ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם זיינען צוויי היפּוכדיקע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. דער גרינטלעכער אונטערשייד צווישן ביידן איז ווי צווישן שכל און געפיל, וועלכע זיינען אָפט אין כסדרדיקן געראַנגל איינער מיט דעם אַנדערן. דער ראַציאָנאַלער שרייבער ווערט דורכאויס באַווירקט פונעם מוח און שכל, און וועגט און מעסט דעריבער דעם לעבן מיט דער קלאָרקייט פון לאָגיק. ער ווערט קיינמאָל ניט געפאַנגען פון אַבסטראַקטע טעאָריעס און אילוזיעס, לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון דער פאַנטאַזיע און פאַרבאָרגענע הימלען ; ער לעבט כסדר מיט זיין חכמה און שכל, און ווערט קיינמאָל ניט צעריסן פון גריבלעניש און זוכעניש. אין זיין שעפערישקייט איז ער באַווירקט פון אַ קלאָרער אידייע, פון אַ קלאָרן ציל און אפילו פון אַ גאָט, וואָס איז שוין לאַנג דערפאַרשט און פאַרשטאַנען.

דער מיסטיקער איז אַ זוכער און גריבלער, און שטעלט קיינמאָל ניט דעם טראָפּ אויף אָנגענומענע דרכים און כללים. אין זיין שאַפונג זוכט ער תמיד צו געפינען פולשטענדיקייט און גאַנצקייט, די אַנט־פּלעקונג און לייזונג פון די פּסיכאָלאָגישע מיסטעריעס און סתירות, און ער דרינגט דעריבער אַריין טיף אין די לאַבירינטן פון דער מענטש־לעכער נשמה און אין די פאַרבאָרגענע דרכים פון דעם לעבנס־שטח. אין זיין שאַפונג האָט ער פאַר זיך אַ וועלט פול מיט סודות, פול מיט גראַנדיעזע חלומות און וויזיעס.

יצחק לייבוש פּרץ איז געווען אַזאַ זוכער און גריבלער. דער תכלית אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג איז געווען די דערגרייכונג צום לעבנס־סוד. ער האָט ניט געזוכט די אויסגעהאַלטנקייט פון געדאַנק, די שכל־דיקייט פון דער זאַך, נאָר די אילוזיע און געפיל, די מיסטעריע און סודותדיקייט. אָט דאָס פאַרנעפּלטע און פאַרבאָרגענע איז געווען דער

פונק וואָס האָט אָנגעצונדן זיין שריפטשטעלערישע קינסטלערישקייט און שאַפונגס־גבורה.

***

עס זיינען פאַראַן ביי אונדז יידישע שרייבער, און שרייבער וואָס שאַפן אין דער יידישער שפּראַך. דער חילוק צווישן זיי איז, וואָס דער יידישער שרייבער שאַפט יידיש, זינגט אויס ריין־יידישע טענער. פאַר־זאַניפיצירט ריין־יידישע טיפן און שילדערט דעם ריין־יידישן לעבן. דער שרייבער וואָס איז יידיש בלויז דערמיט וואָס ער שרייבט אין יידיש, האָט, אייגנטלעך, מיט יידן די מינדסטע שייכות ניט. ער קאָן זיך טאַקע באַהערשן די יידישע שפּראַך, זיך באַנוצן מיט אַלע אירע פיינע אידיאָ־מען און ניואַנסן, זיין סטיליסטיש רייך און קינסטלעריש, און דאָך פאַרבלייבן פאַר אונדז אַ פרעמדער, אַ ניט־אונדזעריקער.

ליטעראַטור און קונסט זיינען אוניווערסאַל און אַלמענטשלעך, און אוודאי טאָרן מיר יידן זיך דערפון ניט איזאָלירן און אויסטיילן. אוודאי דאַרפן מיר אויך אויפנעמען די פרעמדע שיינקייטן און מיט זיי באַריי־כערן אונדזער אייגענעם גייסט, אָבער דערביי טאָרן מיר באין אופן ניט לגמרי אויסטאָן זיך פון דער אייגענער שיינקייט און גייסטיקייט.

דער יידישער שרייבער מוז קודם כל זיין יידיש, באַפרוכפּערן דעם יידישן לעבן. די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קונסט און די יידישע שיינקייט. ער מוז אין זיין שאַפונג ברענגען צום אויסדרוק דעם יידישן לעבנסשטייגער, די יידישע פּסיכיק און די יידישע גייס־טיקייט. דער יידישער שרייבער מוז זיין די נשמה פון זיין אייגן פאָלק, און מוז זיין צונויפגעבאַהעפט מיט דער יידישער מאַרטירערישקייט, מיט דעם יידישן עבר און אויך מיט דעם יידישן עתיד.

די יידישע ליטעראַטור מוז האָבן אויסברייטערונג און פאַרטיפונג; זי מוז זיין יידיש־אומפאַסנדיק און אַריינגעמען אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט אונדזער נעכטן און מאָרגן; זי מוז אויך זיין יידיש־נאַציאָנאַל, קינסטלעריש־נאַציאָנאַל, כדי דער אויסטויש זאָל זיין אַ גלייכער, אַ נאָרמאַלער. מיר ווילן טאַקע אויפנעמען די פרעמדע שיינקייטן און אויפפאַסן דעם מהות פון די פרעמדע פעלקער, אָבער מיר ווילן אויף אַ האָר ניט וויניקער אויפפאַסן אויך אונדזער אייגענעם מהות, אונדזערע אייגענע שיינקייטן, אונדזער אייגענע גייסטיקייט און קינסטלערישקייט.

דער שרייבער און שאַפער וואָס דערפילט ניט אָט דעם דאָזיקן עלעמענטאַרן יידישן חוב, איז ניט קיין יידישער שרייבער, ניט קיין

יידישער שאַפער, נאָר אַ פרעמדער, אַ ניט־אונדזעריקער, וואָס שרייבט אויף אונדזער שפּראַך.

XLIII

די יידישע ליטעראַטור דאַרף תמיד אָנהאַלטן דעם כסדרדיקן פּראָצעס פון שטייגערונג, און מוז תמיד פאַרמאָגן דעם דראַנג צו אַ נייער יידיש־קינסטלערישער מאַניפעסטאַציע. בלויז אַט די הדרגהדיקע שטייגערונג אין אַלע אירע פאָרמען, וועט באמת דערפירן צו אַן אייגנאַרטיקער יידישע קונסט. דערביי דאַרף מען זיך אָבער שטרענג באַהעפטן מיט די עכט־יידישע מקורות, און חלילה ניט אָפּטרעטן אויף אַ חוט השערה ניט לימין און ניט לשמאל. די כלל הגוייםדיקע מאָטיוון, מיט וועלכע אַ צאָל יידישע דיכטער האָבן זיך יאָרן לאַנג געהאַנדלט, זייַנען באין אופן ניט מסוגל צו שאַפן אַ פולשטענדיק יידיש־נאַציאָנאַלע קונסט; גיכער זייַנען זיי מסוגל צו פאַרטרייבן דעם מיעוטדיקן יידישבאַוואוסטזיניקן לייענער.

***

אין דער יידישער ליטעראַטור פעלט נאָך אַלץ דער עלעמענט פון פרייד און געלעכטער. זעלטן פאַרגינט זיך אַ יידישער קינסטלער צו לאַכן האַרציק און הויך אויפן קול.

באמת איז די יידישע ליטעראַטור היפּשלעך שפּעדיק אין הומאָר, אָבער דער יידישער הומאָר איז באין אופן הילכנדיק ווי ביי די אומות העולם. דער יידישער הומאָר ווערט כסדר געשאַפן אין אַ פרעמדע, ניט גאָר־פריינטלעכער סביבה; אגב איז די סכנה תמיד אַ מרה שחורהדיקע און מאַוויימדיקע, תמיד געוויקט אין טרערן, תמיד פול מיט גרויל און אומקום, טאָ פונוואַנען זאָל דער ייד נעמען מוט צו לאַכן און שטיפן נאַטירלעך און הילכנדיק?

דער געלעכטער אין דער יידישער ליטעראַטור איז הויפּטזעכלעך אַ סאַטירישער און איראָנישער; ס'איז ניט דער פּשוטער געזונטער און האַרציקער געלעכטער פון אַ פאָלק וואָס זיצט אויפן אייגענעם באָדן און איז גוט און זיכער איינגעאָרדנט; אונדזער יידישער געלעכטער איז אַ צעוויייטיקטער און אפשר גאָר אַ היסטערישער. מיר לאַכן ניט פון פרייד, נאָר פון גאַליקייט; ס'איז אַ חדוה מתוך צער, אַ לאַכן בעת ס'ווילט זיך גאָר וויינען.

א. ניסענזאָן

א. ניסענזאָנס לידער זיינען באַלאָדן מיט העל־ליכטיקן גלויבן אין אַ שיינער צוקונפט, און דער עיקרדיקער מאָטיוו אין זיין שאַפונג איז ישעיהו הנביאס והיה באחרית הימים. אין זיינע לידער איז לייכט צו געפינען דעם וועג צום דיכטערס אייגענעם געמיט; ניסענזאָן איז אין זיין יעדער שורה דער זינגנדיקער בעל בטחון און בעל אמונה. פון אים זינגט ממש אַרויס די אומבאַגרענעצטע אמונה אין דעם מענטשן, אפילו אין דעם שלעכטן און פאַרדאָרבענעם, אפילו אין דעם ברוטאַלן און רוצחישן.

אויך ער, דער דיכטער, ווייטיקט און קרעמפט פון יסורים; אויך ער זעט די חיהשקייט און רציחה פונעם איצטיקן מענטשן; אויך ער קלאָגט אויף דעם גורל פון זיין פאָלק אין די מיילער פון ווילדע לייבן און גיפטיקע שלאַנגען; ניסענזאָן זעט עס אַלץ און פילט עס מיט אַלע זיינע פינף חושים, אָבער ער פאַרטרייבט פון זיך אָפט מיט געוואַלט און גאָר גרויסער אָנשטרענגונג, אָט די רעאַלע בילדער פון דער נאָענטער צייט, און פליט אויף זיינע דיכטערישע פליגלען אַוועק אין דעם ווייטן אחרית הימים. קענטיק, אַז ניסענזאָן איז אין זיין עצם דער אמת גלויביקער, אָן וועלכע ספקות און אָן וועלכע בלאַנדזשענישן. די אמונה אין דעם מענטשן איז ביי אים אַזוי גרויס, אַז ס'פילט זיך ווי ער וואָלט כסדר געשטאַנען מיט אַ פלעדערוויש אין האַנט און זיך באַמיט צו פאַרטרייבן די פעסימיסטישע געדאַנקען און שרעקנס־בילדער, וואָס רייסן זיך אין מוח קעגן דעם אייגענעם רצון. ס'איז אוודאי דער גרעאַנגל צווישן יידישקייט און וועלטלעכקייט, די וועלטלעכקייט וואָס דערלאָזט ניט ס'זאָל פאַלן אַ שטויבעלע, חלילה, אויף דער שיינקייט און ליכטיקייט פון דער ניט־יידישער וועלט.

אַ יידישער דיכטער איז בלויז דער וואָס טראַכט און פילט דורכ־אויס יידיש, אָן דער גויאישער נאָכשלעפעניש און וועלטלעכן הינטער־שלאַג. סיידן מ'קאָן בולט אָנזען דעם יידיש־אָרגאַנישן אַרויסשפּראָץ פון יעדן וואָרט, יעדע תנועה און יעדן סימבאָל, איז די דיכטונג ניט קיין יידישע נאָר אַ פרעמד־וועלטלעכע.

דער רעאַליזם האָט לעצטנס ביי אונדז שוין אָנגענומען נייע

פּאַרמען ; די גאַנצע השגה מכוח דעם ענין רעאַליזם, האָט זיך, קענטיק, געענדערט.

אַמאָל, אין זיין סאַמע ערשטער פּאַזע, איז דער רעאַליזם געווען ממש אַ קולט, און מ׳האָט צו אים געדינט מיט דער גאַנצער ווילדקייט און פּרימיטיווקייט. מ׳האָט אַכטונג געגעבן חלילה ניט צו פאַרשוועכן אויף אַ האָר די רעאַליסטישע קונסט, און ניט אָפּצונייגן פון די אָנגע־נומענע תורת-לאַקשנדיקע כללים און געזעצן. אָט צוליב דעם פּאַגאַ־ניסטישן גלויבן אין דער הייליקייט און אומבאַרירטקייט פון רעאַליזם, האָט מען זיך געמיט איבערצוגעבן אין אַלע קלענסטע און אומנויטיקע דעטאַלן אפילו דאָס סאַמע אינטימסטע. און אָט דאָס-אָ האָט מען מיט גדלות גערופן עכטע קונסט.

די איצטיקע רעאַליסטן זיינען שוין שטיקלעך אפיקורסים, און דערלויבן זיך שוין צו מאַכן אָפּנייגונגען. מ׳איז שוין איצטער אַביסל בצמצומדיק, און קאַרג ; מ׳איז שוין אַביסל איבערקלייבעריש, און מ׳לערנט זיך שוין מבחין צו זיין בין טוב לרע.

ש. אַ פּ ט ע ר

ש. אַפּטערס שעפערישע געשטאַלטיקייט ווערט בולט אַנטפּלעקט דורך זיין היסטאָרישן ראָמאַן „אין דער רוימישער געטאָ". ניט בלויז איז ער אין ראָמאַן דער קינסטלערישער דערציילער, נאָר אויך דער עפּישער דיכטער און ראָמאַנטיקער.

אין אַפּטערס ראָמאַן ליגט ממש אַ וועלט מיט גייסטיקער האַרמ־מאָניע, און מ׳זעט באַשיינפּערלעך אַז דער מחבר איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט דער גרעסטער אחריותדיקייט. ער האָט זיך ניט סומך געווען אויף דער פאַנטאַזיע, נאָר האָט גרינטלעך דערפאָרשט די גאַנצע היסטאָרישע אומגעבונג מיט אַלע אירע פאַקטן און דאַטעס. אָט דער־פאַר זיינען עס זיינע בילדער אַזוי רעאַל און לעבעדיק, אַזוי רייך און פילפאַרביק, און די מענטשן אַזעלכע באַוועגנדיקע און באַווירקנדיקע, אַזעלכע פולבלוטיקע און שאַרף-אַריינדרינגנדיקע.

אַפּטער איז אַ טאַלאַנטירטער מאָלער : זיין קאָנטור איז אַ ברייטע, זיין פּענזל איז קרעפטיק און זיינע פאַרבן זיינען האַרמאָניש.

דאָס יידישע לעבן אין דער גאַרער וועלט פאַרמאָגט אין זיך אַ גייסטיקע עשירות, וואָס איז נאָך ביז איצטער ניט געקומען צום אויס־דרוק אין אונדזער ליטעראַטור. ס'וועט זיין געוויס אַנצואווייזן אויף אונדזער פאָלקלאָר אין זיין גאַנצער אומפאַסונג, וואָס איז אַזוי פרעמד דער נייער יידישער ליטעראַטור. אוצרות גאַנצע געפינען זיך אין אונדזערע אַלטע מדרשים און אין אַנדערע ספרי קודש, און זאָלטן אַז אַ יידישער שאַפער אין איצטיקן דור האָט צו די דאָזיקע אוצרות אַ צוטריט.

***

דער אמתער קינסטלער מוז האָבן דעם געטלעכן כוח זיך אריינ־צולעבן ניט בלויז אין די אייגענע מחשבות און חזיונות, נאָר אויך אין די גייסטיקע אור־כוחות וואָס ווירקן אומאָפּהענגיק פון דער אָדער יענער געשעעניש. ער מוז זיין דער טיף־פילנדיקער מענטש, און מוז קענען סטיכיש און אימפולסיוו אויפנעמען און אויפפאַסן אַלץ וואָס דער מוח פאַרפעלט. דער עכטער קינסטלער מוז האָבן מער ווי די פינף נאַטירלעכע חושים; ער מוז האָבן אַ זעקסטן און זיבעטן חוש וואָס זאָל אים שטאַרקן און פעסטיקן אין זיין קינסטלערישער שטייגערונג.

***

די יידישע דיכטונג האָט אין דער קליינער צייט דורכגעמאַכט לפי ערך נאָך אַ געוואַלדיק גרויסע צאָל טראַנספאָרמאַציעס. פון דער אַמאָליקער טענדענציעזער בדחנותדיקער און בטלנותדיקער גראַם־פלעכטעריי, איז די יידישע דיכטונג אויסגעוואַקסן צו דער העכסטער קינסטלערישער מדרגה. די יידישע דיכטונג פאַרמאָגט קודם כל איר אייגן סאָליד־געוועלבטן וואָרט, וואָס איז דורכאויס יידיש אין ריטם און יידיש אין טאָן.

אמת, ס'זיינען נאָך פאַראַן אַ היפשע צאָל האַזיק־פּחדנותדיקע דיכטער, וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן מקור און זוכן דווקא אריינצוברענגען דאָס פסולתדיקע פון דער דרויסנדיקער וועלט. בדרך כלל אָבער איז די יידישע דיכטונג שוין יידיש געלייטערט.

***

די יידישע פּאָעזיע איז נאָך היפשלעך ווייט פון קינסטלערישער שלימותדיקייט. אייגנטלעך, איז שלימותדיקייט בכלל ניט בנמצא, און

קיין פֿאָלק קאָן געווויסנהאַפֿטיק ניט גלויבן אַז איר נאַציאָנאַלע פּאָעזיע האָט דערגרייכט קינסטלערישע פֿולשטענדיקייט.

פּאָעזיע, ווי יעדער אַנדערער צווייג פֿון קונסט, איז תּמיד אין דער בחינה פֿון ניט־דערוואַקסנקייט; זי איז קיינמאָל ניט פֿולשטענדיק רייף און צייטיק, קיינמאָל ניט אין איר לעצטער סטאַדיע פֿון דערגריי־כונג. דער פּראָצעס פֿון זוכעניש איז דאָ אָן אייביקער. דאָס דערגרייכטע ליגט טאָקע אין דער זוכעניש: זוכט מען, האָט מען עפּעס דערגרייכט; זוכט מען ניט, האָט מען ניט קיין שמץ פֿון קינסטלערישקייט.

***

די יידישע פּאָעזיע ווי זי איז איצט, האָט באַוויזן אויסצוקריסטאַ־ליזירן פֿון זיך אַ וואונדערלעכע וועלט פֿון דיכטערישע קופּאָל־אַרטיקע בנינים. איבער זיי ברייטערט זיך אַן אייגענער, ניט־אויסגעבאַרגטער, יידישער הימל, אַ הימל אויסגעוועבט אין זיידענע פֿעדים פֿון דורותדי־קער טראַדיציע און יידישן קידוש השם.

XLIV

ל. ר אַ ז אָ ף

ל. ראַזאָפֿס דיכטערישער מאַניער און דיכטערישער אויפֿגלי איז די וויבראַציע אייגנשאַפֿט פֿון שטילע צאַרטע בענקענישן, וואָס זיינען אַממיינסטן אויסגעקלערטע עמפּינדונגען פֿון זיין אייגענעם אינטימען לעבנס ווינקל.

שוין אַ פּאָר צענדליק יאָר ווי ראַזאָף שמידט, שלייפֿט זיינע שורות, זיין ליד, איז שטופּנוויז רייפֿער מיט ברייט פֿליסיקן לשון און פּאָזיטיוו קענטיקער באַפֿרייט פֿון יענע אָנגעוויטאַקטע בן השמשות אונטער־גאַנגס טענער, וואָס האָט דורכגענומען זיין לירע די ערשטע יאָרן פֿון זיין דיכטונג. זיינע לידער זיינען איצט מער צייטיק, מיט מער אינדי־ווידואַליטעט און קלאָרער פֿון שאַרף בולטן לעבן, הגם זיי רירן ניט אָן די גרויסע טעמפּאָ פֿון מענטשלעכע ראַנגלענישן.

פּאָעזיע, געזאַנג, איז אַלעמאָל דער מעכטיקסטער אויסדרוק פֿון געפֿיל: דאָס לויטערע ליד, איז אַמנאָענטסטן צו מענטשלעכן האַרץ קלאַפּ, בפֿרט דער דיכטער וואָס איז מער עמאָציאָנעל און דערזעט די וועלט מיט מער וויזיע און פּאַטאָס, וועלכע ער שילדערט מיט דעם כּוח

פון זיין אינטואיציע. דערפאַר האָט ראָזאָף אין זיין בוך „מיינע היימען״ געגעבן זיינע צייכנונגען פון זיינע קינדער יאָרן, דאָס שטעטל און דאָרף דורך דער לענגערער פּאָעמע. דער פּאָעטישער פאָרם אַנטפּלעקט טיפער די לאַבירינטן פון דיכטערס זעלישער שטייגערונג, ווי די נשמות פון זיינע כלערליי טיפּן פון אַמאָל, זיינען געצייכנט מעלאָדיש מיט אַ סך פּרטים, גיט איבער זיינעליידן און אומוואַנדלונגען, סיטואַציעס און כאַראַקטערן און עס זעגלט זיך פּאַנאַנדער אין בילדער די געשיכטע פון זיין לעבן, אויך זיין ערנסטער פּרוּוו און פליים צו געבן די אָנגע־שטראַלטע איינהייטלעכע געמעלן.

ראָזאָפס פּאָעמע פאַרמאָגט דורכאויס דעם יידישן באַנעם, דורך וועלכן דער דיכטער דערזעט דעם גאַנצן אַרום, און זי ווייזט אָן סימפּטאָ־מאַטיש אויף זיינע פעסטערע טריט, טראָץ דעם וואָס זיין פערזן געבוי איז אָפט אָן געהעריקן ריטם דיסציפּלין, איינטאָניק, ווי די דיכטערישע אינעווייניקסטע וועלט איז אָפט מאָל ניט גענוג אָנזעעוודיק און ווירקנ־דיק. אָבער זיכער זיינען „מיינע היימען״ אַ שאַפונג פון פּאָעטישער באַדייטונג און ווערט.

משה שטיינגאַרט

משה שטיינגאַרטס ערשטער בוך לידער „אַליין״ ווייזט אָן אויפן דיכטערס זיכערע טריט אין דער יידישער פּאָעזיע. די זאַמלונג איז אַ צוזאַמענקלייב פון כלערליי טעמאַטיק און מאָטיוון, אינדיווידועלע, עפּישע, ראָמאַנטישע, ווי נאַציאָנאַלע היינטצייטיקע טענער פון יידישן פּעריאָד. זינגט ער אויס מיט קרעפטיקן שאַפונגס כוח, און מיר דער־שפּירן אין זיינע לידער זיין אייגענעם דיכטערישן וועלט באַנעם פון וועלכער ער לאָזט אויסשטראַלן זיין וויזיע, זיינע זעלישע עמפּינדונגען, אַנטפּלעקונגען אין וועלכע ער וואַריאירט דעם עפּאָס פון זיין פאָלק.

דאָס ליד איז דאָס אינטימע ווינקעלע פון דיכטערס געמיט דורך וועלכן ער לאָזט פליסן די וויבראַציעס פון זיינע געפילן און נשמה ראַנגלענישן ווי זיין אָנזעעוודיקער יצירה פאַר די גרויסע מאָמענטן פון דער צייט.

משה שטיינגאַרטס פּאָעטישער מאַניר, איז דער היינטצייטיקער, וואָס גליט דורך זיין ליד מיט אַ זינגנדיקער טאָן די קוואַלן פון ליריש

ליבטיקן וואָרט, דערלייזונג, הגם זיינע טענער זיינען ניט אַלע מאָל מיט דער מייסטערהאַפטער אויפציטערונג, אויפבליצונג פון אינערלעכע דערשפּירונגס האַרמאָניע, וואָס גיט דאָס עכטע ליד פּולבלוטיקן גרונט פאַרב. אָבער זיין קאָנקרעטע וועלט דערזעען מיר דורך וועלכע עס גראָבן זיך זיינע דיכטערישע ווערסלעס צום וועג און שטעג פון אַלצייט־לעבע פאָרמען.

XLV

וואָס פאַר אַ שאַפונג רופן מיר אָן אַ קונסט־ווערק? וועלכע אייגנ־שאַפטן מוז אַ ליטעראַרישע שאַפונג באַזיצן כדי באַצייכנט צו ווערן אַ קונסט־ווערק? זיינען פאַראַן געוויסע געזעצן און כללים וואָס קאָנען דינען ווי אַ באַזע און מאָס? קאָן מען טאַקע דעם ענין דערקלערן צו איינעם וואָס האָט קיין דירעקטע שייכות דערצו? קאָן מען פעסט־שטעלן אַ מאָס פאַר אַזוינעם וואָס האָט ניט דעם איינגעבוירענעם חוש פאַר עסטעטיק און קונסט?

כדי צו פאַרשטיין אַ קונסטווערק און צו דערפילן די קינסטלע־רישקייט דערפון, מוז מען האָבן אַן אַנטוויקלטן חוש. מען דאַרף זיין אַ געניטער און פלייסיקער לייענער, אַ פיינער געניסער מיט אַ ברייט אַנטוויקלטע ליטעראַרישע דערפאַרונג, זיך צו קענען אַריינלעבן אין די וויזיאָנערישע רייד פונעם קינסטלער, צו דערזען די רעאַליטעט און שיינקייט פון די געמאָלענע כאַראַקטער־שטריכן, און צו קענען אַריינ־בליקן אינעם סאַמע אינגעווייד פונעם ווערק. מען דאַרף זיין געהעריק באַגאַבט, פאַרמאָגן כאָטש אַ ניצוץ פון פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס־קראַפט, דערפילן בחוש דעם עטישן, עסטעטישן און גייסטיקן ווערט.

בלויז פאַרן לייענער וואָס פאַרמאָגט אומבאַגרענעצטע ליבע צו בעסערער ליטעראַטור, ווערט דאָס אומבאַגרייפלעכע קלאָר און פאַר־שטענדלעך. דער אַנטוויקלטער חוש פונעם לייענער איז דער בעסטער באַראָמעטער, און בלויז דער דאָזיקער חוש קאָן באמת לאָזן וויסן דעם לייענער וועלכע שאַפונג ס'איז אַ קונסטווערק און וועלכע ס'איז הוילע רעטאָריק.

***

כדי צו מאַכן דעם געהעריקן רושם אויפן לייענער, איז וויניק וואָס די געשילדערטע פאַסירונג איז אַן אמתע, גענומען פון רעאַלן לעבן. טאָג־ניים און ציטונגס־כראָניק, איז אוודאי רעאַל און שפּיגלט אָפּ די

פריידיקע און טראַגישע איבערלעבונגען, און דאָך איז דער דאַזיקער שרייבן ווי דאָס זומער פויגעלע וואָס לעבט בלויז מיטן טאָג. דער לייענער פאַרגעסט דאָס געלייענטע אַזוי גיך ווי ער נעמט אַ נייע צייטונג אין האַנט.

פאַרוואָס אָבער ווערט דער לייענער גיך פאַראינטערעסירט און פאַראינטריגירט אין אַ נאָוועלע, אפילו אין אַזעלכער וואָס ענטהאַלט ווייניק אויסערגעוויינטלעכע קאָנפליקטן? דוכט זיך אַ געוויינטלעכע סקיצע, אַ פשוטע צייכנונג, אַן איינפאַך בילד, און דאָך גראָבט עס זיך אריין אינעם לייענערס האַרץ, וואו זשע ליגט דער כוח, וואָס אַנטציקט דעם לייענער פון אַ נאָוועלע און לאָזט פאַסיוו דעם לייענער פון די צייטונגס טראַגעדיעס?

דער תירוץ איז, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק, וואָס דערווייטערט איינס פונעם אַנדערן כרחוק מזרח ממערב. די נאָוועלע ווערט אויסגעמייסטערט דורך אַ קינסטלערישע האַנט, וואָס דערגרונטעוועט זיך אין די סאַמע טיפענישן פונעם לעבן. די קלענסטע פאַסירונג ווערט אין זיינע הענט אַ טעמע פאַר גרויסער דיכטערישער אָנרעגונג, און ער וויקלט איר פאַנאַנדער מיט זיינע דורכזיכטיקע, דורכגעציטערטע שפּירונגען.

נחמן מייזעל

נחמן מייזעלס קריטישע עסייען זיינען אַ סאָלידער און דינאַמישער אויסדרוק פון דער וואָרט-קונסט. ער איז די אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט, דער פאַרשטייער מיט דער געזונטקייט און דרייסטקייט פון דער יידישער קריטיק. ער פאַרמאָגט אויך דעם גרויסן כוח צו באַשאַפן דעם ענגן קאָנטאַקט צווישן דעם קינסטלער און לייענער.

נחמן מייזעל איז דער שריפטשטעלער אָן פאַלשע עפעקטן, אָן אויסערלעכן גלאַנץ. ער באַנוצט ניט קיין געקינסטלטע שפּראַך, קיין אַבסטראַקטע פאַרטונקלקייט, נאָר האָט אַ באַגרינדעטע מאָס און געוויכט און זוכט ניט אַריינצוטייטשן אוממפאַרשטענדלעכע רעיונות און כוונות.

דער הויפּט-שטריך אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז זיין חנעוודיקער סטיל און פליסנדיקע שפּראַך. זיין געדאַנק שטראַמט קלאָר, שאַרף און באַלערנדיק. נחמן מייזעל האָט זיך זיין אייגענעם

צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און קולטור. ער שרייבט מיט גרויס ערודיציע, מיט התלהבות און ברען, מיט אַ חוש פאַר באַנייאונג, און זוכט תמיד דערגיין דעם קינסטלערישן שורש, דאָס קינסטלערישע פּינטעלע, וואָס נערט דעם מקור.

אין זיינע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען און מאָנאָגראַפיעס, דערזעען מיר דעם טאַלענטירטן ליטעראַטור-פאָרשער מיט זיין אייגענעם אינער־לעכן ליכט און באַוואוסטזיין, דעם אָפּשאַצער וואָס דערפאָרשט און באַגרינדעט מיט ווערטפולער בקיאות די עכאָס פון לאַנג פאַרשוואונ־דענע דורות, די קלאַנגען פון אַלט-פאַרבאַרגענע צייטן.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, איז ער דער פאָרשער וואָס שטראַלט פאַר אונדז אויף אין שפּאָגל נייַ ליכט פון פיין־קאָנטראָלירנדיקער לאָגיק. וואָס באַלעבט און באַווירקט אונדזערע יידישע שאַפונגען.

י. ל. כהן

י. ל. כהן איז אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט באַשיידענע און פּאָרזיכטיקע טריט, און דאָך האָט ער זיך גאָר גיך געשאַפן אַן אָנגעזעענעם אָרט. ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ ווינקעלע — דעם יידישן פאָלקלאָר — און זיך דערין אַריינגעלעבט מיט אַלע זיינע חושים.

שוין פאַר אים זיינען געווען זאַמלער און קאָמפּילאַטאָרן פונעם יידישן פאָלקלאָר, אָבער כהן האָט עס געטאָן אינטענסיוו, ענערגיש און בשלימות. ביי אים איז די פאָלקלאָריסטישע אַרבעט ניט געווען אַ מין השכלה, אַ מין זייטיקע אויפקלערונגס-אַרבעט, נאָר אַ מין לעבנס־חיונה, שפּייז מיט וואָס ער האָט געלעבט אַלע זיינע יאָרן. ווי אַ באַ־גאַבטער דיכטער וועמענס אויער ס׳נעמט אויף יעדן טאָן, יעדן קלאַנג, יעדע מעלאָדיע, האָט ער זיי געצערטלט און געפּאָלירט, גערייניקט און אויפבאַהאַלטן לדור דורות. און אַזוי האָט ער פאַר אונדז געשאַפן אַן אומשעצבאַרן אוצר פון לאַנג פאַרגעסענע פאָלקס ניגונים און מאָטיוון, וואָס שיינט מיט יידישער פאָלקסטימלעכקייט און אייגנאַרטיקייט. דורך זיינע גרינטלעכע שטודיען האָט ער אַרויסגעבראַכט און אויפגעלעבט דעם פאָלקסטימלעכן חן, די באַהאַלטענע זאַפטן פון אונדזער פאָלקס-ליד,

און זיי פּאָפּולאַריזירט ברייט און ווייט איבער אַלע לענדער וואו עס געפינט זיך אַ יידישער ישוב.

יידישער פאָלקלאָר איז געווען זיין לעבנס־ציל, האָט זיך דערצו גע־ווידמעט בראשו וברובו, און געגערט מיט מסירת נפשדיקער ליבע און פאָטערלעכע וואַרעמקייט.

XLVI

פאַראַן אַ היפּש ביסל ווערק אָריענטירט אויף פּראָלעטאַרישקייט, וואָס זיינען באמת אַ בכבודיקער בייטראָג, דאָך מערקט זיך צופיל טאַלאַנטלאָזיקייט אין די רייען פון יענער ריכטונג. אַ היפּש ביסל פון זיי באַנוגענען זיך מיטן פּראָלעטאַרישן שם המפורש און פאַרפלאַכן די אייגענע קינסטלערישקייט. וואָלט די דאָזיקע ריכטונג באמת געקענט ווערן אַ נייע ווענדונג אין דער קונסט און אָנגעמען נייע פאָרמען, ווערט זי אָבער פאַרמינערט און דערנידעריגט דורך דער יאָגעניש אַרויסצוּאַ־ווייזן וואָס מער פּראָלעטאַרישקייט.

אָט די דאָזיקע פּראָלעטאַריער האַלטן, משמעות, ניט פון דעם חוב צו מאָלן טרייע לעבנס־שילדערונגען און לאָזן די האַנדלונגען און מענטשן זיך אַנטוויקלען מיט אַ נאַטירלעכן אָטעם. אַזוינס איז ביי זיי אַן אָפּגעלעבטער דרך, אַ קליינבירגערלעכע פאָרם, וואָס מען מוז פון זיך פאַרוואַרפן און אָפּשטויסן. ביי זיי מוז מען דוקא שרייבן מיט אַ באַריקאַדן־שפּראַך, מיט אַ לשון פון פּראָקלאַמאַציע.

און אָט דעם דאָזיקן פּראָלעטאַרישן נוסח פירן זיי באמתדיק דורך, געבנדיק אונדז אַ מין ברען־שטאָף און פייערווערק ליטעראַטור להיפוך דעם לעבן און שטרעבן וואָס זיי פּרעטענדירן, טראָגן זיי אַריין אין דער ליטעראַטור אַ מאַטקייט מיט וועלכן זיי זוכן צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט פון זייערע געמאָלענע פאַרשוינען. די מענטשן און זייערע שאַפונגען זיינען אָן רעאַלן באָדן, אָן קינסטלערישן הינטערגרונט, אָן אָרגאַנישער פאַרבינדונג, נאָר ליאַלקעס, גולמס אַזעלכע, וואָס ריידן גוט איינגע־חזרטע פראַזן און לאָזונגען. און אָט מיט דער דאָזיקער גרילצנדיקער פּראָלעטאַרישער קונסט ווילן זיי עס באַשאַפן אַ נייע קולטור.

זיי דערגרייכן אָבער ניט דעם ציל, און מאַכן אַ פּשוטן טעות אין חשבון. אָט דאָס מיט וואָס זיי שטופּן זיך צו דער מזרח־וואַנט, איז ניט

קיין ליטעראַטור, איז ניט קיין קונסט און אוודאי און אוודאי ניט קיין פּראָלעטאַרישע קונסט. ס'יז אפשר קונץ, אָבער באין אופן ניט קיין קונסט. ס'איז הוילע פּראָזעאָלאָגיע, אַ היציקער אויסגוס פון ווערטער, אַ כאַאָטישער פּלאָנטער פון פאַלש־אויסגעטייטשטע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, וואָס ווערט אַריינגעלייגט דעם העלד אין מויל צו דעקלאַמירן ווי פון אַ פּאַנאָגראַף. די רייד האָבן ניט די מינדסטע שייכות מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור, אפילו ניט מיט דער פּראָלעטאַרישער, וואָס דאַרף כלומרשט אָפּשפּיגלען דעם אַרבעטער־אוואַנגאַרד מיט אַלע זיינע שטרעבונגען און שטרעמונגען.

***

ניט תמיד מעג מען האָבן פאַראיבל אויף אַ בעלעטריסט פאַר ניט ריכטיק איבערגעבן אַ היסטאָרישן פאַקט. דער קינסטלער איז ניט קיין פאָרשער און ניט מחויב צו זיין גענוי. דער קינסטלער דערזעט אַן עפּיזאָד אָדער עפּאָכע מיט זיינע אייגענע אויגן און כוח הדמיון. ער מאָלט די געשעענישן און פאַקטן, די תקופות און מאָמענטן, בלויז וועדליג דעם אייגענעם באַגריף און השגה, בלויז וועדליג זיין אייגענעם קינסטלערישן בליק, זיין אייגענעם דיכטערישן אמת.

יעקב באַטאַשאַנסקי

יעקב באַטאַשאַנסקיס „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער" באַווייזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ נישקשהדיקן ניצוץ פון טאַלאַנט אויפצוכאַפּן דעם תמצית פון אַ שמועס. ער האָט אַן אויג, און דוקא אַ גרוים, אַריינצובליקן אינעם גאַנצן מהות און וועזן פון זיין מיטשמועסער און אַרויסצוגראָבן מיט אַ פּאָר איינצלנע בצמצומדיקע שטריכן דעם גייסטיקן פּרצוף פונעם שרייבער.

כדי צו קענען מאָלן אַ פּאָרטרעט, וואָס זאָל באמת אָפּשפּיגלען דעם שרייבער, מוז דער מאָלער האָבן אַ חוץ אַ קריטישע פּעדער אַרומצוברענגען גאָר די מעלות און חסרונות אויך אַ שאַרף אויג צו דערזען דעם עצם מהות און וועזן. יעקב באַטאַשאַנסקי פאַרמאָגט אָט די אַלע אייגנשאַפטן, און ווען ער שאַפט אַ פּאָרטרעט פון אַ יידישן שרייבער מיט וועמען ער האָט זיך אפשר בלויז צופעליק באַגעגנט, טוט ער עס

מיט שוואונג און פֿאַרשטענדעניש, מיט ערנסט און קינסטלערישער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט.

באַטאַשאַנסקי באַנעמט דעם שרייבער אין אַלע זיינע גלגולים און אומוואַנדלונגען: זיין שעפֿערישקייט און זיין פּריוואַטקייט, זיין ערנסט און שפּילעוודיקייט. ער ווייזט אָן די קינסטלערישע שטרויכלונגען, זאָגט אויך אַביסל מוסר, אָבער אַלץ מיט אינטימקייט און נאָענטקייט, מיט חברישקייט און קאָלעגאַליטעט. דערביי חנפֿעט ער קיינעם ניט, קלאַפּט ניט קיינעם גוט-ברודעריש איבערן פּלייצע, און וואַרפֿט זיך ניט מיט קאָמפּלימענטן און לויבגעזאַנגען. אויך אונטערשעצט ער ניט, מינימיזירט קיינעם ניט, נאָר האַלט זיך אין אַ גראַדיקער ליניע, איז פּאָרזיכטיק און אין אַ באַשטימטער מאָס.

דער בוך „פּאָרטרעטן פֿון יידישע שרייבער" ווייזט אָן אויפֿן מחברס אָביעקטיוון צוגאַנג. די שאַפֿונגס-פֿאָרם איז נאָך אין אונדזער ליטעראַטור אַ נייע, אָבער זי האָט שוין געקראָגן איר ריכטיקן תיקון. באַטאַשאַנסקי איז אַ לעבעדיקער און פֿאַרביקער שילדערער און קאָן צייכענען מיט אַ גרינגער האַנט גאָר די געשטאַלטקייט פֿון אונדזערן אַ שרייבער.

אָפֿט פֿרעגט מען: וועלכע ליטעראַרישע ריכטונג, וועלכע קונסט-פֿאָרם, וועלכער סטיל איז בעסער און וויכטיקער? וואָלט מען אויך געקענט פֿרעגן: וואָס איז מערער קונסט: מאָלעריי אָדער סקולפּטור? וואָס איז מער באַצויבערנדיק: אַ פּיאַנאָ אָדער אַ פֿידל?

איין פֿראַגע איז דאָ פּונקט אַזוי אומלאָגיש ווי די אַנדערע. די וויכטיקייט ליגט ניט אין דער פֿאָרם ריכטונג אָדער אינסטרומענט נאָר אין דער קונסט גופֿא אין דעם ווערט פֿונעם באַשאַפֿענעם ווערק. דער קינסטלער קאָן אפֿשר שפּילן אויף אַ פֿאַסטוך-פּייפֿל און דאָך אַרויס-ברענגען הימלישע טענער. רעאַליזם, סימבאַליזם, אימפּרעסיאָניזם, פֿו-טוריזם און פּראָלעטאַרישקייט זיינען בלויז נעמען פֿון ריכטונגען און פֿאָרמען, בלויז געצייג-מיטלען אַרויסצוברענגען די קינסטלערישקייט און שעפֿערישקייט. איז דער שאַפֿער אַ קינסטלער גיט ער דעם פֿאָרם און ריכטונג אויך אַ נשמת חיים. איז ער אָבער אַן אַנעמיק, אָן בלוט און אָן לעבן, איז די פֿאָרם און ריכטונג אַן אַטראָפֿירטע, אַן אויסגעדאַר-טע און אויסגעצערטע. פּונקט ווי דער מענטש באַשאַפֿט די אידייע און

ניט די אידייע דעם מענטשן, אַזוי באַשאַפט דער קינסטלער די פאָרם און ריכטונג און ניט פאַרקערט.

⁂

אונדזער איצטיקע שפּעדיקע ליטעראַטור האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פּיאָנערן־גייסט פון אונדזערע ערשטע שאַפער. אין דעם קליינעם שטח פון צייט האָבן זיי גרויסע וואונדער באַוויזן. זיי האָבן קולטיווירט די יידישע שפּראַך, איר אויסגערייניקט פון די פּסולת, אַרויסגעגעבן אַ רייע פּילפּאַרביקע ווערק, געשאַפן ריכטונגען און שאַטירונגען, פאָרמען און סטילן, און ועל כולם: באַשאַפן דעם לייענער!

אין דער קולטורעלער שפלות פון דער אַמאָליקער געטאָ, האָבן אונדזערע ערשטע שאַפער אַריינגעבראַכט דעם קולטיווירטן און אויסגעאיידלטן חוש פאַר קונסט. זיי זיינען דעריבער געווען אַ חוץ קינסטלער אויך גרויסע עטישע פּערזענלעכקייטן. אַ חוץ דעם קינסטלערישן טאַלאַנט האָבן זיי אויך פאַרמאָגט אַ לויטערע ליבשאַפט צו די פאָלקסמאַסן, וועלכע זיינען עס געווען דער סטימול און כוח פון דער גרויסער, ריזיקער שאַפונג.

XLVII

נ. שמן

נ. שמן איז פאַקטיש אַ פּנים חדשות, דאָך האָט ער באַוויזן זיך צו דערהויבן צו אַ גאָר הויכער מדרגה און אַרויסגעגעבן דריי וויכטיקע און וואָגיקע ווערק. אין דער שאַפונגס פּראָצעס זיינעם האָט ער דורכגעמאַכט פילע טראַנספאָרמאַציעס, זוכנדיק דעם ריכטיקן תיקון.

ס׳איז אפשר געווען אַ פאַרזען וואָס ער האָט לכתחילה זיך ניט פאַרנומען מיט דעם צו וואָס ער איז אַמבעסטן באַרופן. שמן איז ראשית כל דער למדן און מופלג, איינגעטונקט מכף רגלו עד קדקוד ראשו אין יידישן מקורדיקן ווסן, אַ ייד וואָס איז באַהאַוונט בכל מקצעות פון דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור. זיין בקיאות איז ממש פענאָמענאַל, און שוין זיין מראה מקומות איז אַ גרויסע און ווערטפולע אַרבעט. זיינע ציטאַטן זיינען ניט בלויז פון דער תלמודיש־רבנישער ליטעראַטור, נאָר אויך פון די סאַמע אַנגעזעענסטע מאָדערנע דענקער אין דער ברייטער וועלט.

שמן׳ס נייעסטער בוך „באַציאונג צום פרעמדן״, איז אַ פאַרצווייגטע

ארבעט, און ער, דער מחבר איז באמת דער פּאַסנדיקסטער פאַר אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעך ווערק; ער אפשר מער ווי אַן אַנדערער איז אַן עצם חלק פון די אַלט־יידישע גייסטיקע ריזן אויף וועמען זיין ווערק איז זיך סותר.

שמן האָט בעצם אויפגעטאָן אַ גרויסע און נוצלעכע זאַך, וואָרום אין אונדזער אייגענער מחנה זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן כסדר געניגט זייער אויער צו דער ניט־יידישער וועלט, וועלכע האָט תמיד געהאַט אַ באַהאַלטענע שנאה צו די יידישע שאַפונגען. אַ סך פון אונדז צושמעלצן זיך נאָך איצטער פון נחת לייענענדיק די בלבולים און רשעות לגבי אונדזער באַציאונג צום פרעמדן.

ס'איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר אַ ציל שמן האָט זיך געשטעלט מיט זיין פיל באַלערנדיק ווערק. אויב זיין כוונה איז געווען הויפּט־זעכלעך צו שאַפן אַן אַפּאָלעגעטיש ווערק און זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די גויאישע פאַרלוימדונגען, איז עס מיר ניט שטאַרק ניחא און וואָלט אים גערן מוחל געווען די טובה. מיר זיינען שוין ברוך השם איבער־געזעטיקט מיט דער דאָזיקער ליטעראַטור. מיך שרעקט מער ניט די למה יאמרו הגויים, און איך קען באין אופן ניט תופס זיין פאַרוואָס איך מוז זיך תמיד פאַרטיידיקן. בנאמנות אַז עס וואָלט שוין צייט געווען די גויים זאָלן אָנהויבן זיך פאַרטיידיקן קעגן אונדז, און זיך שעמען פאַרן למה יאמרו הישראלים. יעדעס מאָל וואָס איך לייען אַן אַפּאָלאָ־געטיש ווערק, דערזע איך זיך אין דער בחינה פון דעם זקן, דעם איש תמים און ירא שמים, שטייענדיק יום כפור איינגעהילט אין טלית און קיטל און קלאַפנדיק זיך אין האַרצן: אָשמנו, בגדנו, גזלנו — מיר זיינען שולדיק, מיר האָבן געפעלשט, מיר האָבן געגזלט. ס'איז אַ ליגן די מעשה, און לא היה דבר מעולם. ניט דער זקן האָט ווען עס איז געגזלט, און ניט מיר יידן זיינען די זינדיקע און פעלשער. גאָט איז אונדזער־עדות, אַז ידינו נקיות און אוודאי און אוודאי זיינען מיר ניט אַזוי זינדיק און רשעותדיק ווי די גויים אויף דער גאָרער וועלט.

אויב אָבער די כוונה איז געווען — און מיין איינדרוק איז ,אַז אַזוי איז עס טאַקע — להרביץ תורה ברבים, יידן זאָלן וויסן פון סאַמע ערשטן מקור די שיינקייטן פון דער יידישער עטיק און אונדזער אמת הומאַנע באַציאונג צום פרעמדן; אויב דאָס איז באמת דעם מחברס

כוונה, איז דער אויפֿטו זיינער גאַרניט אָפּצושאַצן. געשטאַרקט זאָלן ווערן זיינע הענט!

נ. שמן האָט אין זיין ביאָגראַפֿיע פֿון אַ וואַרשעווער רב געגעבן אַ גאַר געראָטענע מאָנאָגראַפֿיע פֿון דעם גרויסן קדוש הרב יחזקאל צבי מיכלזאָן. לייענענדיק זיין בוך ווערט מען באַהערשט פֿון דער צייטיקער טרויעריקייט, פֿון דעם גורל און שווידער פֿון דער גאַנצער יידישער מאַרטיריאָלאָגיע אין איצטיקן פּעריאָד.

נ. שמן גיט דאָרט איבער מיט געטרייע פאַרשעריישע קענטענישן די אימהדיקע טעג פֿון יידישן אומגליק, אין וועלכן עס איז אויך אומגעקומען דער באַרימטער רב. עס איז דערפֿאַר אַ גרונטאָווער ביישטייער לדור דורות פֿון אונדזער בראַך און נאַציאָנאַלער טראַגיק.

שמן איז אַ פּראָדוקטיווער שרייבער מיט אַ פען וואָס שאַפֿט כסדר, פֿאַרענדיקנדיק איין בוך, נעמט ער זיך אַ באַלאָדענער מיט זיין רירעוודיקן לשון און טעמאַטיק צו שרייבן אַ צווייטן בוך. אַזוי האָט ער שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ צאָל ביכער פֿון אַ באַזונדערן וואָגיקן פֿאַרנעם. זיין אופֿן שרייבן קאָנסטאַטירט דער פֿאַקט אַז ער פֿאַרמאָגט אַ סך ערודיציע, וויסן און תורה און האָט די גרויסע יכולת זיך מיט דעם פֿריי צו באַנוצן.

אין זיין מאָנאָגראַף איז ער דער ברייט אויפֿפּאַסנדער שריפֿטשטעלער און פֿאַרשער, וואָס וויקלט פֿאַנאַנדער מיט גרויס יראת הכבוד דאָס פּרוכטבאַרע לעבן פֿון אַ גדול בישראל, וועלכער האָט באַווירקט און משפּיע געווען אויף אַ גאַנצן דור יידן.

אין שמן איז בולט די גרויסע אהבת ישראל פֿון אַ היימישן רב און מורה דרך וועלכער האָט זיך ניט געלאָזט ראַטעווען פֿון משחית נעגל, נאָר צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה אומגעקומען על קידוש השם.

נ. שמן האָט דאָ געגעבן אַ שלימותדיקן פּאָרטרעט אין וועלכן עס איז געלונגען אין אַ האַלב פּובליציסטישער און האַלב בעלעטריסטישער פֿאָרם אַרויסצוברענגען אַ פֿולשטענדיק בילד אין זיין פֿולער קלאָרקייט. דאָס דאָזיקע ווערק וועט בלי ספק זיין גרויסע ביישטייער צו דער גרויסער חורבן ליטעראַטור.

אַ גוטער בוך איז אַ קינסטלערישע כלי אָנגעפֿילט מיטן ריינעם זאַפֿט פֿונעם קינסטלערס ראַפֿינירטע חושים; ס'איז דער כשוף אַרויס־

געצויבערט דורך טינט־צייכנס און דינאַמיש אַרומגעהאַפּטן מיט שטי־קער לעבן.

***

דער נעגאַטיווער שטריך פּונקט ווי דער פּאָזיטיווער, מוז תמיד געמאָלט ווערן מיט קינסטלערישער שלימותדיקייט. דער שאַפער מוז זיין אָביעקטיוו, אָן פּניות און אָן נטיות. דער קינסטלער מוז זיך קענען אַרויסהויבן פון זיינע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס.

***

נישטאָ באמת קיין חילוק צווישן געטלעכער יצירה און דיכטע־רישער שאַפונג. די אמתע קינסטלערישע דיכטונג איז תמיד בצלם אלוקים, תמיד געטלעך־דערהויבן, תמיד גרויס אין כוחות, דיכטערישע שאַפונג איז אויך אַן אַקט פון אמונה. דער דיכטער מוז קודם כל זיין אַ גרויסער מאמין, גלויבן אינעם אייגענעם כוח און גלויבן אינעם ווערט פון זיין שאַפונג.

***

ליטעראַטור מוז זיין באַהאַפטן מיטן לעבן, אים גיין פּאָראויס, אים אַנטפּלעקן, אַלץ אויספורעמען און אים געבן זיין תיקון.

די ליטעראַטור דאַרף אויך זיין די טרעגערין פון נאָך ניט דערקענטע אמתן, און פאַרנעפּלטעווירקלעכקייטן. ליטעראַטור דאַרף זיין נביאיש און געטלעך, מוז פאַרמאָגן אומענדלעכע וויזיע און פול־שטענדיקע הייליקייט.

***

דער גרויסער דיכטער איז דער, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגענע ריכטונג און אייגן וואָרט. אַ גרויסער דיכטער איז דער, וואָס פאַרמאָגט אַ נייעם טאָן, אַ נייעם אינהאַלט און עפּנט אַ נייעם האָריזאָנט.

XLVIII

ש. ט ע נ ע נ ב ו י ם

ש. טענענבוים איז אפשר דער סאַמע פּראָדוקטיווסטער שאַפער אין אונדזער דור.

גרויס איז דער וואונדער, וואָס הגם גוואַלדיק פּראָדוקטיוו און שעפעריש איז פּאַקטיש אַלץ פון אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה. אפילו זיין פּובליציסטיק האָט אין זיך עלעמענטן פון קינסטלעריש דיכ־

טערישער וויזיע, און עס איז אַפּט שווער צו זאָגן ווען ער איז פּובלי־ציסטיק און ווען דיכטער.

נאָך בולטער איז דער אייגנאַרטיקער קאָלאָריט זיינער אין די גרעסערע דערציילונגען. דאָרטן איז טענענבוים דורכאויס אָריגינעל, אָריגינעל אין שפּראַך און אין סטיל און אָריגינעל אין פאַרב און אין ניואַנס. זיינער אַ ניואַנס, איז דורכאויס אייגענער קנין, ריין טענענ־בוימיש.

טענענבוים שרייבט ביידע: עסייען און דערציילונגען. איז באַוועגט ער זיך פריי און אימפּעטיק אין ביידע. אומעטום איז ער אינדערהיים, כמעט אַ יודע הכול.

אָפט דוכט זיך אפילו אַז ער שפּיגלט אין זיך דער אינטעלעקטוא־ליטעט, און זוכט זיך צו באַפּוצן מיט פעדערן פון גרויס געלערנטקייט און שלמה המלכס חכמה.

דער אמת איז אָבער אַז די אימפּעטיקייט זיינע ווערט גורם דורך דער מורא חלילה ניט קענען ברענגען צום לעבעדיקן אויסדרוק די פיל אָנגעפּאַקטע געדאַנקען.

אָט די אימפּעטיקייט וואָס ברויזט אַרויס פון דער גרויסער שפע זיינער, איז אויך גורם די גרויסע רחבותדיקייט אין ווערטער.

טענענבוים איז ניט קאַרג, און גיט אַלץ מיט דער פולער האַנט. דוקא אין זיין רחבותדיקייט איז פאַראַן אייגנאַרטיקייט: וואָרן אַלץ האָט ביי אים טויזנט חנען, און אַלץ מאַניעט און לאָקט.

אין עכטער קונסט איז ניט שייך די מאָס פון רעאַקציע און פּראָג־רעס. דאָס אמת קינסטלעריש ווערק גיט תמיד דאָס אייביק מענטש־לעכע, און סיי דאָס פּאָזיטיווע און סיי דאָס נעגאַטיווע האָט ביי אים אַ קינסטלערישן תיקון. אגב, איז דער עכטער קינסטלער תמיד אָביעק־טיוו, און לאָזט זיך ניט פאַרבלענדן פון פּראָגראַמען און לאָזונגען.

לויבן דעם שאַפער וואָס האָלט אַ וועגוס און פאַראַכטן דעם קינסטלער וואָס מאָלט דעם אינפערנאָ, איז פּונקט ווי אַפּלאָדירן אַן אַקטיאָר בלויז דערפאַר וואָס ער שפּילט די ראָל פון אַ ליבהאָבער און פאַראַכטן דעם אמתן אַרטיסט בלויז דערפאַר, וואָס ער שפּילט די ראָל פון אַן אינטריגאַנט.

אַ היסטאָרישע פיגור מוז תמיד געשילדערט ווערן טריי צו דער צייט און סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט. דער געדאַנקען גאַנג מוז אויך זיין אַ גאַנץ אַנדערער, אַזאַ וואָס די ווייטקייט און צייט האָט אין אים פאַרוועבט.

אַ היסטאָרישע פיגור איז תמיד אַ ראָמאַנטישע לעגענדאַרע, דאָס האָט דאָס פאָלק אַליין אַזוי באַצירט אירע געשיכטלעכע העלדן, און זיי אַוועקגעשטעלט אויף דער דאָזיקער הייליקייט, ווייט אַוועק און אַן וועלכער מגע משא מיט דעם איצטיקן וואָכעדיקן לעבנסשטייגער.

⁂

די יידיש נאַציאָנאַלע קינסטלער וואָלטן דאַרפן אַרויסברענגען מער מוסטערן פון די נביאישע שטראָף רייד און דאַדורך פּרובירן אויפוועקן דעם וועלט געוויסן. די נביאים ווי אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און עמאָציאָנעלע דערהויבונג מוז איצט ווידעראַמאָל באַנייט און באַלעבט ווערן דורך יעדן נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקן קינסטלער.

⁂

אַ יידישן ווערט האָבן בלויז די קונסטווערק אין וועלכע עס זיינען ענג פאַרוועבט די נשמה פלאַטערנישן פון יידישן פאָלק ווי אַן אַנטפּלעקונג פון יידישער אידייאישקייט און דערהויבנקייט.

אַ יידיש קונסטווערק האָט אַ יידיש נאַציאָנאַלן ווערט בלויז דענסטמאָל ווען עס באַווירקט די רעאַליזאַציע פון פאָלקס חלום און העלפט אים מיט אין זיין נאַציאָנאַלער באַנייאונג.

אַ יידיש קונסטווערק האָט אַ יידיש נאַציאָנאַלן ווערט בלויז דענסטמאָל ווען עס פאַרפיינערט דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וועקט די נאַציאָנאַלע אחריות און איז מבשר די יידישע גאולה.

אַ יידיש קונסטווערק איז ניט אַ ווערק וואָס איז קינסטלעריש, נאָר אַזוינס וואָס איז דורכאויס יידיש, יידיש אין תוך און יידיש אין פאָרם.

⁂

די מיסיע פון אַ קינסטלער איז תמיד צו דערהויבן דעם לייענער צו עטישע הויכקייטן. כדי דאָס דאָזיקע צו דערגרייכן, מוז דער שאַפער אויך אַליין זיין אַן עטישער מענטש. בלויז דענסטמאָל וועט דער קינסטלער רעפלעקטירן אויפן לייענער.

XLIX

שלמה קייזער

איך האָב איבערגעלייענט שלמה קייזערס בוך „ס׳ווילט זיך דער־ציילן״, וואָס זיין יוניאָן לאָקאַל 35 פון דער אינטערנעשאַנעל האָט אַרויסגעגעבן. ווילט זיך מיר זאָגן אַ האַרציקן יישר כוח, סיי צו דער יוניאָן און סיי צו דעם מחבר.

אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, איז שלמה קייזער אַ פּנים חדשות אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט זיך דוכט מיר קיינמאָל אין ערגעץ ניט געדרוקט. דאָס איז, ווייזט אויס, זיין ערשטע אַרבעט. זיין דעביו אַזוי צו זאָגן, מוז מען מודה זיין, אַז אויסער אַ פּאָר קליינע שרייבערשע פעלערן, וואָס מערקן זיך דאָ און דאָרט און די גרייזן וואָס דער דרוקער האָט געמאַכט, איז אים דער ערשטער פּרואוו זייער גוט געלונגען.

שלמה קייזערס בוך מיט זכרונות „עס ווילט זיך דערציילן״, איז אַ לויטעריע שילדערונג פון אַלט היימישן לעבן, וואָס נעמט אַרום אַ העלפט פון בוך. די אַנדערע העלפט פון זיינע מעמואַרן גיט איבער קלאָרע און קאָמפּאַקטע בילדער פון יידישן עמיגראַנטן לעבן אין אַמע־ריקע אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע צענדליגג יאָר.

זיינע שילדערונגען אין ביידע טיילן זיינען מיט אַ מעטאָד און קאָנדענסירטע שפּראַכלעכקייט אין וועלכן עס געלינגט אים איבער־צוגעבן דעם שווערן וועג פון זיינע קינדער יאָרן אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן און אָפּטמאָל רירנדיקן אופן.

שוין אין די ערשטע זייטלעך פון זיין בוך, דערפילט מען דעם געשמאַקן טעם פון די אויפריכטיקע היימישע שילדערונגען. שטיקער לעבן וואָס זיינען אַזוי וואויל באַקאַנט און דאָך זיינען זיי אויסערגע־וויינלעך אינטערעסאַנט און פריש. עס וועבן זיך אַלערליי בילדער פון דאָרף און שטאָט, מיט דער וואָכעדיקייט און יום־טובדיקייט פונעם יידישן לעבן, וואָס איז איצט שוין אין גאַנצן חרוב.

אָרעם און טרויעריק איז געווען דאָס יידישע לעבן אין אונדזערע היימישע קליינע שטעטלעך. אָבער עס איז דאָרט געווען חלום, אַ האַרציקייט, וואָס איז אונדז געווען נאָענט און טייער. אָט יענע אָרעמקייט פון אונדזערע אַלעמענס קינדער יאָרן, האָט געהאַט אין זיך

עפּעס נשמהדיקס. די דעליקאַטקייט פון אַט דער נשמה, באַווייזט ער אין זיינע שילדערונגען.

זיין פאָטער, וועלכער פירט אים, דעם דריי יאָריקן יינגעלע, „פאַר־וויקלט אין אַ טלית צום דרדקי מלמד: זיינע שוועסטער און ברידער, די שטיף מאַמע, זיינע באָבעס, די גרויסע משפחה פון פעטערס און מומעס, די גאַנצע אָרעמקייט ווי די שבתדיקייט פול מיט לעבנספולן אויסדרוק, ברייט און טיף מיט פאַרביקייט פון אַן עכטן רעאַליסט.

שלמה קייזערס שילדערונגען פון די זעקס יאָר אַלס משמש אין רבינס הויף, די חסידים, די גאַנצע סביבה און ספּעציעל דער עיקר די גרונטאָוועט געשטאַלטיקייט פון רבין ר׳ מענדעלע, זיינען געמאָלן מיט אַן אויג פאַר דעטאַלן און טרייע ווירקלעכקייט. ער איז דאָ דער טיף און ברייט אויפּפאַסנדיקער קינסטלער, וואָס אינפאָרמירט און כאַראַק־טעריזירט מיט כוח און סדר פון אַן עכטן שאַפער.

צו גאָר הויכער מדרגה פון קונסט האָט זיך דער מחבר דערהויבן אינעם דרייצענטן קאַפּיטל. דאָרט גיט ער פּרעכטיקע שילדערונגען פונעם רבינס הויף. ער גיט אונדז זייער גראַטענע פּאָרטרעטן פונעם רבין ר׳ מענדעלע מיט זיינע גבאים, ווי אויך זיין אייגענע דענסטמאָל־דיקע פּאָזיציע אינעם הויף.

די גאַנצע גאַלעריע מענטשן, וואָס באַוועגן זיך דורך זיין פּען, זיינען אים אַזוי ליב און היימיש, אַז ער קומט נישט אָפּ מיט בלויז מאָלן זיי, נאָר ער גיט זיך גאַנץ אָפּט אַ גריבל אין זייערע נשמות. אָבער ער טוט עס נישט גלאַט אַזוי זיך, נאָר ווייל זיי באַרירן אים. ווייל ער וויל זיך ערגעץ דערגרונטעווען. ער וויל זיי פאַרשטיין און אפילו מוחל זיין די עולות, וואָס מאַנכע פון זיי זיינען קעגן אים באַגאַנגען.

אין קייזערס דערציילונגען, צי ער מאָלט דעם רבין מיט די חסידים, דאָס שטעטל מיט די בעל מלאכות און קרעמער, די שריפה אין דאָרף, זיין טאַטן מיט דער שטיפמוטער און זיין גאַנצע משפחה, ווען ער שיל־דערט דעם טריסקער רבינס צוויי טויב שטומע אייניקלעך, אָדער ווען ער באַשרייבט אפילו זיין רייזע קיין אַמעריקע, וואָס איז נישט קיין נייעס, די שעפער מיט די באַלעבאַטים, זיינע ליבעס — זעט מען אומעטום זיין רעאַליסטישע פּען. אָבער אין רעאַליזם איז אויך דאָ אינעווייניקסטע קינסטלערישע פאַרוועבונג מיט קינסטלערישן אים־פּעט, וואָס הויערט פון זיין שאַפונג.

דער זעלבער אינטים געלייטערטער טאָן וועבט זיך דורך אין די שילדערונגען פון דעם אָרעמען יידישן אַרבעטער לעבן אויף דער אַמע־ריקאַנער ערד. זיי זיינען אַלע פול מיט פּאַסירונגען און איבערלעבונגען פון פאַרשיידענע טיפּן, מענטשן און פּאַרשוינען. זיין פעדער כאַפּט אויף מיט כסדרדיקער שטייגערונג יעדן ניואַנס, יעדעס פעדעמל, און מאָלט אַרום מייסטערהאַפּט צעמענטירטע דעטאַלן ביז עס ווערט אַ שליחותדיקע גאַנצקייט. אַזוי גיט ער איבער אַלע זיינע נאָגענישן און בענקענישן, זיינע ליבעס און שטימונגען. מען דערזעט אויך בולט דעם מחברס אייגענע עמאָציעס און געפילן וואָס וועבן זיך אין ווייכן און שטילן ליריזם.

קומענדיק אַהער גייסטיק הונגעריק, האָט ער נאָך בעת ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די פילאַדעלפיער גאַסן זוכן אַרבעט, שוין אַרומ־געוויזן דרך ארץ און מיט ליבשאַפט זיך געקלאַמערט אַרום דעם יידישן ספר, ווייל אין אים אַליין, אָן זיין וויסן, איז שוין דענסטמאָל געווען באַהאַלטן קרעאַטיווער כוח, מיט אַ דראַנג צו פאַרצייכנען דאָס וואָס ער האָט געזען, געפילט און איבערגעלעבט.

זיין שפּראַך איז אָן איינפאַכע, אַ פּשוטע, אָן פליטערלעך, נישט פּיקסירט מיט וואָרט שפּילעוודיקייט. אָבער אין זיין אומגעקינצלטקייט ליגט אַ לעבהאַפטיקייט צו באַלאַנסירן דעם ווערטער שטאָף אַזוי, אַז ער קריגט אַלע חנען, וואָס אונדזער פאָלקס שפּראַך פאַרמאָגט.

שלמה קייזערס זכרונות זיינען אייגנטלעך ניט גאַנץ ניי אין אונדזער ליטעראַטור און דאָך איז עס ניט קיין פּשוטע איבערחזרונג. שלמה קייזער איז דאָ אַ סך מחדש. זיין רבי איז אַ מער פולשטענדיקער פּאָרטרעט איידער די וואָס זיינען ביז איצטער געמאָלן געוואָרן. אין דעם רבינס התנהגות, זיין אונטערטאַנצן בשעת ער איז הדוהדיק און זיין נייעם דורכאוים אייגנאַרטיקן קאָלאָריט.

שלמה קייזער האָט אין זיינע אַלע קאַפּיטלען געגעבן זיין זאַפטיק וואָרט מיט שטיקער לעבן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגנהייט, וואָס ווייזט אָן אויף זיין ליטעראַרישן פאַרנעם דוקא מיט די איינפאַכסטע מיטלען אַרויסצוברענגען דעם שעפערישן תוך, דעם פּאָזיטיוון כאַראַק־טער פון דער אַטמאָספערע, וואָס ער שילדערט.

אין שלמה קייזערס פּשטות איז דאָ די זאַפטיקע נאַרונג פון עכטן

פֿאָלקסטימלעכן לשון, פֿול באַקרעפֿטיקט מיטן היימישן אידיאָם און ווערטל, וואָס גיט זיין שרייבן צו אַ סך פֿאַרב און קאָלאָריט.

שלמה קייזער האָט אויך אין זיך דעם כוח צו פֿאַראינטריגירן דעם לייענער צו וועלן לייענען און הנאה האָבן, וואָס דאָס איז בפירוש אַ גרויסע מעלה.

L

די דיכטער מיט בערך פֿינף און צוואַנציק יאָר צוריק, זיינען אייגנטלעך געווען מערער סאָציאַלע רעפֿאָרמער און פֿריידיקער איידער אמתע פּאָעטן. זיי האָבן נאָך דענסטמאָל זיך באַנוצט מיטן משׂכּילישן מליצהדיקן אויסדרוק, און תמיד געהאַט אָדער אַ סאָציאַלע טענדענץ אָדער אַ נאַציאָנאַלע. דיכטונג לשם דיכטונג איז ניט געווען, און דאָס ספּעציפֿיש אייגנאַרטיקע, דאָס וואָס זאָל ברענגען צום אויסדרוק דעם דיכטער און זיין וויזיע, האָט נאָך לגמרי געפֿעלט.

כמעט די גאַנצע דיכטונג פֿון יענער צייט איז באַשטאַנען פֿון איין טאָן, פֿון איין קלאַנג; ס'האָט זיך תמיד געדרייט אַרום איין איינציקן פּונקט: שמערצן און פּיין. די דיכטערישע ראַנגלענישן און ספֿיקותן, די שעפֿערישע חבלי יצירה, האָט זיך ניט געמערקט.

ערשט ווען אונדזערע דיכטער האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צום אייגענעם געמיט, זיינען געוואָרן מער אינדיווידואַליסטיש, האָבן זיי אָנגעהויבן שאַפֿן אַ סוביעקטיווע ליריק וואָס איז געוואָרן אַ נייע קינסטלערישע אויסשטראַלונג.

***

דיכטונג איז דער פּרוּוו אַריינצודרינגען טיפֿער אין די פֿאַר־קנוילטע רעטענישן פֿונעם מענטשנס לעבן. דער אמתער דיכטער זוכט מיטן כוח פֿון זיין דיכטערישן פֿאָרמעסט אַריינצודרינגען אין די נשמה־לאַבירינטן פֿונעם מענטשן, און וואָס מערער סוביעקטיוו דער דיכטער איז, אַלץ טיפֿער און שטאַרקער איז זיין כוח השפּעה. דענסטמאָל ווערט ער נאָענט דעם לייענער און רעגט אים אָן מיט אַן אומרואיקייט וואָס פֿליסט פֿון טאָן און קלאַנג, וואָרט און געדאַנק.

***

דאָס ליד וואָס וואַקסט אַרויס פֿון דיכטערס אייגענעם געראַנגל, איז תמיד טיפֿער, עכטער און רייכער איידער דאָס ליד מיט אַ סאָציאַלער

אָדער נאַציאָנאַלער טענדענץ. ס'איז דער חילוק צווישן עפּיקער און ליריקער, דיכטער און פּריידיקער. דער פּריידיקער האָט דער עיקר אין זין אַרויסצוברענגען די עוולות און אומגערעכטיקייטן פונעם קרומען סאָציאַלן איינשטעל. דער אמתער דיכטער אָבער זינגט אויס שטיקער לעבן וואָס ווערן געלייטערט און קריסטאַליזירט אין זיין שעפעריש-קינסטלערישן טאַלאַנט.

***

די היינטיקע יידישע דיכטונג פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל לידער וואָס באַווירקן אונדזער גייסט און געפיל מיט זייער קלאַנג און טאָן; דאָס איז די ווירקונג פון דער עכטקייט מיט וועלכן די איצטיקע דיכטונג איז באַלאָדן. די דאָזיקע לידער באַווייזן אַ פּאָזיטיוון קינסטלערישן אויפשטייג, וואָס איז ווייט פון די טענדענציעזע לידער ביים אָנהויב פון דער יידישער פּאָעזיע.

***

בלויז דער דאָזיקער יידישער דיכטער וואָס ווערט באַווירקט פון דער טראַגישקייט אין דעם איצטיקן שעת החירום, איז באמת פאַרוואָרצלט אינעם יידישן צער און וויי, איז באמת דער דיכטער פון אונדזער דור און גורל.

זיינס אַ ליד איז ניט באַפליגלט מיט חכמהדיקער פאַנטאַזיע און סטיליסטישע קונציקייט; ס'איז אַ ליד געפורעמט און פאַרטיפט אין דער ביטערער רעאַליטעט, אַ ליד פון בראָך און חורבן, פון הילכיקן אויסגעוויינטיקטן געשריי.

דער אמתער יידישער דיכטער איז תמיד טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן, און אין זיינע טענער הילכט תמיד אָפּ דער חושכדיקער תהום מיט גאָר דעם צער און צאָרן פון דער יידישער טראַגישקייט.

***

די איצטיקע יידישע אויסגעוואָרצלטקייט, איר גאַנצער טראַגיזם און אומקום, שפּיגלט זיך לעת עתה נאָך ניט אָפּ אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָ און דאָרט דערשיינט יאָ אַ דערציילונג אָדער ליד, איז עס אָבער בלויז אַ קליינער פּרואוו, בלויז אַ מין מוסטער.

דער יידישער קינסטלער האָט דאָ אַ קאַנווע, וואָס איז גרויס און ברייט ווי דער קאָסמאָס. ער דאַרף בלויז האָבן אַ חוץ גרויסן טאַלאַנט

אויך אַ גרויס יידיש האַרץ. דער איצטיקער שעת החירום טאָר ניט פאַרלוירן גיין פון קינסטלערישן אויג.

***

די שאַפונגס קראַפט פון אַ גרויסן קינסטלער איז די דינאַמישע דערגרייכונג ביז דעם סאַמע סוד פון אונדזער לעבן, וואָס דעקט אָפּ דאָס פאַרבאָרגנסטע, דאָס פאַרהוילנסטע; די באַהאַלטענע קנייטשלעך פון אונדזער געהויבענעם גייסט, פון דעם טראַגישן און קאָמישן, דער העכסטער אויסדרוק פון אַלע אונדזערע אינעווייניקסטע איבערלע־בונגען, ליידן און פריידן, וואָס באַהעפט מיט אַן אומגעהויערן כוח דעם גוף מיט דער נשמה און פאַרבלענדט דאָס אויג מיט מאַלערישע אַנט־פּלעקונגען פון פאַרטיפטן, קינסטלערישן אמת.

***

דער לעבן און געדאַנק פון אַ דיכטער, איז די ספער פון העכערע עולמות, די ספער פון וויזיע און חלום. ער בויט זיינע קינסטלערישע בנינים אין אַ ספער און וועלטל, וואָס איז פון אים אַליין אויסגעפורעמט און אויסגעחלומט. ער איז דער צענטראַלער פונקט פון זיינע אייגענע געדאַנקען און לעבנס־אינהאַלט, און אַלץ זעט ער בלויז דורך זיך און אין זיך. אין דעם זין איז ער דער אייביקער שאַפער, דער וואָס גיט יצירה און לעבן צו געדאַנקען און חלומות.

דער אמתער דיכטער מאַכט אויך דורך התפשטות הנפש, באַפרייט זיך פונעם גשמיותדיקן און וואָכעדיקן, און האָט דערמיט קיין מגע ומשא ניט, איז אפילו ניט טועם טעם דערפון. ער קערט און ווענדט זיך בלויז צום מקור פון די אייגענע פאַרפיינערטע אַנטפּלעקונגען, צו דער ספער פון וויזיע און חלום, און פון דאָרטן אַרויס ציט ער די יניקה פאַר זיין שאַפונגס־כוח.

***

די יונגע יידישע פּאָעטן האָבן טענות הלמאי מען פאָדערט פון זיי מער קלאָרקייט. זיי טענהן כנגד, אַז קלאָרקייט אין פּאָעזיע איז אַן אַלטע, אָפּגעלעבטע און פאַרפלאַכטע שיטה; אַז דער דיכטער מוז ניט זיין פאַרשטענדלעך צום לייענער אויב ער וויל באמת זיך דערהויבן און פאַרטיפן אין דער שאַפונג. איך בין מודה, אַז איך בין אויך איינער פון די פשוטע לייענער וואָס ווערט אָפט צעטומלט לייענענדיק זייערע

מאָדערנע לידער, און איך פרעג: פאַרוואָס קאָן איך פאַרשטיין אַזעלכע דיכטער ווי לערמאָנטאָוו, עדגאַר עללען פאָו, היינריך היינע, און אונדזערע יונגע דיכטער ניט? האַלטן זיי זיך אפשר פאַר גרעסערע דיכטער? פאַרוואָס קען איך אונדזער דיכטערישן שוואונג יאָ אויפנעמען און אונדזערע אייגענע יונגע בלייבן פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך און אָפּגעשלאָסן? איך טראַכט: איז עס ניט אַמאָל מאַנגל אין פאַנטאַזיע און אין נייע, אָריגינעלע געדאַנקען, אַז דאָס שטענדיקע מאַטערן זיך צו זיין טיף און פליען אָן פליגלען? איז דען אַזוינס ניט אַ מין באַהאַלטן זיך אונטער טאַלאַנטלאָזער, דעקאַדענטישער אומפאַרשטענדלעכקייט?

***

טאַלאַנט איז אַ גאָט געבענטשטע מתנה, אָבער כדי דעם טאַלאַנט באמת ברענגען צום אויסדרוק מוז דער אַרטיסט זיין אַרומגערינגלט מיט אַטמאָספערע און וואַרעמע סביבה ווי אַ קינד מוז האָבן די צערטלעכקייט פון אַ מוטער אַז ס׳זאָל קענען ווי געהעריק זיך פאַנאַדערבליען. אָן ליבע און אָן דער סביבה פאַרוועלקט דעם קינסטלערס שעפערישקייט און זיין טאַלאַנט ווערט פאַרצערט פון איינזאַמקייט ווי אַ בלום אין קאַלטן האַרבסט.

LI

דר. אונטערמאַן

די יידישע ימים טובים, וועלכע שטייען ווי אייביקע פעסטונגען, אַרום וועלכע עס האַלט זיך דער גאַנצער געבוי פון לעבן פון דער יידישער נאַציע, זיינען געשיכטלעך אין זייער עצם און האָבן זייער אָפּשטאַם פון די גאָר אַלטע צייטן. יעדער יידישער יום טוב איז ענג צונויפגעבונדן סיי מיט דער יידישער געשיכטע, סיי מיט זיין נאַציאָנאַלער קולטור און סיי מיט דער קדושת העם. עס איז יידנטום אין זיין גאַנצן מהות און אין אַלע זיינע פאַזן. יידנטום אָן די איצטיקע ימים טובים, איז אוממעגלעך און פּאַקטיש דורכאויס וואַכעדיק.

די יידישע ימים טובים האָבן אין זיך אַ תכלית און אַ ציל. זיי זיינען די גרעסטע דינאַמישע קראַפט און באַוועגנדיקער כוח אויפצוהאַלטן די יידישע פאָלקסאידייען און ענג צונויפגעבונדן די יידישע געשיכטע מיט דעם יידישן פאָלקס-לעבן.

די טענה פון אונדזערע שונאים, אַז יידן זיינען אַ מאָדנע פאָלק,

איז אפשר גאָרניט אַזאַ אומבאַרעכטיקטע. מיר זיינען עס טאַקע, און די אַפּלייקעגונג וועט דאָ גאָרניט העלפן.

אָבער אויך מיט אונדזערע ימים טובים זיינען מיר מאָדנע און אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער, און יעדער פּאַרזוך זיי צו ענדערן אָדער אונדז פון זיי צו פּאַרפרעמדן, איז איינפאַך פאַנטאַסטיש און נאַריש. דער יידישער יום טוב איז ניט קיין פּשוטער צופאַל אָדער קאַפּריז, נאָר אַ ריין נאַטירלעכער אויסגאַנג פון אונדזער געשיכטע, און האָט זיך אין אונדזער לעבן פאַרוואָרצלט און געוואָרן אַן עצם מעצמנו. די יידישע ימים טובים זיינען באין אופן ניט קיין הוילע רעליגיעז־ראַמאַנטישע פונקציעס. זיי זיינען סטימולירנדיקע פאַק־טאָרן אין דער יידישער געשיכטע. יעדער איינער יום טוב איז אַ סימבאָל, אַ יידישער סימבאָל, פון אַלע אונדזערע איבערלעבונגען, אידייען און האָפענונגען.

די אומות העולם פייערן זייערע ימים טובים על פּי רוב אין אָנדענק פון אַ רעליגיעזער געשעעניש. קיין מוסר השכל פאָרן עתיד האָבן זיי ניט, און דערפאַר טראָגן זיי ניט דעם כאַראַקטער פון אמת נאַציאָנאַל־היסטאָרישע דערגרייכונגען. אַנדערש זיינען אָבער אונ־דזערע ימים טובים. הגם די שפּורן פון די אַמאָליקע דערגרייכונגען זיינען שוין הונדערטער יאָרן פאַרווישט, ווערן זיי דאָך אָבער דאָך אויפגענומען מיט התלהבות און התרוממות. פאַר אונדז יידן זיינען די ימים טובים ניט קיין מער אָנדענק פון דער וויטער פאַרגאַנגנהייט וואָס האָט מער מיט אונדז קיין שייכות ניט, נאָר אַ שטיק לעבעדיקע קולטור פון וועלכער מיר אַלע שעפּן נאָך אונדזער גייסטיקע יניקה.

דער יידישער יום טוב איז געריייניקט און געלויטערט, און ווי אַ מילגרוים אָנגעפילט מיט הויכע אידייען און באַגריפן. דער יידישער יום טוב שטייט אויף אַ סך אַ גרעסערער הויך ווי דער יום טוב פון אַנדערע אמונות; ער פאַרמאָגט אַזוינס וואָס אַנדערע פאַרמאָגן ניט — דעם קערנדיקן אינהאַלט און רייכגייסטיקן יסוד.

עס קומט דערפאַר אָנערקענונג דעם מחבר פון „אונדזערע ימים טובים", וועלכער האָט דעם יידישן יום טוב געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון. ביי אונדז יידן זיינען תמיד די וויכטיקסטע נאַציאָנאַל־קולטו־רעלע דערגרייכונגען געשאַפן געוואָרן דורך דעם מסירת נפשדיקן חלוציזם פון אונדזערע געציילטע אידעאַליסטן און געלערנטע. אין

אַלע צווייַגן פֿון אונדזער סאָציאַלן, רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן גע־פֿינען מיר, אַז אַלע גרויסע דערגרייכונגען זייַנען געמאַכט געוואָרן בלויז אַ דאַנק די יחידים וואָס האָבן געווידמעט זייערע לעבנס צו שאַפֿן אוצרות אויף אַ געוויסן געביט.

אַזוי האָבן מיר געבויט אַלע גרויסע תורה־אינסטיטוציעס און זיי איבערגעגעבן פֿון דור צו דור און פֿון איין שפּראַך אין דער אַנדערער. אַ דאַנק דעם עקשנתדיקן ווילן און אידעאַליזם פֿון ד״ר צינבערג האָבן מיר געשאַפֿן אַ מאָנומענטאַל ווערק איבער דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור. אַ דאַנק ד״ר זאַלקינד האָבן מיר אַ פּאַרזוך איבערצוזעצן דעם גאַנצן תלמוד אין יידיש. אַ דאַנק דעם ברענענדיקן חלוץ־גייסט און דיכטערישער שעפֿערישקייט פֿון יהואש, ע״ה, האָבן מיר די ערשטע מאָדערנע וויסנשאַפֿטלעכע איבערזעצונג פֿון תנ״ך אין יידיש. אַ דאַנק דער ערודיציע און אומבאַגרענעצטער ליבשאַפֿט פֿון דער אַלט־יידישער קולטור פֿון ד״ר יצחק אונטערמאַן, האָבן מיר איצטער אין יידיש אַ גרינטלעך דורכגעפֿאָרשט ווערק איבער די יידישע ימים טובים.

דר. אונטערמאַן האָט אוודאי מתכון געווען צו זיין ריין וויסנ־שאַפֿטלעך און בלויז איבערצוגעבן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג און באַדייטונג פֿון די ימים טובים מיט זייערע מנהגים און צערעמאָניאַלן ווי זיי געפֿינען זיך אין די אַלטע און נייסטע קוואַלן פֿון תלמוד און רבנישע ליטעראַטור. זיין גרויסע ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנהייט צום יידישן לעבנסשטייגער און אַלט־יידישער קולטור האָט אָבער געהאַט איבער אים דעם אויבערגעוויכט, און יעדער וואָרט זינגט ממש פֿון אים אַרויס מיט פּאָעטישער דערהויבנקייט.

ד״ר אונטערמאַן לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון געשיכטלעכע סתירות און אוממעגלעכקייטן, מיט וועלכע די ביבל־קריטיקער און מאָדערנע היסטאָריקער פּרובירן צונישט מאַכן די יסודות פֿון אַ סך פֿון אונדזערע ימים טובים. ביי אים איז דוקא דער תנ״ך און דער תלמוד גענוג אוי־טענטיש אויף אים זיך סומך צו זיין. ער גיט טאַקע איבער די קריטישע פֿאָרשונגען אין זייער פֿולשטענדיקייט, אָבער זיי פֿאַרבלייבן ביי אים ניט קיין פּוסק אחרון. דער יידיש־נאַציאָנאַלער מאָטיוו און זיין גרויסן קולטורעלן ווערט, איז ביי אים פֿון אַסך גרעסערער וויכטיקייט און דאָס דאַזיקע באַטאָנט ער דוקא איבערצייגנדיק און אַנטשיידנדיק.

יידישע טאַטעס און מאַמעס איבערהויפּט די נאַציאָנאַל געזאַנגענע, וואָלטן זיך באַדאַרפט געבן די מי אַריינצוברייינגען ד"ר אונטערמאַנס ווערק אין זייערע היימען און אויסטרעטן אַ סטעזשקע וואָס זאָל צו־נויפירן דאָס היגע קינד מיטן אַלטן היימישן לעבן, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין „אונדזערע ימים טובים".

דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבן מיט אמתער וואַרעמקייט. די שפּראַך איז אַ לייכטע, און די סאַמע שווערסטע ענינים פון קאַבאַליס־טישער סימבאָלישקייט ווערן איינפאַך דערקלערט. די ימים טובים ווערן אויסגעטייטשט און באַהאַנדלט סיי פון אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן און סיי פון אַ געשיכטלעך־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. די טענדענץ אָבער איז דורכאויס אַ יידיש־נאַציאָנאַלע מיט אַ האַרציקער ליבשאַפט צום יידישן לעבנסשטייגער.

אַזאַ אַרבעט ווי די צוויי בענדער „אונדזערע ימים טובים" פון דר. יצחק אונטערמאַן, איז שוין לאַנגע געווען נויטיק אין דער יידישער שפּראַך. עס האָט זיך געפילט אַ דוחק אין אַ ווערק, וואָס זאָל באריכות אָבער פּאָפּולער און יידישלעך אַרויסברייינגען דעם גאַנצן אוצר פון טראַדיציאָנעלער שיינקייט צוזאַמען מיט דעם רייכן פּאָעטישן פאָלקלאָר וואָס איז אַזוי וואונדערלעך איינגעוועבט אין אַלע זייערע מנהגים און צערעמאָניאַלן.

אַזוי איז זיין בוך „פון די שחיטה־שטעט", וואָס נעמט אַרום אַ טייל פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין דער ערשטער וועלט מלחמה, אַ וויכטיקער געשיכטלעכער מאַטעריאַל און בייטראָג צו דער ליטעראַטור פון דעם מין. זיינע ביכער „יידישער ימים טובים" צוויי בענד אין יידיש און צוויי בענד אין ענגליש. „די נביאים", צוויי בענד אין יידיש: „די געשיכטע פון יידן אין ניו דזשורזי", דריי בענד אין יידיש איין באַנד אין ענגליש; אַכט „מעשיות לילדים" אין העברעאיש; „רש"י" אין יידיש, און זיין לעצטן בוך אין ענגליש „די יידישע יוגנט אין אַמעריקע", ווייזן קלאָר אָן אויף זיין גייסטיקער געשטאַלטיקייט און רעזערוואואַר פון וויסן און געלערנטקייט.

דר. יצחק אונטערמאַן איז דער שריפטשטעלער און פאָרשער וואָס פאַרטיפט זיך אין דעם מקור פון אונדזערע אַלטע אוצרות און באַהויכט זיי מיט זיין קינסטלערישן אָטעם און שעפערישן טאַלאַנט. ער איז פאַר אונדז חוזר לחיים גאָר די רייכקייט און אידייאישקייט פון אונדזער

דורות־אַלטער ליטעראַטור אין אַלע אירע פּאַזן און עפּאָכן. ער איז ניט קיין איבערחזרער, ניט קיין קאָפּירער, נאָר אַ באַנייער און איבער־דיכטער.

דר. אונטערמאַנס יידיש־קנאַידיקע קעמפערישקייט און גייסטיקע באַלאַדנקייט, וואָרצלט אַרויס פון דער ירושהדיקע חסידיש־לומדישע סביבה אין וועלכע דער רעליגיעז־עטישער מאָטיוו איז געווען דער ווירקנדיקער כוח. מיט דעם דאָזיקן כוח דרינגט ער אַריין טיף אין די יידישע פּראָבלעמען און זוכט אַנצוטאַפּן דעם צענטראַלן פונקט פון דעם אַלגעמיין מענטשלעכן, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ספער פון מאָראַל און עטיק, פון געטלעכקייט און אין סופּדיקייט.

אין דער יידישער ליטעראַטור איז ד"ר אונטערמאַן אַ שאַפער מיט אַן אייגנאַרטיקן דרך, וואָס ווערט ניט מיטגעריסן מיט באַוועגונגען און לאָזט זיך ניט פאַרטומלען אין דעם געשריי פון דער גאַס. אפילו זיין שפּראַך איז אויך אייגנאַרטיק מיט אַ גאַנץ באַזונדערן קאָלאָריט. ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב סיי דעם העברעאישן עלעמענט און סיי דעם פּויליש־יידישן אידיאָם. זיין שפּראַך און סגנון איז דעריבער דער אמת פאָלקסטימלעכער, באַשפּרינקלט דאָ און דאָרטן מיט דער זאַנפטיקייט פון אַ תלמודישן אויסדרוק און ווערטל.

LII

פאָלקאָמנהייט מיינט אומענדלעכקייט, אומענדלעך ווי ס'איז דער חלל. דערפאַר איז אַלץ אין לעבן, אַלע אונדזערע אויפטואונגען, דער־גרייכונגען, אויפן גייסטיקן געביט און אין אַלע אַנדערע צווייגן פון אונדזער שאַפן ניט דערצילט ניט דערגענצט, ניט פאָלקאָם. און אפשר טאַקע אין אָט דער אומפאָלקאָמנהייט ליגט אונדזער אייביקער דראַנגס־פּראָצעס, די אָנרעגונג און ליידנשאַפט פון אונדזער גרויסן ווילן צו דערגרייכן דאָס אומדערגרייכבאַרע, די אייביק האָפנונגסלאָזע האָפענונג אויף פאָלקאָמנהייט.

***

שרייבן פּובליציסטיק אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, איז די קונסט פון וואָרט אַרויסצורופן עמאָציע און השפעה. מענדעלעס ווערק געהערן טיילווייז צו דעם מין. האָט אָבער בלויז מענדעלע פאַרמאָגט דעם גרויסן קינסטלערישן כוח צו שאַפן אָט די פאַרפיינערטע פאָרם. בלויז מענדעלע האָט באַוויזן אפילו אין פּובליציסטיק אַרויסצולויכטן מיט זיין קינסטלערישער גרויסקייט.

***

דער פּראָלעטאַריאַט איז דער אַוואַנגאַרד, דער צוקונפט־מענטש, וואָס האָט גענומען אויף זיך די מיסיע צו שאַפן אַ נייעם לעבנס־שטייגער; וואָס טראָגט אויף זיין געוויסן דעם גרויסן, גערעכטן ווילן איבערצוענדערן און איבערצובויען די גאַנצע וועלט, ער מוז אָבער קודם כל זיין אינערלעך רייף, צוגעגרייט פאַר אַט דער דאָזיקער אַרבעט אַ חוץ מיט דעם אויסגעוויטאָקטן ווילן אויך מיט אינטעליגענץ, בילדונג און גייסטיקן וויסן פאַר דער זאַך. ער מוז אַ חוץ זיין שנאה צום קאַפּיטאַל אויך זיין אַ קולטור מענטש; אויך זיין אַ צושטערער פון אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער אָרדנונג מוז ער אויך זיין אַן אָפּשאַצער פון אַלטע קולטורן און ווערטן. ער מוז ציען זיין גייסטיקע יניקה פון אַ לויטערן, הייליקן פאַרלאַנג מיט דער ליבע פון אַ גרויסער נשמה, ווייל כדי צו רעוואָלוציאָניזירן די וועלט, מוז דער פּראָלעטאַריער פריער פון אַלץ רעוואָלוציאָניזירן זיך אַליין.

***

די זעאונגען פון אַ גרויסן גייסט, זיינען די קינסטלערישע אָפּשטראַלונגען פון אַן אינערלעכער ליכטיקייט, פון אַן אויסדערוויילטער נשמה, וואָס פאַרטיפט און באַפרוכפּערט אונדזערע געדאַנקען ווי אַ פרילינגס־רעגן די רויטע רויזן־צווייגן.

***

אַ דענקנדיקער מענטש מוז אויך זיין אַ געפילפולער מענטש. אָן אַ טיפן געפיל קען דער געדאַנק זיך ניט דערהייבן צום גייסטיקן ווענדפּונקט פון דער שאַפונגס־קראַפט, פונקט ווי אַ פויגל קען ניט פליען מיט אָפּגעשניטענע פליגלען.

***

מענטשלעכע געפילן זיינען ווי ים־כוואַליעס: תמיד ברויזן זיי, תמיד רעגן זיי אונדז אָן מיט אומבאַרירבאַרן ווילן צו בויען און אויך צו צעשטערן; מיט דער דערהויבענער הייליקייט און פינצטערער איינזאַמקייט; וועקן אין אונדז ליבע און האַס; טרייבן אין דער אייביקייט אונדזער באַוואוסטזיין.

***

אונדזערע געפילן זיינען תמיד דער היפוך פון די רעאַליטעטן פון לעבן; זיינען אין איין שטענדיקער, פאַרצערנדיקער מלחמה ווי פייער מיט וואַסער.

LIII

י. ה. ראַדאָשיצקי

י. ה. ראַדאָשיצקי איז דער מחבר פון דריי ביכער לידער, וועלכע ווייזן אָן אויף זיין קוואַלפולן פּאָעטישן פאַרמעגן, אויף זיין שאַצקאַמער פון ווערטער און אויף די מילשטיינער פון זיין שעפערישער באַוואוסט־זיניקייט ווי אויף זיין אינעווייניקסטן יום־טובדיקן עקסטאַז אַריינצו־לויכטן אין דער וואָכעדיקייט פון לעבן און פאַרקערפּערן דעם שיינעם באַפינקלטן מאָראַלישן פּאַטאָס פון זיין לירע.

ראַדאָשיצקיס טעמאַטיקס זיינען פילאַרטיק: דאָס אַמאָליקע שטעטל, ווי דאָס גרויס־שטאָטישע לעבן, ער זעט דעם ברייטן אָרום און וועגן אַלץ דיכטעט ער מיט באַהאַרצטע פרייד. אַ ליבשאַפט מאָנומענטיזירט זיינע לידער, וואָס דערמאָנט שטאַרק אין דער רייזע־ניסטישער גוטסקייט פון זיינע געמאָלענע געשטאַלטן.

ראַדאָשיצקיס דריטער באַנד: „ליד און אומרו”, איז פול מיט דעם דיכטערס אייגנאַרטיקייט פון דינע אײדעלע שטימונגען, פון וואָרט־אָטעם און וואָרט־קלאָרקייט; די מאָטיוון התמדהדיק אויס־געלייטערט פון אייגענעם גאַנג און קראַפט קריסטאַליק אויסגע־צייטיקט ליד. מען דערשפּירט ערלעכע כוונה, אויפגעטויכט צו געבן דאָס כמעט קאָנקרעטע פון יידישן לעבן, דאָס דורותדיקע פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי זיין איין־צייטיקע אינערלעכע וועלט פון זיינע שאַרף שטראַליקע עמאָציעס און פּראָטעסט אַקעגן די צעפוילטע זיילן פון אַ סאָציאַלער אָרדענונג פון אומיושר, אומגלייכקייט און מענטש־לעכע פאַרשקלאַפונג. אין אָט דעם בוך לידער איז דער עיקר דאָ די אָנגעשטראַלטקייט פון יידישער ספערע, פאַרביקע יידישע בילדער, וואָס איז אַ המשך פון זיינע פריערדיקע שאַפונגען, וואָס זיינען באמת ווערטפול, מיט חוש פאַר לעבעדיקע ווירקלעכקייט און דיכטערישע קאָמפּעטענץ.

ראַדאָשיצקי האָט אַ סך ליבע פאַר זיינע געמאָלענע יידישע טיפּן, וועלכע ער באַזינגט מיט קאָנטיקע רעאַלע שטריכן, מיט ווערטער עפּיטעטן, וואָס זיינען פול מיט פייערלעכקייט, אַ שיינער כאָר וואָס איז פאַראַנקערט אין גלויבן און געהייליקטע ברודער־ליבשאַפט צו וועלט און מענטש.

פאַרשן דעם מקור פון דעם וואונדערשיינעם מאָטיוו פון דער יידישער פאָלקס-לעגענדע הייסט דערגרונטעווען זיך צו אונדזערע פילע אורקוואַלן, אַריינצודרינגען אין די אויסגעמייסטערוועטע לאַבאַראַטאָריע פון שריפטשטעלער, זען ווי טיף און ווייט דער קינסטלער האָט געוואָרצלט אין יידישן לעבן, זיינע מאָטיוון און אינעווייניקסטן דראַנג, אַריינגעשפּינען זיין אָריגינעלקייט, באַפרוכטפערקייט זיינע קאָנווענציעס די פאָלקס-מעשׂות און זיי געגעבן מזוג-זווגימדיקן פאָלקס-טימלעכן תיקון.

⁂

די קונסט, וואָס איז באַזעלט פון אַן אידעאַל, איז קיינמאָל נישט קיין אויסגעהוילטע מליצה-שפּיל פון שיינע ווערטלעך, זי איז די קונסט פון לעבעדיקן לעבן, וואָס זוכט צו באַרייכערן דעם לייענער מיט וויסן און בילדערישע שיינקייט. זי איז די קונסט פון העכסטן אויסדרוק פון שטרעבונגען, זי איז די קונסט, וואָס פאַרגייסטיקט דעם לעבעדיקן באַראָמעטער, די עכטע טענער פון דעם באַפינקלטן וועג פון פאָלקס רעאַלן אָנרעג באַשטרעבונגען.

⁂

דער גרויסער קינסטלער דערהייבט זיך צו דער גרויסער טעמאַטיק, צו די גרויסע פיגורן, דער דילעטאַנט שלעפּט אַרונטער די גרויסע פיגור. ער הענגט זיך אין איר אָן און שלעפּט זי אַרונטער צו זיין אייגענער קליינקייט און ליטעראַרישער אומבאַהאָלפנקייט. ער איז דערפאַר קיינמאָל נישט דער ליטעראַרישער גייער נאָר דער נאָך-גייער וואָס גיט אָנשטאָט קונסט — קונץ און גייסטיקע פאַרזעעניש.

⁂

דעם קינסטלערס שאַפונגס-באַנעם אין זיין מיסיע פון עטישע צילן, דאָס איז נישט די ראָל פון ווייזן זיך סתּם פון אַ שיין שרייבער פון פאַנאָראַמען-געמעלן, נאָר אַלע מאָל דאָס אויסקריסטאַליזירן דעם וואונדערלעכן אויפנעם פון דערשיינונגען און כלערליי ספערן פון צייט. די אידייען אין וועלכע ער גלייבט, די אידייע אין וואָס פאַרכאַפּט זיין גייסט צו באַקליידן מיט בלוט און פלייש פון זיין קונסט-אַרסענאַל, כדי דעם לייענער אַריינצופירן אין זיין שעפערישן אַטמאָספער און באַרייכערן זיין גייסט מיט אַן עסטעטישן גענוס און אידייע אין וועלט.

אייביקע ווערטן פאַר אונדז זיינען נאָר די עלעמענטן פון קונסט, אַן וועלכע ס'זיינען פאַרוועבט די נשמות-פּלאַטערנישן פון פאָלק, דאָס אַרויסאַנטפּלעקונג פון די אַלטע, אייביקע קולטור-אוצרות, דער סוביעקטיווער קאָנטאַקט פון פאָלקס-חלום און פאָלקס-סאָציאַלער באַשטאַנד, גערעַנגל קען זיכער באַווירקן די יידישע מאַסן פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַנייאונג. אייביקע ווערטן זיינען אויך פאַר אונדז, די פאַרפיינערטע מאָטיוון פון דערלייזונג, די שטרעבונג צו גאולה, צו דורכאויס יידישע קונסט און אידייען-עטישע יידישקייט.

די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור דאַרף נישט נאָר זיין אַריינגעטאָן אין דעם און אין די פּראָבלעמען פון אייגענעם פאָלק. זי קען אויך אַריינגעמען עטישע השלמות און די טעמפּאָ צו מאָלן די שיינע נאַטור, צייכענען אָביעקטיוו, ברייטער, פּילזייטיקער, דאָס ליכט און דאָס שאָטנדיקע פון דער גאָרער וועלט פון אַלע ראַנדן און ברעגן.

***

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ קען מען מיט זיכערקייט אָנווייזן אויף זיין דירעקטן, פּאָזיטיוון ווירקן, ווי אַ יידישער שריפטשטעלער אויף די פאַרשיידנסטע פּראָבלעמאַטיק פון פאָלקס-גייסט, ווי די לעבנס-שאלות און תשובות פון יחיד. זיינע מענטשן זיינען פול מיט אַנטוויקלונגס-שטופּן פון סימבאָלן און קוואַליטעט, וואָס נעמט אַרום די באַדערפעניש׳ן פון דער יידישער וועלט.

פּרצעס וואַנדער-וועגן, זיינען געווען די וואונדערלעכסטע לאַבאָראַטאָריע צו דער יידישער אידייע, וואָס ער האָט מיט אומפאַרגלייכלעכער קינסטלערישער אָנזאַמלונג פון זיינע כלערליי געשטאַלטן מאַניפעסטירט נישט סתם פּשוט, נאָר פייערלעך אילוסטרירט דעם פּוילישן יידנטום אין זיין כאַראַקטעריסטישן אויפגאַנג, פאַרגאַנגענהייט און פאַרטיפט דורך זיי די יידישע לעגענדע און אויף טויזנטער פונקטן אַ שטוים געטאָן פאַראויס אונדזער גאַנצער קולטור און ליטעראַטור.

פּרץ האָט געפורעמט די שפּראַך, געמייסטערט זיינע געצייכנטע טיפּן, זיך געגראָבן אין אונדזער פול טויזנט-יאָריקער געשיכטע, אומאויפהערלעך געבלענדט, געלייזט מיט טונקעלע שאָטנס פון ביינאַכט שווייג, מיטן טרויער-צווייפל צווישן דעם טויטן-טאַנץ פון ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק, זיך געוויגט אין זיגזאַגישע ספקות אין די בענקע-

נישן פון מאַנישן און אַריינגענומען די גרויסע קאַנווע, דעם תוך פאַר זיין אידייאישן סינטעז און די רביים און דעם מיסטעריעזן טרויער־ניגון פון די מקובלים. ער האָט כסדר געזוכט למד־וואָווניקעס, וועלכע ער האָט אַרויסגעפירט אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן. דורך דער וואונדערלעכער קרוין פון זיינע אַנטפּלעקונגען האָט ער דערזען עפּעס גייסטיק־הערויאישעס, פאַרכאַפנדיקס, וואָס ער האָט אויסגעזונגען, ווי אַ גרויסער פּאָעט, אויסגעשפּילט אויף אַלע אינסטרומענטן, ווי אַ מייסטער ווירטואָז און מיט דעם קראַפט און פּאַטאָס פון אַ זשעני געוויזן דעם וועג צום יידישן הערויאיזם.

פּרץ איז געווען די דינאַמישע גייסטיקע קראַפט, דער אויסשטראַלער, באַנייער, וואָס האָט אַקטיוויזירט דאָס אייביק ווערטפולע, די פאַרגאַנגענע תקופהס און די היינטצייטיקייט, אין זיי — דעם המשך פון אַלטע ווערטן, די צאַפּלענדיקע זוכעניש צו דער שיינער לייזונג אין מענטשלעכער אייביקייט. אין זיין קונסט איז ער דורכאויס אין מאָס און טאָן דער יידישער שעפער, דער צינדער, שמידער פון אונדזער דורותדיקן רענעסאַנס.

פּרץ האָט דורך זיינע חסידישע מעשות, פאָלקסטימלעכע געשיכטן און סימבאָלישע דראַמעס רעפלעקטירט זיינע שטאָלצע יידן אויף גאָטס גרויסער וועלט, באַשטראַלט מיט זיין קונסט דאָס וועזנטלעך־שיינע פון זייערע ריינע, פאַרכטיקע נשמות, גלייכצייטיק איז ער אָנגעזאַפּט מיט דעם סאָציאַלן צער; מיט זיין דרייסטן וואָרט צעשטויבט ער אָפן די איבלען, די שפּינוועבס פון אומגלייכקייט און אונטערשייד פון מענטש קעגן מענטש.

י. ל. פּרצעס דיכטערישע שעפערישקייט איז געווען די פּאָעזיע פון לויטערע זעאונג פון גרויסן מהות און ממשות. ער האָט געהאַט דעם חן און חסד צו קוקן מיט די אויגן פון די פאַרגאַנגענע צייטן — צו ריידן מיט דער שפּראַך פון אַ פאַרשוואונדענער עפּאָכע און ער האָט פאַרקערפּערט די היסטאָרישעווירקלעכקייט. זיין גייסט האָט געפלאַקערט מיט אויסדרוקס־פאָרמען, מיט וואונק־געדאַנקען און גע־ניאַלן אָנדייט.

זיין שאַפן איז נאָך איצט פאַר אונדז וואונדערלעך פריש, ליטע־ראַריש אַנטפּלעקנדיק, וואָרום ס׳איז די שאַפונג פון דעם מייסטער,

וואָס באַקליידט די נשמות מיט אַ קערפּער, וואָס גיט אויסדרוק זיין נאַנצן, ברייטן, מוזיקאַלישן שוואונג און פאַנטאַזיע.

***

דעם קינסטלערס שעפערישער פּאַטענץ איז נישט דער אויסדרוק פון אַ מיסטעריעזער קראַפט, נאָר די קלאָרע מאַניפעסטאַציע פון זיין אייביק וואַכזאַמער אינטואיציע. נישט נאָר וואָס דער קינסטלער שאַפט, ווי עס דיקטירט אים די אינטואיציע — אפילו אין זיין אייגן לעבן טראָגט ער אויך אַריין די זעלבע אייגנשאַפט, דעם אופן ווי דער קינסטלער נעמט אויף דרויסנדיקע איינדרוקן און ווי אַזוי ער רעאַגירט אויף זיי, איז אַ ריין-אינטואיטיווער. דערפאַר מוז דער קינסטלער אָפט קומען אין קאָנפליקט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, וואָרום דער גרעסטער טייל פון דער מענטשהייט פירט אַ לעבן וואָס איז להיפּוך דער לאָגיק פון אינטואיציע.

***

דער קינסטלער וואָס טראָגט צו זיין אָריגינעלן ווערטפולן ביייטראַג צום ליטעראַרישן בנין, מאָלט נישט סתם מענטשן בלויז נאָר דערפאַר ווייל ער האָט אַ קינסטלערישן פּענזל אין האַנט, נאָר תמיד איז עס ווייל ער האָט אַן אידייאישן ציל-באַוואוסטזיין מיט דעם אַריינקוקן אין דעם מענטשלעכן האַרץ. מיטן צייכענען אָט די מענטשן זוכט ער אַנצוואַווייזן, קלאָר אַרויסצוברענגען זיין אייגענעם וועלט-באַנעם, אויפן מקור פון די סאָציאַלע כוחות און זייער סביבה אין וועלכער ער ווירקט און ווערט באַווירקט. דורך די שפּאַרונקעלעך אין די נשמות פון זיינע געשילדערטע טיפּן, וואַרפט ער זיין העלן ליכט-פּראָזשעקטאָר פון זיין שאַרפע זעאונגס-קראַפט, צו ווייזן דאָס פריידיקסטע, ווי דאָס טראַגישע, אויפעפענען די גרונטן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק, אַנטבלויזן די לעבנס-וואָרצלען פון דער דענערווירטער צייט, דאָס אייביק רייצנדיקע, דאָס אייביק באַגוּוּלהטע, וואָס פייניקט און צעקוועלט דעם מענטשן אין לעבן.

***

ס׳איז כמעט נישטאָ איין אויסדרוק, איין וואַריאַנט, איין בילד-אַרט, וואָס מיר האָבן שוין נישט באַגעגנט אין דער ליטעראַטור און אין רעדנס-אַרט אין אונדזער לשון, דער קינסטלער באַנוצט אָפט די גע-

וויינלעכסטע טאָג־שפּראַך, ווערטער, ווערטלעך אידיאָמען, פאַרגלייכונגען, וואָס זיינען אַזוי פּשוט, איינפאַך אַלט באַקאַנט, טרוקן־פּראָזאאיש און דאָך איז דאָ אין די בילדער דער שאַץ־קאַמער פון קונסט, וואָרום דער קינסטלער דאַרף זיך נישט צופיל באַמיען צו זוכן נייע געשליפענע וואָרט־צירונגען כדי זיך צו ווייזן מיט זיין העל־זעעריי און פאַרשאַפן דעם לייענער אַן עסטעטישן פאַרגעניגן. די אַלטע שוין לאַנג־אָפּגעלעבטע ווערטער שטייען אויף דורך דער קינסטלער־האַנט תחית־המתים און זיי באַבלאַנקען מיט זייער בילדערישקייט און פרישקייט דעם קינסטלערס שאַפונג.

***

ס׳איז נישט דאָס פּאָעטישע לשון, אָדער די שטאַרקע שאַפונג פון דעם געשילדערטן לעבן, וואָס גיבן דער שאַפונג אייביקע לעבן, נאָר דער קריטעריום, פון די פּאָזיטיווע קינסטלערישע כאַראַקטערס אין די ראַמען פון דער וועלט, וואָס דער קינסטלער האָט אין זיין וויזיאָנערישן צילבאַוואוסטזיין דערגרייכט — גייסטיק אויסגעשטאַלטיקט און אויפגעשטעלט.

ס׳איז אָנגענומען אַז דער קינסטלער איז אַ טרוימער, ווייל ער באַוועגט זיך אין אַ וועלט פון לויטער עמפּינדלעכקייטן, פון לויטער שטימונגען. וואָרים דער קינסטלער איז אין דער וועלט פון פּראַקטישקייט דער אומפּראַקטישער מענטש. ער איז תמיד צעקריגט מיט דער רעאַליטעט, דער קינסטלער האָט ניט קיין שום אינער אָרגאַנישע שייכות צו דאָס אַלטעגלעכע אין לעבן, פאַר אים איז דאָס אַן אויסגעטראַכטע, פרעמדע סטאַנציע, אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטן וועג. ער האַלט דערפאַר אַז בלויז דאָס אינערלעכע, וועזנטלעכע, דאָס מענטשלעך שעפערישע אין אים איז דער צוועקמעסיקער וועג, וואָס באַלויכט דעם גאַנצן שטח אַרום אים און אונטער אים, און מאַכט אים פאַרהיימישט מיט זיין וועזנטלעכער אינטואיציע, — מיט דער גאַרער וועלט.

***

מיר זאָגן נישט אַיין דעם קינסטלער וועלכע ווערק ער זאָל שאַפן, וועלכע מאָטיוון און טעמעס ער זאָל פאַרוועבן אין זיין שעפערישן שטאָף. ס׳איז תמיד זיין רעכט, זיין אויסוואַל צו פורעמען זיין קונסט לויט זיין אייגענעם אינערלעכן פרייען רוף.

מיר קענען אָבער יאָ זאָגן דעם קינסטלער וואָס אונדז געפעלט

יאָ אָדער נישט, אין זיין שאַפן. צי ער האָט יאָ אָדער נישט רעאַליזירט דעם קינסטלערישן ציל. דער קריטיקער, ווי דער קינסטלער זיינען בנוגע קונסט אין דער זעלבער פּריווילעגיע.

***

די פאַבל אין דער יידישער ליטעראַטור איז ווייט נישט אַזוי פאַרשפּריים, ווי זי איז, למשל, אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט גאָר באַדייטנדיקע קינסטלער, וואָס האָבן די פאַבל אי פאַר־טיפט, אי פּאָפּולאַריזירט, אין אונדזער ליטעראַטור פאַרנעמט די פאַבל אפילו יאָ אַן אָרט — אַ צאָל דיכטער, ווי יהואש, שטיינבערג, נחום י. און אַנדערע, האָבן געשריבן לידער אין פאַבל־פאָרם, אָבער דאָך אין אַ סך אַ קלענערער צאָל אין פאַרגלייך מיט לידער, אָדער אין אַנדער אָרט שאַפונג.

פאַרוואָס די פאַבל־ליד איז ביי אונדזערע דיכטער נישט אַ מער פאַרצווייגטע קונסט־פאָרם, איז עפּעס שווערלעך צו פאַרשטיין וואָרום דער יידישער קינסטלער איז אייגנטלעך אַלע מאָל דער מוח־מענטש, דער זוכער, דער פאַרשפּרייטער פון געדאַנקען־סימבאָלן פול מיט וואונק און רמז און די פאַבל אַנטהאַלט אייגנטלעך אַט דריי אַנוואונק־עלע־מענטן פון צוגעשפּיצטקייט און אויסגעפּלאַכטקייט, וואָס זוכט איינצו־פלעכטן אי דעם לעבנס־רעטעניש אי דעם מוסר־השכל.

דאָס פאַבל־ליד איז זיכער אַ וויכטיקער ליטעראַרישער שאַפונגס־עלעמענט, וואָס האָט אין זיך די אייגנשאַפט און מעגלעכקייט, דורך איר צופּאַס, די טיפסטע טיף און די ווייטסטע ווייט לעבנס־חכמה און לעבנס־פילאָזאָפיע, מיט דעם שאַרפן קנייטש פון בילד און מאָראַלע פאָלקסטימלעכע, סימבאָלישע געדאַנקלעכקייט. דאָס אויסברייטערן אַט דעם פאַבל געביט אין דער יידישער ליטעראַטור איז זיכער אַ געזונטע, קינסטלערישע נויטווענדיקייט.

***

די שיין־גייסט קריטיק האָט אריינגעבראַכט די עסטעטיק, די רעפּוטאַציע פון כלערליי נייע שטריכן, אויספּרואוואונגען און אַלגע־מיינע ליטעראַרישע דערמוטיקונג און אויפמערקזאַמקייט צו אַ סך יונגע קינסטלער אין זייערע ערשטע טריט.

אין אַ געוויסער מאָס איז די קריטיק ווי אַ פּיאָנער, וואָס האָט געגעבן אַ נייעם געביט, אַ נייעם פאָרעם דער אַלט-עקזיסטירנדיקער ליטעראַטור-קריטיק, וואָס האָט הויפּטזעכלעך געהאַט די טבע צו זיין שטרענג-האַרט און בייסנדיק, רק געזוכט חסרונות, איראָניזירט און איינציקווייז צענומען די אברים פון שאַפונג. דער קינסטלער האָט זיך געפילט אַ פאַרלאָרענער אונטער דעם האַמער פון קריטיקערס בייזן, גיפטיקן סאַרקאַזם, וואָס איז געווען אַ ירושה פון דער אַלטער משכילי-שערם פאַרניכטונגס-קריטיק.

די מאָדערנע קריטיק האָט אַריינגעטראָגן דעם מענטשלעכן צו-גאַנג, די מענטשלעכע באַציאונג, די פריינדלעכע צונג, דעם אייראָ-פּעאישע גייסט, מיט דעם נייעם בליק, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַן עסטעטישן אַקט, וואָס מוז שאַפן אַ גייסטיק-האַרמאָנישע קעגנ-זייטיקע ווירקונג צווישן קינסטלער און קריטיקער. דער מאָמענט פון אידייאישע פריינדשאַפט, וואָס זאָל אַנטקעגנשטראַלן און אָפּשטראַלן דעם קריטיקער און קריטיקירן. די אויפגאַבע פון דער מאָדערנער געזונטער קריטיק איז נישט נאָר צו זוכן פעלערן, נאָר דער עיקר אויס-צוגעפינען דאָס פּאָזיטיווע פון קינסטלערס ווערק. דערשפּירן און אַנטפּלעקן דעם קינסטלערס מענטשן און זייער שפּראַכלעכע פיינקייט און אָראַטאָרישע עלעגאַנץ און די אידייע אין וואָס זיי רעפּרעזענטירן. וואָס ווירקן אומאָפּהענגיק פון דער אָדער יענער געשעעניש אין פאָלקס-לעבן.

די מאָדערנע קריטיק האָט די טענדענץ און די קראַפט נישט נאָר אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם שרייבער אויף זיינע נעגאַטיווע פעלערן און טעותן, נאָר הויפּטזעכלעך אַרויסצושטעלן דעם הומאַניסטישן מאָמענט אַלס דעם העכסטן באַגריף אין דער קריטיק. דער קריטיקער טאָר דערפאַר נישט קומען אָנגעפּולווערט מיט שטראָף-ריטער און מוסר-רייד, נאָר ווי דעם קינסטלערס אַ נוצן-ברענגענדיקער עצה-געבער, ווי אַ פריינד צו אַ פריינד.

***

די עכטע פּאָעזיע אַנטהאַלט אין זיך דאָס אַלמענטשלעכע, דאָס פּאַרטיפּעטע, דעם אור-קוואַל פון לעבן. זי איז געבענטשט מיט אַלע

אײגנשאַפטן פֿון אַ אידײיִש־ציל באַוואוסטקײט, מיט דיכטערישע אַנטפּלעקונגס־קראַפֿט און נײַעם קינסטלערישן שײַן.

די עכטע פּאָעזיע איז געלײַטערט מיט צאַרטער שטימונג, מיט דער באַגײַסטערונג און רעגונג פֿון הײם־זידיק בלוט, אויסגעוועבט פֿון וואונדערלעכער ווערטער־קוואַליטעט, ווערטער ריטם פֿון אײביקע געזעצן פֿון נשמה־בינדונגען, פֿון וואונדערלעכן פֿאָרם און טענער, די מוזיק פֿון בילד און געהײליקטער תּוכיקײט.

עכטע פּאָעזיע איז קײנמאָל נישט קײן אויסגעבליכטע געבעט, אַ פּיקסירטע, אויסגעמײסטרעוועטער אינסטרומענט פֿון קלאַנגען, וואָס שאַקירן מיט זײַערע אַפּהילך; זי איז תּמיד דער צעקוואָלטער, מחיה־דיקער אויסדרוק פֿון דעם פּאָעטס גרויסן שעפֿערישן כּוח, וואָס פֿאַרטיפֿט נישט נאָר דאָס צײַטלעכע, דאָס נאַציאָנאַלע, נאָר אויך דאָס אַלמענטשלעכע אין אור־קוואַל פֿון לעבן.

עכטע פּאָעזיע איז הײליקער אויסגוס פֿון געדאַנק און געפֿיל, געשליפֿן אין שאַרף, וויזיאָנעריש און טיף, די קרוין פֿון שפּראַך, דער בלענד פֿון פּערפֿעקטן בריליאַנט. דאָס פֿאַרכישופֿטע געזאַנג פֿון מענטשלעכן זין און וואָרט־רײַכקײט, וואָרט־שײנקײט, וואָרט־קראַפֿט, וואָס ווירקט מיט איר דירעקטן אימפּולס און אײַנפֿלוס.

⁂

די וועלט אַנערקענט יענע קינסטלער וואָס האָבן געהאַט אידעאַלן, וואָס האָבן דער מענטשהײט געבראַכט אויסדערווײלטן מוט און ענערגיע. יענע קינסטלער וואָס האָבן די מעלות פֿון די עלעמענטן פֿון אַ גלויבן, אידעאַליזם און אָפּטימיזם, זײַנען די פֿאָרויסגײער, די פֿאָרויסזעער אין אַלע צײַטן און דורות.

אָט די קינסטלער זײַנען די מעכטיקסטע אויסדריקער פֿון מענטשלעכער בחירה פֿון מענטשלעכן ווילן, פֿון די שענסטע געטער־חלומות. נישט נאָר טראָגן זײ אין זיך ליבע צום מענטשן, נאָר אויך מיטלײַד און די ליכטיקע בשׂורה פֿון האָפֿענונג און פֿרײד.

שטימונגען

יעקב ראָדאַק

נ י ו - י אָ ר ק

אין דעם אָנגעגליטן, הייסן פרימאָרגן בין איך אַרויס איבער דיינע פֿאַרשטיקטע גאַסן, זיך צונויפֿגעגאַסן מיטן געדיכטן מענטשן־קנויל, וואָס טראָגט זיך אימפּעטיק צו די אונטער־ערדישע באַנען. איך האָרך זיך איין צום געמורמל פֿון די כוואַליענדיקע טריט און צער, וואָס רוישט אַרויס פֿון זייערע איינזאַמע באַהעלטענישן.

ניו יאָרק.

אין דיינע טונקל־גרויע גאַסן און גיגאַנטישע מאַרמאָרנע מויערן, וואָס שפּיצן זיך אַרויס מיט זייער חוצפּה, האָסטו תּפֿיסה־פֿאַבריקן אויסגעבויט, וואו קינדער מיט ביינערדיקע גופֿים פֿוילן אין שטענדיקן חושך, ווי שטשורעס אין אייזערנעם קלעם.

ניו יאָרק.

אין דיינע אָנגעגליטע שטויביקע גאַסן סווישטשען ניט קיין פֿייגל, גרינען ניט קיין צווייגן און ס'ווייעט ניט קיין ווינטל. אַרום קופּעס פֿאַרפֿוילטע מיסט פֿאַרשפּילן דיינע בלוטלאָזע, שלאַבערדיקע קינדער דעם פֿרילינג, וואַקסן הפֿקרדיק אינעם מיסטיקן לופֿט־געררוך.

ניו יאָרק, שטאָט פֿון אייזן און שטאָל. אַלע דיינע אוצרות, געטובלט אינעם אויסגעווייטיקטן מענטשן־צער, האָסטו אין דיינע שייערן אָנגעזאַמלט, און אין דיין שטיינערנעם בויך באַהאַלטן. מיט אַ לייכטער, ברייטער האַנט צעטיילסטו עס צו אַ פּאָר אויסדערוויילטע אכזרים, באַלעוועסט זיי ווי די פֿאַרפּעשטשעטע קינדער און פֿאַר־שפּרייטסט אויף זיי דיין פֿרומען, גאָטספֿאָרכטיקן גענאָד.

פֿאַרעקשנט טראָג איך זיך איבער דיינע גאַסן, דער גלאַנץ פֿון דיינע גאָלדענע טרעפּ, דער שימער פֿון דיינע טויזנטער עלעקטרישע פֿלאַמען, מיט וועלכע דו שמייכלסט מיר אין פּנים, דערוואַרעמט מיך ניט. דיינע שמייכלענדיקע פֿייערלעך, ווי דאָס פֿאַלשע שמייכעלע פֿון

אַ פרעכער זונה, דערוועקט אין מיר טיפער מיין ברענענדיקן האַס, מיין פלאַמיקן צאָרן.

ניו יאָרק.

אין דיינע שטיינערנע„ טונקעלע שאָטנדיקע טונעלן-גאַסן: אין דיין שטענדיקער זשומענדיקער און מגושמדיקער בראַזגעריי, ווער איך געפּייניקט און פאַרשעמט, ראַנגל זיך אין דיינע נעגל, ווי ס׳ראַנגלט זיך אַ קרבן מיט זיין תליון; ווי אַ קרעציקער מחוץ למחנה, וואַגל איך מיט מיין גיהנמדיקן ווייטיק, וואָס רעוועט און זיצט אין מיין בלוט. כ׳זע, ווי אין דיין קאַלטן שטאָלענעם האַרץ ווערן לעבנס פאַרלאָשן, איכה-טענער דערשטיקט און מענטשן צעטראָטן. אינעם געוויין פון דיינע מיליאָנען-קינדער, וואָס ווענדן זייער צאָרנדיקן בליק, ווי בעטלער הענט נאָך הילף, דערטרינקסטו אין דיין קאַלטן, גלאַנציקן גערויש.

ניו יאָרק.

אין דיינע פאַבריק-געצעלטן ברענט אַ חוצפהדיקער בליק און גזלניש פאַרשייט שמייכעלע, וואָס זויגט טראָפּנוויז דאָס מענטשןבלוט. ווי אַ ווילדער בופל-אָקס אין דער אַרענע, וואָס בייסט זיך איין מיט די שפּיציקע הערנער, אַזוי פּאַסעוועסטו מיט דיינע אייזן-געפלאָכטענע בייטשן די איינגעקאָרטשעטע, ביינערדיקע גופים.

בויגן זיך טיפער מענטשן-שאָטנס צו דער מאַשין און וויינען אריין זייער אָנגעזאַמלטן טרויער פונעם געבונדענעם גייסט. און די מאַשין, ווי אַ געטרייער חבר, פאַרנעמט דעם ריטם און קלאַנג און טראָגט זיי איבער רווישנדיק אינעם טיפן תהום.

ניו יאָרק.

פון דיינע גיגאַנטישע מויערן-גאַסן שאַר איך זיך אַ מידער צו מיין חדר, ווי אַ נאַכט-וואַנדלער מיט זיינע אויסטערלישע טריט. דער צאַרטער קינדערשער קלאַנג באַגעגנט מיך, נאָר איך ווענד-אָפּ מיין גאַליקן בליק פון זייערע ליכטיקע פּנימלעך, איך וויל ניט פאַראומרייניקן מיט דעם אָנגעפילטן גיפט דעם זאַרגלאָזן פינקל, די טיפע ריינקייט פון זייערע נשמהלעך.

ניו יאָרק.

אומרואיק בין איך אין דיינע גאַסן, אומרואיק איז מיין נשמה, ווי אַ פויגעלע אין אַ שטייג, וואָס בייגקט נאָך פרייהייט, נאָך גרינע

וועלדער; ווי אַ לעבנסלוסטיקער מענטש אין געפּענגעניש, ניט קען־נענדיק איינשלאָפן אויף זיין האַרטן געלעגער אין די עלנטע נעכט און קוקט צום מזרח טיף פאַרביינקט מיט ציטערדיקע האָפנונגען צו זען דעם ערשטן גליענדיקן, רויטן זונענשטראַל, וואָס וועט אין דער נאַכט־פינצטערניש אַריינדרינגען אין די אייזערנע געשמידטע שטאַנגען פון דער הויכער תפיסה און מיט לויטער גאָלד באַגיסן...

מיד בין איך פון אומרו, מיד און טרייסטלאָז, און דאָך אין דער טיפעניש באַשטראַלט מיט אַ זעלישער העלקייט פון אַ ליכטיקן מאָרגן...

דאָס געזאַנג פון יוגנט

אין טעג אַזעלכע העלע, ווען די זון באַווייזט זיך אין איר פול־פאַרביקע צעשטראַלקייט, צעשטראַלט זיך פריידיק אויך מיין האַרץ און עס נעמען אין מיר ליכטיקן גליק־פונקען פון יוגנטלעכע טרוימען האָפנונגען, און שפּינען אוים זייער בליאונג, ווי עס בליען זיך פאַנאַנדער די רויטע בלומען אין דינסטן ליכט פון אַן אויפגייענדיקער זון.

יוגנט, וואָס באַטייט דיין פריידיק כשופדיקער וואָרט? דיין כוואַלענדיקער אויפברויז? דיין פלאַגנדיקער אומרו? אַזוי ווי דער ווינט, וואָס צוטראָגט אַ נעסט אין קאַלטן הערבסט, אַזוי צוטראָגסטו דעם יאוש, וואָס גנבעט זיך אין מיין זעל אין שווערע איינזאַמע שעהן. צופלאַקערסטו אין מיר גאָלדיקע ליידנשאַפטלעכע געוועבן פון ווייכע, שטילע טרוימען, וואָס ציען זיך, ווי ענדלאָזע, טיף־בלויע הימלען, צינדן אין מיר אָן די שענסטע מאָמענטן פון יוגנט־פרילינג און גליק.

יוגנט פרישער שאַרפער ריח, ווי די צעוואַקסענע, פאַנאַנדער־געבליטע בעריאָזקעלע, טראָגסטו אין זיך פעלזיקע גבורה און אַן ענדלעכן כוח, צינדסטו אָן מיט לויטערע ליכט — פייערלעך די שוואַרצע נאַכט פינצטערניש, מיט דעם גלעטנדיקן, זאַרגלאָזן קינדערישן חן, פלאַקערסט און וויקלסט פאַנאַנדער גליק־מינוטן, זעלישע געזאַנגען, ווי ס׳וויקלען זיך פאַנאַדער אין ליכטיקע לבנה נעכט, פינקלדיקע שטע־רענדלעך אין ווייטן רוים.

אין טעג אַזעלכע העלע, שטראַלנדיקע, לויכטן אין מיר אויף

האָפנונגען, יוגנטס פליסנדיקע טרוימען, זוניקע, גינגאָלדיקע סעקונדן, ווי ווילדע אַנגעצוימטע וואַסער שטראָמען רייסן זיך אַרויס לידער פון מיין זעל, אַ ציטערדיק געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, דאָס אייביקע געזאַנג פון אַלע מענטשן-דורות, — דאָס געזאַנג פון יוגנט...

אמת און פריינדשאַפט

(באַטראַכטונגען)

פריינטשאַפט האָט תמיד אין מיר אַרויסגערופן האַלב קלאָרע און אומדייטלעכע געפילן. די ספקות, צו עס עקסיסטירט באמת אַזאַ זאַך ווי אמתע פריינטשאַפט. אַ פריינטשאַפט וואָס זאָל ניט זיין קיין תלויה בדבר, האָט שטאַרק געעגבערט מיין מוח, איך האָב תמיד חושד געווען אַז פריינטשאַפט איז גיכער פון אַלץ אַן אַבסטראַקטער אויסדרוק, וואָס האָט ניט קיין רעאַלע ממשות אינעםווירקלעכן לעבן.

פריינטשאַפט פאַרנעמט דאָס חשובסטע אָרט אין אונדזער געמיינשאַפטלעך לעבן. אַן פריינטשאַפט איז דאָס לעבן געוויסער מאָסן פוסט און כמעט אומאינטערעסאַנט. פריינטשאַפט איז אַ האַרץ-זאַך, אַ זאַך וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך די אינערלעכע און סאַמע איידעלסטע געפילן, אפילו דער שמח-בחלקו. אַט דער וואָס איז כלומרשט אַ צופרידענער פונעם לעבן מוז אויך אַמאָל אין רגעים פון נשמה-ווייען, אין מינוטן פון בין השמשות פילן אַ בענקשאַפט נאָך אַ פריינט, פאַר זועמען דאָס האַרץ-דריקעניש, דאָס וואָס אונפאַרשטענדלעכע וואָס פרעסט און פייניקט, אַראָפּצורייסן...

יעדער יחיד נויטיקט זיך אין אַ פריינט וואָס זאָל אים דערמוטיקן און טרייסטן אַריינברענגען אינהאַלט און ליכט אין זיין לעבן, אים געבן אַ יש מעיון, אַ תוכן, אַן „עפּעס", אַ דבר ממש; וואָס זאָל עקזאַלטירן און געבן דאָס לעבן אַ העכערע שטייגונג.

און צוליב אַט דער דאָזיקער בענקשאַפט, צוליב דער דאָזיקער דראַנג און באַגער מוז מען אָפט אויסאיבן גרויס גענויקייט אין פסיכאָלאָגישע קענטשאַפט צו פאַרשטיין די קלערליי מענטשלעכע כאַראַקטערן. מען מוז אָפט דערפאַר איינהאַמעווען די אמתע מיינונג און אָפּשאַצונג איבער די האַנדלונגען אין מעשים פון פריינט, אַנטאַן

אויף זיך אַ מאַסקע אונטער וועלכע מען זאָל באַהאַלטן דעם אייגענעם עגאָ, כדי אַ פּריינט חלילה ניט פּוגע-בכבוד-זיין מיט אַ צו דרייסטן וואָרט, אָדער אפשר גאָר אין גאַנצן די פריינטשאַפט פאַרלירן.

אויב דער פריינט איז למשל, אַ דיכטער, אַ קינסטלער, דאַרף מען אים ביי יעדע געלעגנהייט אַרויסווייזן באַגייסטערונג פאַר זיין טאַ-לאַנט, פאַר זיין גרויסקייט, האַלטן אים אין איין זינגען שבחים און לויב געזאַנגען, ווי שווער אַזאַ עובדה זאָל ניט זיין. אַנדערש קען מען ניט יוצא זיין. מען מוז דערשטיקן אין זיך די אמתע מיינונגען און ספקות בנוגע זיינע קינסטלערישע פאַרדינסטן, אויב מען זאָל באמת ניט אויס-געטייטשט ווערן אַלס אַ ניט פאַרגינער און אייפערזיכטיקער מענטש.

מען מוז פאַרטושן אין זיך דאָס שענסטע, דאָס הייליקסטע, ווערן אַ קלאָון, אַ פּאַיאַץ אַ הילצערנער סאָלדאַטל, טאַנצן צום טאַקט נאָך דעם צי פונעם שטריקל. קיינער וועט דערנסטמאָל ניט האָבן קיין טענות, און ניט טראָגן קיין שנאה אויף אייך. וואָרום די אמתן אויב זיי זיינען נאָר לויטערע פון דער טיפעניש אַרויס. — קענען זיי נאָך ווירקן כנגד, פאַרפרעמדן און דערווייטערן די פריינט. דינען דעם אמת מיינט דורכאויס פאַרבלייבן אַן איזאָלירטער, אַליין אָן פריינטשאַפט.

אָנצוהאַלטן פריינטשאַפט, מיינט כסדר אַ זעלבסט פאַרלייקענונג פון אייגענע מיינונגען, אָנשויאונגען און פּרינציפּן; אָפּזאָגן זיך פון אייגענע באַגריפן אין אידייען, און האַלטן זיך אין איין צופּאַסן צו פרעמדע, אָנגעקראָכמאַלעטע שוואַכקייטן; ניט אַרויסזאָגן פריי און אויפריכטיק די אמתן וואָס מען האַלט פאַר גערעכט און יושרדיק; תמיד פירן אַ פאַלש און גענאַרט לעבן.

מענטשן ליידן פון אַ טיף איינגעוואָרצלטע טבע צו באַהאַלטן דעם אמת וועגן זיך. ווי קולטורעל אַ מענטש זאָל ניט זיין, וויל ער אַליין ניט הערן עמיצער זאָל אים מוסרן, אָנווייזן אים זיינע חסרונות און שוואַכקייטן. דערפאַר זיינען עס די אָנגענומענע אמתן אין לעבן מטושטש, באַגרענעצט, איינגעוויקלט אין כלומרשטער מאָראַל און עטיק פון אַ צעשוואומענע, סקאַרבאָווע, צירלעך-מאַנערלעכקייט, און מיט אַט די דאָזיקע פאַרפיקסירטע, געקינצלטע מאָסן און וואָגן, באַ-לאַנסירט מען מיט רעגנבויגנדיקע, גלעזערנע פּאַטשערקעס, מיט זייפן-בלאָזנדיקע אמתן.

ווייל מען אָנהאַלטן פריינטשאַפט, מוז מען באַלד געבן שוחד.

מוז מען באַלד מקריב זיין דאָס אידעאַלסטע, דאָס הייליקסטע — דעם אמת, וואָס איז דער אייביקער שונא פון חניפה און וואָלוועלע לאַפּקעס, וואָס האָט פיינט צו גלעטן איבער די פּלייצע, וואָס שנײַדט ווי אַ שאַרפע קאָסע רעכטס און לינקס, אָט דעם אמת, וואָס איז דער היפוך פון דעם אויף וואָס פריינטשאַפט באַפעסטיקט זיין קיום...

אַזוי זעט זיך בולט דער אייביקער פאַרעקשנטער געראַנגל; דער געוויסן, וואָס מאָנט פרייהייט פון געדאַנק און מוז זיך דאָך פאַרקויפן פאַר אַ טובהלע, אונטערדריקן דעם אמת כדי ניט צו בלייבן איזאָלירט אין די אייגענע דלד־אמות.

און דאָך זעט מען ווי מענטשן פירן אַן כלומרשט כלעראליי מלחמות פאַרן אמת. יעדער איינער באַמיט זיך וועגן דעם צו שרייען מיט וואָס העכערע טענער, דעם אמת מאַכט מען פאַרן ציל־ברעט אַרומצורינגלען זיך מיט וואָס מער פאַרערער און פריינט, אָבער אין זיך ווייסט מען, אַז דאָס שפּילט מען אַ קאָמעדיע, וואָס אַ גרעסערער פּסיכאָלאָג איינער איז אַלץ בעסער שפּילט ער זיין ראָלע, אַלץ גרעסער איז זיין קרייז פון פריינט, וועלכע רינגלען אים אַרום, אַלץ מערער און בעסער פאַרשטייט ער ווי צו באַלאַנסירן און אָנצואווענדן זיין כלומרשטדיקן אמת, ווי קונציקער זיך צו גרימירן און פאַרשטעלן, זיין דערפאָלג איז טאַקע דענסטמאָל זייער גרויס און לײַדט מער ניט קיין דוחק אין פריינטשאַפט...

אמת און פריינטשאַפט זיינען צוויי אַנטקעגנגעזעצטע עקסטרעמען, וואָס הארמאָנירן זעלטן צוזאַמען. פריינטשאַפט פאָדערט אַ כסדרדיקע פאַראַדירונג פון האַלבע, פאַרעווע אמתן; אפילו דער איידעלער מענטש ביי וועמען דער אמת איז אַן אידעאַל, מוז אָפט צוליב פריינטשאַפט זיך אָפּזאָגן פון די מיינונגען און לעבנס אָנשויאונגען, וואָס זיינען אים הייליג; מיט די גרעסטע ליידן פאַר אים, מוז ער פאַררוקן דעם אמת אין דער טיפעניש פון דער נשמה, כדי ניט צו ווערן אָפּגעפרעמדט, ניט צו זיין אַ יוצא מן הכלל — אָן פריינטשאַפט.

ליבע

אומדערוואַרט ביסטו צו מיר געקומען, געליבטע מיינע. צווישן טויזנטער אומבאַקאַנטע און פרעמדע פּנימער האָב איך דיין בלאַנקענדיקן שמייכל דערזען און דיין דורכדרינגענדיקן בליק דערפילט.

מיט דיין אָנקום איז מיין לעבן רייכער, פאַרביקער און שענער געוואָרן. שענער געוואָרן מיט דעם ליכטיקן צעצונדענעם שימער פון ברייטע און טיפע אויפגייענדיקע האָריזאָנטן.

שוין אין ערשטן אויגנבליק האָב איך דורכגעלעבט און דורכגעפילט אַלע מחיהדיקע פריידן און אָנזאָגנדיקע יום־טובדיקע טעג, טעג וואָס זיינען פאַר מיר געוואָרן יונג־צעשפּראָצטע חלומות, דופטיק־אויפשטראַלנדיקע פאַרלאַנגען, ניי און דערקוויקנדיק ווי די קילע ים־ווינטלעך נאָך הייסע פאַרשטיקטע טעג.

אַ לעבן לאַנג האָב איך זיך געבראָטן אין ווייסטן פּיין, אין דערשלאָגענער האָפנונגסלאָזיקייט און אין מרודנער וואַכעדיקייט: גסיסה ווייען האָבן געדריקט מיין געמיט און יסורימדיקער ווייטאָק האָט געפייניקט מיין זעל; איך בין געווען געקלעמט און געפּענטעט. מיט דערווידערדיקן ווילן אין קייטן געשמידט ביז דו, געליבטע מיינע, האָסט מיך מיט נייעם לעבן באַהויכט. מיך דערהויבן און דערמוטיקט, און אַ נייע לעבנסלוסטיקע מעלאָדיע פאַר מיר אויסגעזונגען.

ווי אַ משיחישע בשורה איז דיין אָנקום געווען, ווי אַ זעלטן שיין מעשהלע פון פאַרכישופטע וועלטן וואָס באַצויבערן דעם יונגן פאַרברענטן טרוימער. אין שעהן פון דריקנדיקער דאגה און פיינלעכע ספקות ביסטו מיין אָפּרו, מיין מקום מקלט.

העל און ליכטיק ווי די אויפגייענדיקע זון איבער די הויכע בלוי־קייטן, גייט אויף דיין לויטער וואָרט און פאַרפלאַנצט זיך אין מיין וועזן, ווי ס׳שפּראָצט זיך פאַנאַנדער אַ רייף שפּעדיק צעגרינט זאַנגענפעלד.

נעבן דיר איז מיין ענג וועלטל ברייט און גרוים געוואָרן; נעבן דיר קלאַפּט און באַוועגט זיך מיין האַרץ אין ריטם פון שיר השירים געזאַנג; ווי אַ פויגל אין זיין נעסט, אַזוי וואַרעם איך זיך אין דעם פלאַם פון דיין הייליקער ליבע.

דו ביסט מיין זין, מיין גייסטיקער אויפבראויז, מיין ניי־געשאַפן

וואָרט, מיין טיפער אינהאַלט אין מיין ניי־בויענדיק לעבן; דו ביסט דער ווירקנדיקער כוח וואָס באַלעבט מיך, די האָפענונג וואָס באַפרוכ־פערט מיין שעפערישן כוח; דער חלום וואָס שפינט און וועבט מיינע טעג און יאָרן.

דיין מילדער, צניעותדיקער בליק, דיין צאַרטער, געליטערטער שמייכל, האָט צעפראַלט מיין האַרץ, צעשטראָמט מיין בלוט ווי צע־שטראָמטע ווינטן איבער ברויזנדיקע ימים, ווי אַ קינד אין דער מאַמעס שויס, אַזוי בין איך אין דיין אָרעם. זאָרגלאָז און פריידיק שליס איך מיינע אויגן און זאַפּ איין דעם ווייכן באַריר פון דיינע דינע צאַרטע פינגער, וואָס וויגן זיך איבער מיין קאָפּ ווי די גרינע מאַי־גרעזעלעך איבער צעבליטע בערג.

נחתדיק קינד מיינס, זיסער ניגון מיינער, וואו נעם איך דעם כוח, די געטלעכע מתנה און וואונדערבאַרע באַגאַבונג, די קינסטלערישע דערהויבונג און כשופדיק וואָרט אויסצוזינגען אין מעלאָדישער שיינ־קייט. אָט די זעלטענע פרייד און טיפן גליק וואָס דו האָסט מיט דיין אָנקום אין מיין זעל פאַרפלאַנצט?

בלומען

אַך, גוט איז אַזוי צו זיצן אין דער שטילער איינזאַמקייט. אין דעם קליינעם צימער, ווער איך פריי, פון דעם אייביקן, עסנדן טומל, פון די באַנאַלע טענער און קלאַנגען. איך פיל זיך באַהערשט פון דער גרייכנ־דיקער טרוימערישער ווייטקייט...

איך קוק אויף דעם קליינעם, פאָטאָגראַפישן בילדל פון אייך, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, איך זע אייך אַלעמען צוזאַמען מיט אַזעלכע ליכטיקע שמייכלען אויף אייערע יונגע צעבליטע פנימער.

איך קוק זיך איין מיט דורכדריגנדע בליקן אין דעם קליינעם בילדל, פיל די פרייע זאָרגלאָזעקייט פון די קינדערשע פנימלעך, און דיין מיל־דער, זילבער שמייכל דרינגט דורך מיין האַרץ.

אין דער איינטאָניקייט פון מיין צימער טראָגט זיך דורך אַ העלער זון־שטראַל; און אַ זיסער טרוים נעמט מיך דורך, און טראָגט מיך אַוועק אין ווייטע הויכן...

אָ, שיינער, הערלעכער טרוים מיינער! טראָג מיך אין דיינע מעכטיקע אָרעמס, אַנטפּלעק מיר דיין וואונדערלעכע פּרעכטיקייט,

באַזעל מיט דיין אומענדלעכער רואיקייט מיין לעכצנדיקע נשמה. כ'וויל שוועבן מיט דיר אין דיינע בלויע, צויבער־הימלען, באַפרייט זיין אַ ווײַלע פון די אַלטעגלעכע זאָרג, פון דעם וויסטן, וואַכעדיקן לעבן, פון שטענדיקן רוישלאָזן עלענד, פון דעם גרויען שטויביקן, שטאָטישן לעבן.

אָ, זיסער, הימלישער טרוים מײַנער! טראָג מיך אין דיינע לייכטע אומזעבאַרע אָרעמס, טראָג מיך! טראָג מיך! אַלץ ווייטער, העכער אין דיין טיף שווייגנדיקע בלויקייט. גוט איז אַזוי צו שוועבן אין דיין הימלישער ווייטקייט, פילן די אָפענע פרייקייט, דיין רואיקייט, דיין באַלזאַם, פריי טראָגן זיך איצט מיינע געדאַנקען און שטימונגען, אומבאַוואוסט נעמען פאַר מיר שוועבן נייע, לויכטנדיקע בילדער, וועלכע באַזעלן און טרייסטן, דערפרייען און צערטלען מיין יונג לעבן.

און אין דער הויכקייט פון בלויען רוים פליען אום פויגל מיט מעכטיקע צעעפנטע פליגלען, זיי שוועבן לאַכנדיקע אין דער אומענדלעכער טיפער ווייטקייט און פילן אָן די לופט מיט געטלעכע טענער, מיט ווייכן, צאַרטן מעלאָדישן געזאַנג; מיט זאַנפטן שטילן טרילן; מיט די האַרמאָנישע קלאַנגען פון זייערע לוסטיקע, פרייע, פרימאָרגן לידער.

מיר דוכט איך געפין זיך נאָענט איצט נעבן אייך, וואו איר אָטעמט פון דער ריינער דופטנדיקער לופט, וועלכע שפרייט זיך ווייט אַרום די הויכע, ריזיקע בערג און פול מיט סודותדיקע וועלדער. איך הער דאָס שטיל מורמלענדיקע געבעט פון דעם לייכטן, רואיקן ווינטעלע, וואָס טראָגט זיך דורך איבער די פול גרין־באַצווייגטע בוימער און צעווייגט די דרימלענדיקע, ראָזיק דופטנדיקע בלעטער.

און מיר ווערט אַזוי גוט. פריי פאַלט מיין בליק אויף אַלעם אַרום. און דורך די מעלאָדישע טענער דערטראָגן זיך נאָענט צו מיר די צאַרטע קולכלעך פון מיינע קינדערלעך און דרינגען דורך מיין האַרץ. ווי זאָרגלאָז, ווי קרעפטיק, מיט וויפיל רייצנדיקן חן זיי באַוועגן מיט זייערע קינדערשע פיסלעך, וואָס פאַר אַ ליכטיק ריין פייערל עס פלאַקערט אַזוי זוניק העל, אַזוי פריי און מוטיק פון זייערע אומשולדיקע בלויע אויגעלעך!

ווערט איר, קינדערלעך, זיך אימער טראָגן אַזעלכע פרייע, מו־

טיקע, איבער ברייטע אָפענע וועגן? וועט דער לעבנס דראַנג, מיט זיינע ליגנס און פאַלשקייט, מיט זיין שפּאָט און פוסטן גלאַנץ אייערע נשמהלעך נישט פאַרטעמפּן? וועט איר אימער אַזעלכע זאָרגלאָזע, פרייע אַרומפלאַטערן? וועט איר וויסן אייערע נשמהלעך ריין צו האַלטן?

אַך, איר קליינע שטיפערלעך, וואו פויזעט איר אַרום אין טיפן, גרינעם גראָז? וואו לויפט איר אַזוי פריי און זאָרגלאָז, וואָס זוכט איר דאָרט? — בלומען קלייבן, בלומען רייסן, בלומען האָט איר ליב! איר ווילט מיט אייערע דינינקע, צאַרטע הענטעלעך קראַנצן פון זיי אויס־פלעכטן, און מיט קראַנצן בלומען זיך באַקליידן? איר האָט ליב בלומען! וועט איר אימער בלומען ליבן? וועט איר שפּעטער אויך פאַרשטיין צו ליבן זיי, כדי צו פאַרמיידן די מעגלעכע דערנער אין אייער וויטן וועג?

אַ, זייט געגריסט איר יונגענקע בלומעלעך, איר ריינער דופטנ־דיקער, פרימאָרגן טוי, איר טייערע קינדערלעך מיינע! קומט, דער־נענטערט זיך צו מיר, איר קליינע, ווייסע מלאכימלעך, איר צאַרטע, ריינע נשמהלעך, קומט, איך וועל אייך צודריקן צו מיין האַרצן, וואָס קלאַפּט איצט מיט קוואַלענדער פלאַמנדיקער איבערפילטער ליבע און צערטלעכקייט צו אייך. פילט איר נישט מיין הייסן בליק? דערקענט איר נישט אייער פאָטערס קול?

אַ יונג, צאַרט ווינטעלע טראָגט זיך אין דער לופט, און צעשווי־בערט און ווייעט פאַנאַנדער זייערע ווייכע, העל געלאָקטע הערעלעך. אַזוי שוועבן זיי לייכט, רווישלאָז, ווי קליינע, פלאַטערנדיקע שמעטער־לינגען פאַרביי מיר.

קינדערלעך! וואו יאָגט איר זיך אַזוי שנעל מיט די קראַנצן בלומען? איר פלאַטערט ווייטער אַלץ באַרג אַרונטער, דאָס איילט איר זיך צו אייער מוטער, דאָס טראָגט איר איצט די בלומען פאַר איר, מיט קראַנצן בלומען צאָלן איר פאַר אַלע אירע ליידן און זאָרגלאָזע נעכט, פאַר אירע וויטאָקן און פיין; דערפרייען איר פאַר איר צערטלעכע מוטערליבע צו אייך, מיט בלומען ווילט איר איר באַצירן! וועט איר אימער אייער מוטער צאָלן מיט בלומען? וועט איר וויסן אייער חוב אין אייערע הערצער צו טראָגן?

מיט טיפער, ריינער צערטלעכקייט, מיט רירנדע מוטער-ליבע באַגעגנט זי זיי, מיט ברייט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, פול מיט צאַרט-קייט לויפט זי זיי אַנטקעגן, זי קושט און צערטלט זיי מיט פלאַמענדיקע לאַסקעס פון איר גרויסער אומענדלעכער ליבע — זיי קלאַמערן זיך אַרום איר האַלז, מיט זייערע קלייניקע הענטעלעך, און צערטלען איר פול-באַשטראַלטן פּנים...

איך זע זיי צוזאַמען, איינגעפלאָכטן אין בלומען, באַהעפט אין צאַרטער אומאַרמונג, באַזעלט מיט הימלישער ריינקייט, פאַלן איצט אויף זיי די לעצטע רויטע פעדעם פון דער פאַרגייענדיקער זון און באַשטראַלן מיט די אַנגעצונדענע גאָלד קאָלירן זייערע לעבנספולע פּנימער.

ווערט איר, קינדערלעך, שפּעטער אַרום אייער מוטער זיך האַלטן? ווערט איר אימער אונדזער קליינע נעסט אָפּהיטן, ווערט איר אונדזער נעסט נישט לאָזן הפקר, ווען בייזע ווינטן וועלן אָנקומען?



יעקב און פרוי ראַדאַק מיט זייערע קינדער

ט ר ו י ע ר

איך האָב אַ בלום, אַ פּרעכטיקע בלום אין דעם גאָרטן פון מיין יונגן לעבן פאַרפלאַנצט, און די בלום האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, פאַנאַנדערגעבליט מיט איר פולער רייצנדיקער דופטיקייט און געשפּרייט אַרום מיר איר כשופדיקן, זאַפטיקן אַראָמאַט.

איך האָב אַ טרוים, אַ טייערן, זיסן טרוים אַלע מיינע יאָרן מיט צאַרטער בענקשאַפט אויסגעשפּינען, אויסגעוועבט, און אויסגעליכטיקט אַ טרוים, וואָס איך האָב מיט יונגן פלאַם אויסגעפאַנטאַזירט אין מיינע וואונדערבאַרע שיינע וועלטן.

איך האָב אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד, אין מיין נשמה אויסגעוויטיקט און געלייטערט, אַ פלאַמיקע פרייד, אַ צויבערלעכע פרייד, וואָס האָט מיך באַרוישט און הייליק צעצונדן; געשטאַרקט, געקרעפטיקט מיין גייסט און לעבנס-לוסט.

איך האָב אַ נעסט, אַ וואַרעמען געראָמען נעסט, זיך אויסגעבויט, אַ נעסט פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעהילכט דער קלינגנדיקער געלעכטער פון מיין ליבסטע, די פריידיקע, האַרמאָנישע אַקאָרדן און אָפּקלאַנגען פון קינדערישע, לוסטיקע קולכעלעך.

איך האָב אַ בנין, אַ גרויסן וואונדערבאַרן בנין, מיט מוט און ליבע, מיט שוויים און פרייד, אויסגעפאָרעמט; אויסגעבויט אַ בנין, וואָס איז געווען מיינע אַלע גרויסע צוזאַגנדיקע לעבנס-פריידן.

איך האָב מיין לעבן, מיין גאַנצן יונגן לעבן, אין מיין נשמה אַ זעלטענעם פאַרלאַנג געטראָגן. אַ חלום, אַ זעלטענעם חלום, וואָס האָט באַגליקט מיין לעבן, מיין גייסטיקן לעבן, און פאַרביקער, פולער, ברייטער געמאַכט פאַר מיר מיינע שיינע וואונדערבאַרע וועלטן.

איך האָב אַ פרילינג, אַ זוניקן, צעגרינטן פרילינג אין מיין האַרצן געטראָגן; אַ פרילינג אַן אייביקער, אַ ראַזיקער פרילינג, האָט זיך אין מיין האַרצן צעבליט, דאָרט אויפגעגאַנגען זיך רחבהדיק צו קוואַלן מיט געלייטערטן, אויסגעליכטיקטן נאַגנדיקן ציטער.

איך האָב אַ האַרציקע, אַ ליכטיקע געליבטע געהאַט, אַ ליבסטע, וואָס האָט מיך געכשופט מיט אירע עכטע, איידעלע, אויסגעטאַקטע חנען; אַ ליבסטע, וועמענס מערקווירדיקער שמייכל האָט פאַר מיינע אויגן זונען אויסגעשפּרייט; אַ ליבסטע, וואָס איז געווען די זעלטענע

צויבערן, פון אויסגעליכטיקטע פרייד, מיין פריידיקסטער טרוים איבער אַלע טרוימען.

און איצט? אַ ליכטיקע שיינע וועלטן מיינע, ווי וויסט און פינצ־טער איר קוקט אויס אין מיינע אויגן! מיינע זונען, מיינע צעשטראַלטע זונען, ווי יאָר־צייט ליכט שיינט איר איצט פאַר מיר מיט אַ טרויעריקן טונקעלן פלאַם. אַ שאַטנדיק פלעמל איז מיין זון, וואָס צעטריפט אין צער מיינע פאַרשרפהטע גליק־סעקונדן, מיין אויסגעצערטעלטן טרוים.

אַ, פלאַמיקער טרוים מיינער! מיין צאַרטער חלום, ווי זאַמדיקער שטויב איבער הפקרדיקע וועגן, וואַגלט ער אַ צעטראַטענער פון מיין באַרעמלאָזן גורל. צעבראָכן איז מיין וואַרעמע נעסט, ווי נאָך אַ גרויסע, פאַרצערנדיקע שריפה שטייט זי ווי אַ שרעקנדיקער מאַנסטער, שוואַרץ, וויסט און חרובדיק.

אַ, האַרציקע מיינע, מיין צעבראָכענער טרוים, ווי פרי און יונג דו ביזט צוגענומען געוואָרן פון מיר! דיין פאַרגיין האָט מיין פרייד, מיין גליק, אויסגעלאָשן. איינזאַם און עלנד בין איך איצט אָן דיר, דיין מו־טערלעכער בליק, דיין מוטערלעך, ווייך וואָרט פעלט מיין יונג בלוט און פלייש, מיינע פאַריתומטע קינדערלעך.

אַ ליכטיקע, דיין איידעלעם וועזן, דיינע שטילע רייד, דיין ווייכע שטים, דיין האַרציקער געלעכטער, דיין ליכטיקער, שמייכלדיקער פנים, טראָג איך אין מיינע טראַכטעניש. כ'קען נישט שלום מאַכן מיט מיין טראַגישן גורל, אַז דו ביזט פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר מיר אויף אייביק. מיט דיין אומקום איז לאיבוד געגאַנגען פאַר מיר, מיינע לויטערסטע פאַרלאַנגען, מיינע שענסטע האָפנונגען...

אַ טוגענט, דיין שמייכל, דיין לויטערער שמייכל, פעלט מיר איצט, ווי אַ געוודפטן אַ רואיקן ווינקל, ווי אַ פאַרצווייפלטן מענטשן אַ ליכט־שטראַל. ווי אַ געיאָגטער בעטלער יאָג איך זיך איבער די מדבריתדיקע גאַסן און ראַנגל זיך אין מיין צער און בענקשאַפט נאָך דיר.

אַ ליבסטע, מיין צעטראָטענער זומער־פרייד דיין צוגענומענער שמייכל האָט פוסט און אויסגעליידיקט מיין לעבן, ווי ס'איז אויסגעליי־דיקט אַ פוסטער וויין־בעכער, דיין מילדער, ענטציקנדיקער שמייכל, ווי אַ געניאַלע סימפאָני פון כישופדיקע, געטלעכע טענער האָט אַלע מאָל מיין נשמה צעפלאַטערט מיט דער צעקלינגטער שיינקייט און פרעכ־

טיקייט פון דער וועלט. דיין שמייכל, דיין אייביק שוועבנדער, צאַר־טער שמייכל האָט געשטאַרקט מיין האַרץ־קלאַפּ, דערקוויקט מיין יעדן אָטעם־צוג, פלאַמיקער צעפלאַמט אין העלער, בלויער און טיפער גע־מאַכט דעם קאַלירן־רייכן פאַרביקן שימער פון מיינע הימלען, פון מיינע אויגן־ליכט, די שיינקייט פון מיינע צעקלינגטע טיפקייטן פון מיינע אויסגעשפּינענע צויבער־לענדער.

אַ טייערסטע, דיין טרייסטנדיק וואָרט, וואָס האָט מיך אַפּטמאָל געשטאַרקט אין מיין אייביקן טאָג־טעגלעכן גערוּנגל, פעלט מיר איצט, ווי אַ פאַרחלשטן מענטשן אַביסל קוואַל־וואַסער אין אַ ברענענדיקער מדבר.

אַ, טייערסטע, אָן דיר ציט זיך מיין לעבן איצט גרוי, טונקל און טרויעריק. אָן דיר איז מיין לעבן אַ קוואַל פון אַגאָניע און פּייניקלעכן צער. אָן דיר איז מיין לעבן ווי אַ פאַרווּיסטער, אַרויסגעריסענער שטאַם, ווי אָן אָפּגעפּליקט בלאַט; אָן דיר ציט זיך מיין לעבן, ווי די שווערע, טראַ־גישע מינוטן אין טויטן־הויז.

צעטרייסלט איז מיין געמיט, צעטרייסלט איז מיין פאַרקלעמט, צעריסן האַרץ, ווי אַ פאַרוואַנדעטע חיה אין איר געפאַנגענער נעץ, ברוּזט אין מיר מיין אומרו, מיין טרויער. מיין טרויער, וואָס איז טיפער ווי אַלע טיפסטע אָפּגרונטן, מיין טרויער, וואָס שרייט העכער אין מיר, ווי דער געשריי פון אַלע געיאָגטע נאַכטיקע ווינטן.

אין מיינע חדרימלעך, וואו איך פלעג רו און מנוחה געפינען, די חדרימלעך, וואָס דו האָסט אָנגעפילט מיט דער פרייד פון דיינע מע־לאָדישע ניגונים און טענער, קאָן איך איצט נישט איינזיצן. ס'יאָגט מיך, ס'טרייבט מיך פון זיי, אַ מקום־פורעניות זיינען זיי פאַר מיר. פון די ווענט, פון יעדן ווינקל שאָטנט זיך און וויינט אַרויס אַ פחד, אַ פחדיק קלאָג־ליד, דער אויסטערלישער יאָמער פון דיין יונג אָפּגעהאַקט לעבן.

איבער גאַסן שאַר איך זיך ווי אַ פאַרשאָלטענער מיט מיין באַנג און נאָגנדיקן אומעט. איך קום צו דיין פריש אָנגעוואָרפן בערגל ערד, איך לייען דעם קליינעם אויפשריפט איבערן בערגל — ס'איז דיין נאָמען, דיין ליבער, זיסער נאָמען — בלעטער, פריע אָסיען־בלעטער, פאַלן, שפּרייטן זיך, איבער דיין קבר. אַ קורצע פרייד, אַ קורץ לעבן,

ווי דיין קורץ פאַרוועלקט לעבן. דער טרויער פון דער בית עולם שטיל־קייט דרינגט מיך טיף דורך, ווי אויסטערלישע טענער פון אַ ווייטע אומבאַקאַנטע ווייסטעניש. אַ אומרואיק, צעלעכערט האַרץ מיינס, צאַפּל זיך אין דעם פאָרעניותדיקן גיהנום פון באַנג, טרויער און פּיין!

טיפער זינקט מיין מידער קאָפּ צו דעם קליינעם בערגל ערד...

טרערן ווערגן מיך, טרערן שטיקן מיך. טרערן גליענדיקע, געלייטער־טע פאַלן אויף דיין קבר, אויף מיינע אויסגעלאָשענע, חרוב געוואָרענע וועלטן.

טעג, פאָרעניותדיקע טעג, פייניקן, גריזשען מיין יונגן לעבן. טעג פון צער, ווי כמאַרעס איבער שוואַרצע הימלען שפּרייטן אַ טרויער, אַ נאָגנדיקן טרויער, אין מיין קראַנק צעבראָכן האַרץ.

טעג, אויסגעליכטיקטע גינגאָלדיקע, זוניקע טעג, אייער צושטראַל־טע, אויסגעוועבטע פרייד קאָן מיין גרויסע אבידה און אבלותדיקע האַרץ איצט נישט מונטערן און דערפרייען.

טעג, זומערדיקע טעג, אויסגעשפּינענדיקע, זומערדיקע טעג. איר זייט איצט פאַר מיר, וויסטע ווינט־שטויבן, אויסגעלאָשענע וואול־קאַנען, ווי ס'רויכערט זיך אַרוים פון זיי אַ שוואַרצער שרעק, מיין פּחדיקער גזר, מיין צעטראָטענער אויסגעטרוימטער חלום.

טעג, פרוישע טויאיקע טעג, פאַרביקע בלומען־טעג, מיינע פריי־דיקע יום־טובדיקע ניגונים, זיינען איבערגעריסן געוואָרן נישט אויס־געזונגענע. אימהדיק און גרוילעך זיינען זיי פאַרלוירן געגאַנגען אין חלל נישט פאַרענדיקט און אָפּגעהאַקט ווי מיין פרייד, מיין האָפענונג.

טעג, מיינע יונגע טעג, מיינע זוניקע האָריזאָנטן, אוי, לעשט זיך איצט פאַר מיינע פאַרטונקלטע אויגן, וואָס גראָבן זיך טיף צו דעם עלענדן בערגל ערד און זאַמד, וואו ס'ליגט באַגראָבן מיין אויסגע־צערטלסטער חלום, דער שענסטער טרוים פון אַלע מיינע טרוימען, מיין ליכטיקע, אומגליקלעכע חברטע. אוי, לעשט זיך זונען אין מיינע טרויער־טעג, ווי מיין זעלטענער צוגענומענער טרייסט, מיין זעלטענער, וואונדערבאַרער געשאַנק.

טעג, אין אייער ליכט־געפינקל וואָגל איך אַרום עלנד, נע־ונד, איבער די פרעמדע גאַסן מיט מיין נאָגנדיקן וויי און בענקשאַפט. אייער טאָגיקייט שפּרייט־לוסט, ווילן און פרייד אויף יונגע פּנימער, נאָר מיין

פנים שאַטנט זיך אין טיפן פיין, מיר איז אומעטיק, און אומעט, וואָס פאַרצערט מיך, וואָס פאַרצערט מיין אויסגעליידיקט האַרץ, אַ, שטיל בלייב מיין אומרואיק האַרץ, אַ, פייניק נישט מיט דיין אייביקן פאַר־צערנדיקן אומרו מיין וויסט, צעשטערט אָרעם לעבן.

טרויער־טעג, חברים מיינע, אייער אומעטיקן בית עולם געררויש נעם איך אין זיך אַריין, איך גיי נאָך אייער עכאָדיקן קול, וואוהין ציען זיך אייערע אויסטערלישע וועגן? אפשר אָרום מיין נאָענטן, טייערן קבר?

מיין פאָטער

שוין אַ סך יאָרן אַז איך האָב ניט געזען מיין פאָטער. דורך די אַלע יאָרן האָט זיך אייביק געוועבט אינעם זכרון די איידלסטע פעדים פון זיין באַצויבערדיק וואונדער געשטאַלט. אַ בענקעניש, אַ טיף נאָגנדיקער פאַרלאַנג און אַ ציטערנדיקער געפיל האָט מיך תמיד געצויגן אים צו זען. מיין נשמה איז תמיד פול מיט די שענסטע זכרונות און חלומות וועגן מיין פאָטער. איך דורשט אים צו זען, און דאָך טיף אין מיר ליגט באַהאַלטן אַ שרעק וועגן דער מעגלעכער ווירקונג פון אַזאַ באַגעגעניש, ווייל די יאָרן האָבן מיין פאָטער געענדערט אַזוי אַז עס שטימט מער ניט מיט מיין פאַרשטעלונגס קראַפט, מיט מיינע זכרונות און דעם שיינעם חלום, וואָס האָט מיך מיט אַ לויטערקייט פון אַן אויסגעצערטלטן און ציטערדיקן געוועב באַהעפט מיט אים.

אין מיין זכרון זע איך אים אין זיין אוממיטלבאַרקייט: אַ פאַר־ביקן, אַ באַפעלנדיקן — אַ פאָטער, פאַר וועמען כ׳האָב מורא געהאַט, צו וועמען איך האָב באַדאַרפט אַרויפקוקן. איצט וועל איך אים טרעפן אַן אַלטן, אַ נאָכגעבנדיקן, אַן יענעם שטרענגן באַפעלנדיקן טאָן; ער וועט ריידן צו מיר ווייך און אפשר נאָך ווי צו עפּעס אַ העכערן פון זיך. פון אַזאַ טראַכטעניש ווערט מיר מאָדנע שווער. איך פיל ווי עפּעס אַ גאָר דערהויבענער באַגריף ווערט צוגענומען און צעבראָכן, ווי די לויטערע אָנרעגנדיקע זכרונות וואָלטן מיט אַ מאָל פאַרלאָרן געגאַנגען. אינעם חלום קען איך אויפנעמען בלויז מיין אַמאָליקן טאַטן — דעם נאָך וועמען איך בענק אָבער האָב מורא צו זען.

מיט דיר

(סימעלן גטווידמעט)

קינד, לייב פון מיין לייב, טוליע זיך צו מיין מידן קאָפּ. דיינע אָנפאַרשטענדלעכע פּלאַפּלערייען, רעדן ווייך, צאַרט צו מיין האַרץ. ווי אַ געטלעכע שירה, נעם איך אַריין אין זיך אַלע אַקאָרדן, דיין קינדערישן געזאַנג, וואָס באַרואיקט און היילט ווי אַ שטילע תפלה מיינע אייביקע פּיינלעכע נאָגענישן.

אַ קינד, ראָזיקער, שפּראָצנדיקער דופט, זיסע, שפּילנדיקע פרייד! בלום פון מיינע בלומען, איינציק טעכטערל מיינס! ווי אַ יונג מאַי ווינטעלע איבער גרינעם באַרג און טאָל פלאַטערסטו אַרום אין מיינע קליינע חדרים, פילסט זיי אָן מיט דיין קינדערישן, לאַכנדיקן קלאַנג, מיט דעם בלויען גלאַנץ פון דיינע ליכטיקע אויגעלעך.

אַ קינד, זוניק ליכט אין מיין לעבן! אין מיינע ספקותדיקע שעהן פון צער און טרויער, וואָס זאַמלט זיך אין דער נשמה, וועגן וועלט און מענטש אין זיין אייביקן צאַפּלענדיקן געמאַטער. דער טרויער, וואָס נעמט מיך אַרום ווי אַן אָבל אין זיינע טעג, צעטרייבסטו מיט דיין גלעטנדיקן, לאַשטשענדיקן קלאַנג, מיט דיין קינדערישן, זאַנפטן גע־לעכטערל. און דיין פינקלדיקער בליק וואַרעמט און ליכטיקט מיך.

קינד, היינט האָב איך אַוועקגעשליידערט די זאָרג פון מיין נשמה; און קוויק זיך מיטן פרישן ריח, וואָס דו צעוועבסט מיט דיין לאַכנדיקער פרייד, מיט דיין שפּילעוודיקן טאַנץ. דו שטייסט איצט לעבן מיר איינגעטונקען אין דיינע אימפּעטיקע פריידן, ווי בלומען אין רויטן ליכט. דיינע קליינע הענטלעך פינגערן זיך אין מיינע הענט, באַרירט צאַרט, טרייסטנדיק די פאַרוואָלקנטע קנייטשן אין מיין געזיכט; און מיין האַרץ צעפלאַמט זיך אין ליכטיקן פינקל, ווי דיין באַריר וואָלט טויזנטער כשופדיקע טענער פאַר מיר אויסגעשפּילט. שטיי איך אַ טיף געריר־טער פון דיינע קינדערישע לאַסקעס, וואָס וויקלען צויבער־לעך זיך פאַנאַנדער אין מיין זעל.

אַ קינד, דריק זיך אין מיינע אָרעמס מיט דיין בלאָנדלאָקיקן קאָפּ, קושן וויל איך איצט דיינע דינינקע, ווייסע הענטלעך און בענטשן דיך פאַר דער פרייד און הימן, וואָס דו האָסט אין מיין האַרץ ליכטיק צעקוועלט צום לעבן...

ג ל ו י ב ן

(געדאַנקען)

גלויבן, איז דער כוח וואָס באַוועגט אונדזער טרייב־קראַפט, אונדזער אייביקן גייסטיקן געראַנגל. ס'איז דער תוך, דער ניצוץ פון גליענדיקן אויפברויז, דער עסעניץ, וואָס צווינגט דעם מענטשן צו זיינע ווייטערדיקע עליות און ירידות, ס'איז דער תוכן, דער עפּעס, וואָס אימפּאָנירט אים, פילט אוים זיין פוסטקייט, און גיט אים אויפשוואונג און אַ זין אין זיין לעבנס־וועג. אָט דאָס פאַרהוילענע, דאָס אָן אַנט־פּלעקטע, דאָס אומדערגרייכטע פון דעם מאָרגן טרייבט דעם מענטשן צו ברענגען קרבנות, כסדר צו קעמפן און אַוועקצוגעבן דערפאַר זיין לעבן.

דער מענטש שלאָגט זיך טיילווייז ניט פאַרן היינט, נאָר פאַרן פאַרהוילענעם מאָרגן. זיינע אַלע אידייאישע שונאים זיינען פאַר אַ גלויבן, וואָס דאַרף ערשט שפּעטער קומען צו דעם אויסדרוק, אָט די רוחניותדיקע נעבלען, גיט אין דעם מענטשן אריין די נשמה יתירה, די נטיה צו וויטאָגן פאַר זיין גלויבן.

דער מענטש מיט זיין גאַנצער געלערנטקייט און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, וואָס האַלט אין איין טענהן און באַווייזן, אַז רעליגיע איז אָפּיום, סם־המות פאַר זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג, איז אָבער אינטיאוטיוו, אונטער זיין באַוואוסטזיין, אַליין רעליגיעז, ווייל וואָס איז גלויבן? ניט רעליגיע? ניט פאַנאַטיזם? בלינדער כוח, וואָס מאָנאָ־פּאָליזירט און באַהערשט אַלע חושים? דערפאַר פילט דער מענטש זיך הילפלאָז אין זיין גאַנצן פרייען דענקען, ער פילט זיך שוואַך און איינזאַם אויף דער ערד, אַ בלאָנדזשענדיקער אין דער גרויסער וועלט, און זוכט אין זיין הילפלאָזיקייט אין וואָס ס'איז אָנצוהאַלטן, אָנצו־לענען זיך, ווי אַ זקן אויף זיין שטעקן, אין אַ כוח, וואָס זאָל זיין נאָך זיין פאָרשטעלונג און באַגריף שטאַרק גענוג אים צו העלפן, פּונקט ווי דער פרומער גאָטס פאַרכטיקער, זוכט ער אויך טרייסט און באַפרידי־קונג צו זיינע אייביקע נשמה־נוגענישן אין אומפאַרענטפערטע קשיות...

דער מאָדערנער לעבן האָט געענדערט ביים מענטשן די פאָרמען פון גלויבן, אָבער דער גלויבן גליט אין דעם מענטשלעכן האַרץ; כאָטש דער באַגריף דרוקט זיך אויס אין אַנדערע אופנים. דער מענטש האָט אַרומגעפּוצט זיינע אַמאָליקע זיטן, אַנטוויקלט צו אַ הויכע מדרגה זיין גייסט, זיך אויסגעלערנט דענקען, אַריינדרינגען אין די געהיימע אור־אַלטע כוחות פון דער נאַטור און אַרויסרייסן פון דאָרט אַ סך סודות, אָבער אַריבערטרעטן די גרענעצן פון ניט צו האָבן אַ גלויבן קען דער מענטש ניט וויפיל ער זאָל זיך ניט קליגן, איראָניזירן און אויסלאַכן די בלינדע פרומקייט, דעם פאַנאַטיזם פון גלויבן, דאָך רוט עס אינטואיטיוו אין דעם בלוט און אין די נשמות פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אַ גלויבן, וואָס מיר קענען זען אין אַ גאַנץ קלאָר ליכט, וואָס מיר זיינען ביכולות צו באַגרייפן און דורכצופירן אין לעבן היינט, פאַרלירט די הייליקייט, דאָס זעלישע, די ליידנשאַפטלעכע, פאַרחלומטע בענקעניש און זוכעניש, ווערט אויסגעוועפּט ווי אַן אָפענע פלאַש ווין, דער פאַרווירקלעכטער, דערגרייכטער גלויבן, ווערט אָפּגעבליאַקעוועט, ווי אַן אָפּגעפליקטער בלאָט. ס'איז די שיינקייט פון דעם אייביקן שטרעבן און יאָגן זיך צו טראָגן אַ גלויבן. דאָס אייביקע זוכן און קעמפן פאַר אים גיט די גייסטיקע התלהבות, די פלאַטערנדיקע יום טובדיקייט, די דערהויבנדיקע עמאָציעס, האָפענונגען און טיפן בטחון, וואָס צערטלט ווייך ליכטיג די נשמה, וואָרעמט העל אונדזערע חזיונות און זעאונגען, וואָס ווייטער מיר זיינען צו אונדזערע אידייאישע צילן, אַלץ טיפער איז דער גלויבן.

מיטן גאַנג פון דער אַנטוויקלטער ציוויליזאַציע, זיינען גרויסע טיילן פון דער מענטשהייט געוואָרן לפנים אַטעאיסטיש, פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַ גאָט, וואָס פירט און רעגירט איבער אונדז, אָבער באַלד האָבן די דאָזיקע טיילן פון דער מענטשהייט זיך באַשאַפן נייע געטער, אידייאישע געטער, פּרינציפּן געטער, געענדערט דעם פאָרם, דעם אויסדרוק, די אויסטייטשונג, אָבער דער גלויבן איז דער זעלבער, דער פאַנאַטיזם, דער זעלבער חסידיזם, דער זעלבער פייערדיקער ברען זיך מוסר נפש צו זיין. ווי אַמאָל האָט מען מענטשן געראַדפט, פאַרפייניקט אויף די שייטער הויפנס, פאַר זייער גלויבן, און די זעלבע פאַרפאָלגונגען און רדיפות חזרן זיך איבער איצט.

דער מענטש היינט, ווי דער מענטש נעכטן קעמפט מיט דער זעל־בער גאַליקער פאַרביסקייט און בלוטיקע עקשנות, פאַר זיין גאָט, פאַר זיין גלויבן. דער זעלבער פאַנאַטיזם, דער זעלבער בלינדער ניט אַנט־פּלעקטער כוח האַלט דעם מענטשן געשמידט אין זיינע אַנזעבאַרע נעגל, באַצווינגט און באַווירקט אים, מיט יענעם אייביקן אומפאַר־שטענדלעכן און פאַרהוילענעם מיסטישן ענגאַ. מיט די זעלבע באַגריפן פון אַ גלויבן, ווי אין די אוראַלטסטע צייטן, בלויז דער פאָרם איז מאָ־דערניזירט, צוגעהיבעלט און געענדערט.

אַ רעליגיעזער גלויבן, אַן אידייאישער גלויבן, וואָס איז דאָ דער חילוק? ס'איז אַלץ דער זעלבער חסידיזם, — דער זעלבער גלויבן.

קינדער

כ'האָב ליב קינדער ווי איך האָב ליב די ווייסע פעלד בלומען אין מאַי. זייער אומשולד באַצויבערט מיך ווי דער ערשטער, פרישגעפאַ־לענער שניי.

כ'האָב זיי ליב ווען איך זע זיי טאַנצן אין די רוישנדיקע גאַסן אַרום אַ שפּילנדיקער קאַטערינקע. זייערע צוזאַמענגעפלאָכטענע הענטלעך און ריטמישע באַוועגונגען מיט זייערע עלאַסטישע גלידער, וועבן אוים אין מיין נשמה די שענסטע אידיליע. איין גרויסע פּאַראַיי־ניקטע פרייד נעמט זיי אַלעמען אַרום. אַ באַגליקטער שמייכל כוואַליעט פון זייערע צאַרטע פּנימלעך, און איך טראַכט דענסטמאָל וואָס וועט זיין שפּעטער ווען אָט די קינדערלעך וועלן אויסוואַקסן און וועלן שוין האָבן אין זיך אַריינגענומען די באַציאונגען, פאָראורטיילן, זיטן און מאָראַלן פון אונדזער ציוויליזאַציע. וועלן זיי דענסטמאָל אויך זיין אַזוי פאַר־אייניקט ווי איצט וועט אויך דענסטמאָל ביי זיי ניט זיין קיין אונטער־שייד צווישן אָרעם, רייך, קאָליר און ראַסע!

***

גיין מיטן שטראָם איז באַקוועמער ווי גיין קעגן אים. די וואָס פּרובירן גיין קעגן דעם שטראָם, ווערן אָפט אויסגעחוזקט און אַנטוישט. די אמת גרויסע גייסטער הויבן זיך אָבער אויך איבער דעם ביטול און גייען אַנטקעגן דעם שטראָם און ברענגען אַרויס פאַר דער מענטש־הייט זייערע לויטערע און קלאָרע אידעאַלן.

דער אמת

דער אמת איז דעם מענטשנס העכסטער, עטישער אויסדרוק, ער איז אוניווערסאַל, דאָס אַלערהעכסטע אין אונדזער לעבן. וואָס דרייסטער, וואָס מוטיקער, איינער זאָגט דעם אמת אַרויס, אַלץ מערער ווערט ער באַוואונדערט, פאַרהערליכט און פאַרגעטערט. ער ווערט דער גרויסער אומשטערבלעכער העלד וועמען מען שטעלט מאָנומענטן כדי אים צו פאַראייביקן אין דער געשיכטע. און דאָך זעען מיר אינעם מענטשנס גאַנצער אידעאַלער ליבע פאַרן אמת אויך זיין מורא. זיינע בלערליי מאַנעווורעס דעם אמת פשוט צו דערשטיקן. גאַנצע בערג מיט ווערטער בויט מען אויף כדי דעם אמת צו באַהאַלטן. מען קליגט זיך מיט אַלערליי פאַרשפּיצטע און צוגעטראַכטע פאָרמולעס, מאַראַלן און דאָגמעס אים צו פאַרטונקלען און פאַרדעקן. אַלע קונציקע מיטלען נוצט מען אויס אַבי אים ניט אַרויסצוזאָגן, ווייל אַרויסזאָגן אַן אמת מיינט אָפט צילן דעם שפּיז אַקעגן זיך אַליין, אָפּדעקן דעם אייגענעם פּרצוף, אַראָפּציען פון זיך דעם גייסטיקן לבוש און זיך באַווייזן פאַר דער וועלט אין דער גאַנצער מיאוסער נאַקעטקייט.

מיין געלייטערט וואָרט

מיין געלייטערט וואָרט, דאָס סאַמע שענסטע וואָס גליט אין מיר, האָב איך אַן לוין מיינע ברידער אַוועקגעגעבן. מיין נשמה האָב איך קיינמאָל ניט געוואָרפן צו די פיס פון די אַליין־געקרוינטע געטער. איך האָב געוואָלט באַגייסטערן מיינע ברידער מיט מיין פלאַמיק, אויסגע־ווייטיקט ליד. איך האָב געזוכט אַריינגעבן אין זייער לעבן אינהאַלט, זין, אַריינגיסן אין זייערע נשמות ליבע, שיינקייט, קינסטלערישן רייץ, וואָס זאָל אויספילן זייער צער און צאָרן, דעם אומעט וואָס מאַרשירט אויף זייער אומבאַהאָלפענעם שיקזאַל, די שווערע שטימונגען און מרה שחורהדיקע ווייטאָקן פון זייערע פאַרקלעמטע הערצער, די דערנער וואָס שפּרייטן זיך מיט לאַנגזאַמע טריט אין זייער געמאַטערטן לעבן. אין מיין שטאַרקן ווילן איז אָבער געלעגן אַ געמיש פון עקסטאַז און אַפּאַטיע, דערהויבונג און דערשלאָגנקייט. די שטענדיקע טעמפּע מענטשלעכע געפאַלנקייט, די כסדרדיקע עוולות פון איין ברודער קעגן

צווייטן, זייער ציניזם, האָט מיין באַגליקטן שמייכל געלאָשן מיט אַ באַשווערטן, אומדערטרעגלעכן געפיל, וואָס האָט תמיד צוזאַמענגע־שטראָמט מיינע געדאַנקען אין איין גרויסער פאַרצווייפלונג מיט מיין פאַרשריגן, בלוטיק וואָרט.

מיינע שוואַכקייטן

מיינע שוואַכקייטן זיינען מיינע שטראָף ריטער, מיינע זינד. איך ווייס זייער שעדלעכן איינפלוס אויף מיין לעבן. אָבער איך האָב צופיל פרייגעביקייט און ווייניק אימפעט זיי איינצוקרעמפּעווען מיט אַ פעס־טער ווילנס־קראַפט. אָפּטמאָל בין איך טאַקע מיין אייגענער, ביטערער קריטיקער און שליידער אין זיך די שטאַרקסטע פיילן כאָטש איך געפין באַלד אויס עפּעס אַ זכות זיך דערפון צו באַפרייען. אָבער אין מיינע גרעסטע נויטן פעלט מיר אוים כוח צו קעמפן קעגן דער געשאַפענער לאַגע, קעגן דעם גזר וואָס מאַרשירט אין מיין לעבן און פאַרבלייב אָן דעם מינדסטן ווילן און פאַרלאַנג צו געפינען אַן אויסוועג פאַר מיינע אומגינסטיקע אומשטענדן.

יעדער מיסדערפאָלג מאַכט מיך אָפּהענגיק און ווייכלאָז; איך פיל זיך דענסטמאָל דערשלאָגן און מינדערוויכטיק. איך לאָז אַ רע־זיגנירטער אַראָפּ מיינע הענט און זינק אין אַ טיפער מרה שחורה. אין מינוטן פון חשבון הנפש טוט מיר באַנק אויף די טעותן און פעלערן וואָס איך בין באַגאַנגען און אויף דעם אַנדערן טאָג קען איך ווידער אָן דער קלענסטער אַנטשולדיקונג מיינע שוואַכקייטן און טעותן באַנייען.

איך האָב טענות צו דער וועלט און בין צערייצט און פאַרביטערט אַקעגן דער פריינטלאָזער סביבה אַרום מיר וואָס וויל מיך ניט פאַרשטיין און אָפּשאַצן. איך בין ניט ביכולת צו זען די סיבה און די שולד דערפון. דערפאַר מסתמא בין איך אין מיין לעבן אַ ניט־פאַרענדיקטער און אַ ניט־דערגאַנגענער. ווי אַ פויגל אָן פליגלען בלייב איך תמיד פויזנדיק אין מיין אָרעמן, גייסטלאָזן זומפּ פון וועלכן איך קען זיך ניט אַרויסהויבן.

אויפקלערונג

עטלעכע ווערטער וועגן דער צוזאַמענשטעלונג פון דעם בוך „קונסט און קינסטלער“ פון יעקב ראַדאַק.

אין די לעצטע פּאָר זאַמלשריפטן „די פעדער“ האָבן זיך געדרוקט עטלעכע שאַפונגען פון יעקב ראַדאַק, וואָס האָבן אַרויסגערופן לויב פון שרייבער און פון לייענער — ער אַליין האָט אָבער ניט דערלעבט צו הערן די שבחים וועגן זיי...

אַ שטיקל צייט נאָך זיין פטירה זיינען זיינע קינדער (נאָך ניט קיין פאַרהייראַטע) געקומען צו מיר מיט אַ פאַרלאַנג, איך זאָל זיי העלפן אַרויסגעבן זייער פאָטערס געבליבענע שריפטן אין בוכפאָרם. איך בין אַפילו ניט געווען גרייט צו נעמען אויף זיך אַזאַ אויפגאַבע, אָבער פריידיק־איבעראַשט פון דעם פאַקט, וואָס יידישע קינדער, געבוירענע אין אַמעריקע, וואָס האָבן אמת, געקראָגן אַ יידישע דערציאונג, געלערנט אין יידישער שולע פאַרשטייען, אַז עס איז זייער חוב צו זייער פאָטער אַרויסצוגעבן זיינע געבליבענע שריפטן אין אַ בוך — האָב איך איינגעשטימט זיי אין דעם צו העלפן.

די אַרבעט איז אָבער געווען אַ שווערע.

די געבליבענע שריפטן פון זייער פאָטער יעקב ראַדאַק זיינען ניט געווען גרייט צום דרוק, כאָטש זיי זיינען שוין געווען פריער געדרוקט אין צייטונגען און זשורנאַלן (אויף דער פּראָווינץ). עס האָט זיך ערשט גענויטיקט זיי, די שריפטן, צוזאַמענקלייבן (פון בערג אויסשניטן און דופּליקאַטן פון די צייטונגען און זשורנאַלן) זיי צוזאַמענליגן אין אַן אָרדענונג און דאַן ערשט אויסקלייבן די אַרטיקלען, וואָס זיינען פּאַסיק פאַרן בוך, וואָס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן.

צוטרעטנדיק צו דער פּראַקטישער אַרבעט האָב איך, צו מיין אַנטוישונג, דערזען, אַז די אַרטיקלען האָבן ניט אויף זיך קיין דאַטן און ניט קיין נעמען פון דער צייטונג וואו זיי זיינען געדרוקט געוואָרן. כדי דאָך ווי עס איז, אויפקלויבן די אַרטיקלען, האָב איך זיי געמוזט קלייבן לויט די ערשטע שורות פון אַרטיקל, כדי ניט אַריינצוגעבן אין בוך קיין דובליקאַטן — צו זיכער, אָבער, האָב איך ניט געקענט זיין. און די אָפּגעקליבענע אַרטיקלען

האָבן געמוזט אַרייַנגעגעבן ווערן אין בוך אַז אַ באַשטימטער אָרדענונג. און ווייל די אַרטיקלען זייַנען שוין געווען פֿריער געדרוקט, האָב איך זיי אויך געלאָזן אין זייַן פּוילישן דיאַלעקט, ווי ער האָט זיי געשריבן.

צוליב דעם אויך, וואָס די הויפּט־אַרטיקלען זייַנען געדרוקט געווען אין אַ ספּעציעלער פֿאָרם פֿון געמישטע פּאַראַגראַפֿן, וואָס קוקן אויס ווי פֿון איין גוס, האָב איך זיי באַצייכנט מיט רוימישע נומערן, כדי אַנצואַווייזן אַז דאָס זייַנען געווען באַזונדערע אַרטיקלען. איך האָב אויך אַרויסגעהויבן פֿון דער ים פּאַראַגראַפֿן אַז אויבער־קעפּלעך, די נעמען פֿון די שרייבער וועגן וועמען ער שרייבט, זיי באַצייכנט מיט אַ באַזונדער שריפֿט, מען זאָל זיי קענען געפֿינען און צוליב דעם אויך זיי שוין אַרייַנגענומען אין איבהאַלט פֿון בוך.

האָבנדיק אָבער אויסגעפּאַרטיקט אין דרוק דאָס בוך „קונסט און קינסטלער“ און האָבנדיק געלייענט די קאָרעקטור און באַמערקט די גייסט־רייכע אָפּשאַצונגען איבער אונדזערע קלאַסיקער, די טיפֿזיניקע און שאַרפֿע מיניאַטור־קריטיקן איבער ביכער און זייערע שרייבער און די בליצאַרטיקע פּאַראַגראַפֿן איבער דעם עצם פֿון ליטעראַרישער שאַפֿונג האָב איך דערפֿילט צופֿרידן וואָס איך האָב געקראָגן די געלעגנהייט צו צוברענגען נאָך אַ גוט בוך צום אוצר פֿון דער יידישער ליטעראַטור מיט דעם ווערק „קונסט און קינסטלער“ פֿון יעקב ראַדאַק.

— אהרן קאַרלין

אינהאַלט:

אונדזערע קלאַסיקער

מענדעלע מוכר ספרים — 9
י. ל. פרץ — 16
שלום עליכם — 28
אברהם רייזען — 33
יהואש — 40

קונסט און קינסטלער

שלום אַש — 82
יוסף אָפּאַטאָשו — 87
דוד איגנאַטאָוו — 149
דוד אײנהאָרן — 143
א. אַלמי — 156
דר. אונטערמאַן — 214
י. ז. אנוכי — 169
אפרים אויערבאַך — 84
ש. אַנסקי — 75
ש. אַפּטער — 192
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 109
פּ. בימקאָ — 162
דוד בערגעלסאָן — 166
בער באָראָכאָוו — 69
יעקב באַטאַשאַנסקי — 200
חיים נחמן ביאַליק — 183
ראובן ברײַנין — 177
אברהם גאָלדפאַדען — 53
יעקב גאָרדין — 58
דר. איסר גינזבורג — 130
נפתלי גראָס — 172
שמריהו גאָרעליק — 97
שאול גינזבורג — 128
ברוך גלאַזמאַן — 136
יעקב גלאַטשטײן — 186
יעקב דינעזאָן — 72
ש. דובנאָוו — 106
אברהם משה דילאָן — 169
משה לייב האַלפּערן — 144
פרץ הירשביין — 73
אחד העם — 151
מאָריס ווינטשעווסקי — 59
י. מ. ווייסענבערג — 75
יקיר וואַרשאַווסקי — 138
בעריש ווײַנשטײן — 70
עוזר וואַרשאַווסקי — 180
דר. חיים זשיטלאָווסקי — 63
י. י. זינגער — 149
דניאל טשאַרני — 172
ש. טענענבוים — 205
יוסף יפה — 54
י. ל. כהן — 198
אברהם ליעסין — 56
ז. ליבין — 51
מאַני לייב — 74
ה. לייוויק — 89

א. לייעלעס — 85
א. לוצקי — 102
זישע לאַנדוי — 175
מנחם — 184
איציק מאַנגער — 136
יואל מאַסטבוים — 108
נחמן מייזעל — 197
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — 185
בעל מחשבות — 119
ה. ד. נאָמבערג — 184
משה נאַדיר — 104
א. ניסענזאָן — 191
י. י. סיגאַל — 179
ז. סעגאַלאָוויטש — 158
יואל ענטין — 60
דוד עדעלשטאַדט — 59
דוד פּינסקי — 148
מענדעל פּראַגער — 78
דוד פרישמאַן — 147
שמעון פרוג — 57
אהרן צייטלין — 134
לעאָן קאָברין — 49
דר. א. קאַראַלניק — 174
אפרים קאַגאַנאָווסקי — 111
שלמה קיזער — 208
מאָריס ראָזענפעלד — 55
יונה ראָזענפעלד — 74
ב. ראַסקין — 76
א. ראַבאַי — 140
ש. ראָזענפעלד — 144
ה. רויזענבלאַט — 175
יוסף ראָלניק — 149
מנחם ריבאָלאָוו — 153
זלמן רייזען — 132
מלך ראַוויטש — 135
י. ה. ראַדאָשיצקי — 220
ל. ראָזאָף — 194
ל. שאַפּירא — 67
זלמן שניאור — 144
י. י. שוואַרץ — 161
נ. שמן — 202
משה שטיינגאַרט — 195
אסתר שומיאַטיטשער — 186
אליעזר שערמאַן — 170

שטימונגען

ניו יאָרק — 231
דאָס געזאַנג פון יוגנט — 233
אמת און פריינטשאַפט — 234
ליבע — 237
בלומען — 238
טרויער — 242
מיין פאָטער — 246
מיט דיר — 247
גלויבן — 248
קינדער — 250
דער אמת — 257
מיין געלייטערטע ווערט — 251
מיינע שוואַכקייטן — 252
אויפקלערונג — 253

2284-8
'63-2
AUG 15 1963
ALBANY PARK